STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00358

ALE VERK FUN DAVID FRISHMAN

David Frischmann

Permanent preservation of this book was made possible by
Paul Wyler
in memory of
Dvora & Yakir Wilensky

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק

פון דוד פרישמאַן

אַלע ווערק פון

דוד פרישמאַן

צווייטער באַנד

דריטע אויפלאַגע

פערלאַג לילי פרישמאַן

ערצעהלונגען

צווייטער טייל

וואַרשאָ — ניו־יאָרק 1937

אַלע רעכט רעזערווירט

Copyright by Lili Frishman

Printed in Poland

I

ביבלישע מעשיות
פון דער סעריע
אין דער מדבר

דער טאַנץ

מיין מאַמע האָט עס איבערגענומען פון איהר מאַמע, איהר מאַמע פון דער באָבע, די באָבע פון דער עלטער-באָבע, אַ דור פון אַ דור, אַ דור פון אַ דור — און מיין מאַמע האָט עס איבערגעגעבען מיר.

ווי די יודען זענען אַרויס פון מצרים, איז געווען צווישען די אַרויסגעהער איינער פונ׳ם עֵרֶב־רַב, שעהן פון געשטאַלט און בע-גערליך פון אויסזעהן, און ער האָט געהייסען פוט. אַלע ווייבלעך און אַלע מיידלעך פון איין עק מַחֲנֶה ביז צום אַנדערען עק מחנה האָבען איהם געפלעגט נאָכקוקען אַ גאַנצען טאָג, און ביינאַכט אויפ׳ן געלעגער האָדען זיי איהם געזעהען אין חלום. צו יענער צייט האָט איהם אוי גבעזעהן אַ מיידעל פונ׳ם הויז גֵרשום, פון דער משפחה פונ׳ם שטאַם מנשה, תִּמְנָע האָט זי געהייסען; דאָס פנים פונ׳ם מיידעל איז אין יענער מינוט רויט געוואָרען און פלוצלינג איז עס געוואָרען בלייך — און זי האָט איהם ליעב געקריגען.

אין יענע וואונדערליכע צייטען איז דער הימעל נאָך געווען ניי און טויזענדמאָל בלויער ווי יעצט, און די ערד איז געווען פריש און טויזענדמאָל גרינער ווי יעצט, און אויך די ליעבע איז געווען ניי און טויזענדמאָל שטאַרקער ווי יעצט.

און אויך דעם יונגענמאַן האָט עס געצויגען צום מיידעל, און ער איז נאָכגעפאָהרען נאָך איהר געצעלט טאָג-איין טאָג-אויס. ווי זי איז געפאָהרען פון רַעַמְסֵס קיין סוכּות, איז ער איהר נאָכגעפאָהרען שווייגענדיגערהייט, און ווי זי איז געפאָהרען פון סוכּות קיין אֵיתָם, איז ער איהר נאָכגעפאָהרען שווייגענדיגערהייט, און ווי זי איז גע-פאָהרען פון אֵיתָם קיין פִּי־הַחִירות נעבען בַּעַל-צְפוֹן, איז ער איהר נאָכגעפאָהרען שווייגענדיגערהייט. ווי אַ שאָטען אויף דער וואַנד

איז ער איהר אַלעמאָל נאָכגעפאָהרען. אין פּי-הַחִירוֹת, איינמאָל אינדערפריה, איז ער צוגעגאַנגען צו איהר, דענסמאָל ווען די זון האָט בליצענדיג געלויכטען, און האָט איהר דערלאַנגט אַ קליין רינג-געלע, געמאַכט פון ריינעם גינגאָלד, און האָט עס איהר אָנגעטהון אויפ'ן פינגער; די שטראַהלען פון דער זון זענען אַראָב אויפ'ן רינג-געל, און דאָס רינגעל האָט זיך געבאָדען אין ליכט, און עס האָט געפונקעלט און געלויכטען און עס האָט געבלישטשעט אַרום און אַרום. אין דער דאָזיגער מינוט האָט דער יונגערמאַן זיך אַראָבגעבויגען איבער איהר און האָט איהר אַ לאַנגען קוש געגעבען, און אויך דאָס מיידעל האָט איהם געקושט — און איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען זענען געוואָרען נאָכאַמאָל אַזוי גרויס.

און פון פּי-החירות זענען זיי צוזאַמען געצויגען ביז מָרָה און ביז אֵילִים און ביז'ן יַם-סוּף און ביז מִדְבַּר-סִין. בייטאָג האָט די זון געפלאַמט ביז צום אומקומען, און זיי האָבען עס נישט בעמערקט, און ביינאַכט האָבען זיי געהויערט ביים טויער פונ'ם געצעלט אויף דער שוועל, זיין לינקע האַנד אונטער איהר קאָפּ און זיין רעכטע אויף איהר האַרץ, און זיי האָבען קיין וואָרט נישט גערעדט. — אין מדבר-סין איז פּלוצלינג דער יונגערמאַן פערשוואונדען געוואָרען און מען האָט איהם פון איין עק מחנה ביז צום אַנדערען עק מחנה נישט מעהר געזעהן. פיעל האָבען געזאָגט, אַז ער האָט זי זאַט בע-קומען און ער איז אַוועק צוריק קיין מִצְרַיִם...

אָבער דאָס מיידעל האָט עס נישט געגלויבט. אינדערפריה איז זי אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעקוקט דעם רינג — און די גרויסע שוואַרצע אויגען זענען געוואָרען נאָכאַמאָל אַזוי גרויס; מיטאָג-צייט האָט זי גענומען דעם רינג און האָט איהם אָנגעקוקט, און האָט אַלץ געקוקט און געקוקט; ביינאַכט האָט זי איהם געלעגט אונטער איהר קישען און האָט איהם געזעהן אין חלום. ווער עס האָט אַזאַ רינג, דעם ברויכט דאָס האַרץ נישט שווער צו ווערען, און ווער עס האָט געגעבען אַזאַ רינג, דער קען נישט ווערען אונטריי. באַלד וועט ער צוריק-קעהרען.

דער יונגערמאַן איז אָבער נישט צוריקגעקעהרט. קומענדיג קיין דָפְקָה, האָבען זיך די ווייבלעך און די מיידלעך געסוד'עט, און האָ-

בען געקוקט אויף איהר מיט שפּאָט און מיט גיפט. דאָס מיידעל האָט עס אָבער נישט בעמערקט. זי האָט דעם רינג. אַלעס איבעריגע אַהרט זי נישט. דער רינג האָט אָנגעהויבען צו ווערען אַ וועגווייזער אין איהר לעבען.

אָבער אויך ווען די מחנה איז קיין אָלוש געקומען, איז דער יונגערמאַן נישט צוריקגעקעהרט. אַ לאַנגער קנייטש איז איהר אויסגעוואַקסען אויף איהר שטערען און האָט איהם געטיילט אין צווייען, און די גרויסע אויגען האָבען זיך בעדעקט מיט אַ נעפּעל. עס איז אַ שטילע, פינסטערע, שווערע טרויעריגקייט אַרויסגעשפּראָצט פּלוצלינג פון דער ערד און האָט געהויערט אַרום און אַרום. די ווייבלעך האָבען אויפגעהערט שפּאָטען. דאָס מיידעל אָבער האָט קיין שום זאַך נישט געטהון, נאָר זי האָט פון מינוט צו מינוט געקוקט אויפ'ן רינגעלע פונ'ם פינגער; און טיילמאָל האָט זי געלאַכט און טיילמאָל האָט זי געוויינט, טיילמאָל האָבען איהרע אויגען געלויכטען און טיילמאָל האָט זי זיך איינגעשלאָסען אין איהר געצעלט און האָט זיך בעהאַלטען, אַז עס זאָל זי נאָר קיין מענש נישט זעהן.

און ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין רְפִידִים, זענען די טעג געוועזען אַזוי וויסט און נאָך וויסטער זענען געוועזען די נעכט — און זי האָט אַלץ געוואַרט און געוואַרט. איינמאָל אינדערפריה איז זי אויפגעשטאַנען און האָט זיך גענומען דעם קופּפערנעם שפּיגעל; זי האָט זיך אין איהם אָנגעקוקט און האָט דערזעהן, אַז ביי דער שלייף אין דער הויך איז איהר אַ גרויע האָר אַרויסגעשפּראָצט — און זי האָט די האָר אויסגעריסען מיט די פינגער. די מיידלעך און די ווייבלעך האָבען זיך יעצט געשאַרט אַרום איהר און האָבען ווייך צו איהר גערעדט — זי אָבער האָט עס כמעט נישט געהערט. זי האָט נאָר איהר פינגערעל מיט איהר גאַנצער קראַפט געהאַלטען און האָט עס צוגעפּרעסט צום פינגער, און אָפט האָט זי געוואוסט, אַז עס איז דאָס פינגערעל, און אָפט האָט זי געמיינט, אַז נישט דאָס פינגערעל איז עס, נאָר דער יונגערמאַן, און זי פּרעסט איהם צו זיך. אָפט אָבער האָבען זיך איהר די געדאַנקען פערמישט, און זי האָט גאָרנישט מעהר געטראַכט.

אַזוי זענען זיי געקומען קיין מִדְבַּר-סִינַי. דאָס מיידעל האָט דאָס

רינגעלע פון טאָג צו טאָג פעסטער צוגעפּרעסט צום פינגער. דאָס רינ־געלע איז איהר געוואָרען אַ צווייטע נשמה, אָן וועלכער איהר גאַנץ לעבען העננט. אַלע איהרע וואונשען און אַלע איהרע חלומות האָבען זיך פערקערפּערט אין דעם דאָזיגען רינגעלע. וואָס איהר איז געשעהן און וואָס עס וועט נאָך געשעהן מיט איהר, אַלץ האָט זי צונויפגעשמאָל־צען מיט דעם רינג. אַזוי לאַנג ווי זי וועט דעם דאָזיגען רינג האָבען, מעג זי האָפען — און האָפען האָט זי געוואָלט.

•

און אין מדבר־סיני האָבען זיך דערווייל גרויסע געוואַלדיגע גע־שעהענישען אָבגעשפּיעלט. אַ גאָט האָט דאָס פאָלק פערלאַנגט, און זעהן זאָל מען איהם קענען און אָנטאַפּען מיט דער האַנד זאָל מען איהם קע־נען צו יעדער מינוט. און דאָס פאָלק האָט זיך פערזאַמעלט אַרום דעם כהן־גדול און האָט געוואַלדעוועט און האָט געשריגען: שטעה אויף און מאַך אונז אַ גאָט! מיר וועלען נישט אָבטרעטען ביז דו וועסט אונז נישט האָבען געמאַכט אַ גאָט! — און דער כהן האָט אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך און האָט זיי אַראָבגעלאָזט ווידער צו דער ערד און האָט אַ קרעכץ געגעבען און האָט געזאָגט: מאָרגען וועל איך אייך מאַכען אַ גאָט. זאָל נאָר יעדער פון אייך געבען אַ קשיטה אָדער אַ נאָז־רינג אָדער אַ האַנד־רינג אָדער גלאָט אַ ווערטזאַך פון גאָלד, וועל איך פון דעם דאָזיגען גאָלד אייך מאַכען אַ גאָט!

צומאָרגענס אינדערפריה האָט דער טאָג געברענט ווי אַ קאַלך־אויווען. פונ׳ם טויער פון כהן־גדול׳ס געצעלט איז אַרויס אַ נייער גרוי־סער וואָגען, איינגעשפּאַנט צו צוויי רויטע אָקסען, און דער וואָגען איז געווען אָבגעגילט אין די זייטען און האָט געפונקעלט און געבלישטשעט, וואו ער האָט זיך געקעהרט, און די הערנער פון די אָקסען זענען גע־ווען בעדעקט מיט פונקעלדיגען גאָלד, און רויטע און בלויע בענדער זענען געווען צוגעבונדען צו די הערנער און האָבען אַרומגעפלאַטערט אין דער לופט. אויף די רוקענס פון די אָקסען זענען געלעגען אויסגע־שפּרייט בלויע גאָלד־געשטיקטע דעקען, און פוןביידע זייטען וואָגען

זענען געגאַנגען צווי כּהנים, פון יעדער זייט איינער, אָנגעטהאָן אין זיידענע העמדלעך מיט אַנ׳אֵפוד און מיט אַ חושן און אין די הענד שופרות, און די מילגרוימענע גלעקלעך ביי׳ם זוים פון זייערע קליידער האָבען געקלימפּערט ביי זייער געהן. פּאַמעליך האָבען זיך בעוועגט די אין דעם וואָגען איינגעשפּאַנטע אָקסען, און ווי דער וואָגען האָט זיך בעוועגט, האָבען די כּהנים געבלאָזען מיט די שופרות, און ווי עס האָט זיך געהערט דאָס קול פון די שופרות, איז דאָס פאָלק אַרויס פון די געצעלטען, און יעדער איז אַרויס מיט זיין ווייב און זיינע זיהן און זיינע טעכטער און זיי האָבען זיך אַוועקגעשטעלט יעדער פאַר זיין געצעלט. אַזוי איז דער וואָגען דורכגעפאָהרען די גאַנצע מחנה, פון איין עק ביז צום אַנדערען עק, פאַר יעדען געצעלט, און די מענער און די ווייבער, אַלט און יונג, אָרים און רייך, האָבען אַריינגעוואָרפען יעדער עפּעס אַ גאָלד-זאַך אין דעם וואָגען, אַ נדבה, פון וועלכער עס זאָל געמאַכט ווערען דער גאָט. עס איז אינ׳ם גאַנצען גבול נישט איבערגעבליבען קיין איין איינציגער, סיי מאַנסביל סיי פרוי, וואָס זאָל נישט האָבען געגעבען זיין טייל. די מאַנסבילען האָבען געגעבען קשיטות און גאָלד-קייטעלעך און הונדערט אַנדערע גאָלד-זאַכען און די פרויען האָבען אַראָבגענומען פון זיך די אויער-רינגען און די נאָז-רינגען און די האַנד-רינגען און די אָרעם-בענדער און די האַלז-בענדער און די בראָשקעס און האָבען דאָס אַלעס אַריינגעוואָרפען אינ׳ם וואָגען. אָרים און רייך האָבען געגעבען — דען י ע ד ע ר האָט געוואָלט האָבען אַ חלק אין גאָט. ווי אַ שכרות האָט עס געהאַט אַרומגענומען דעם גאַנצען עולם. אויף די שוועלען פון די געצעלטען און אין די פענסטער און אויף די דעכער-גאַנעקעס איז דאָס פאָלק געשטאַנען און האָט אָבגעוואַרט דעם וואָגען, און גאָלדענע לייכטערס און גאָלדענע פאַנען און גאָלדענע רעהרען און גאָלדענע שיסלען זענען געפלויגען פון אַלע זייטען אין דעם וואָגען אַריין, און גאָלדענע בעכערס און גאָלדענע פאַמיליען-הערבען; און עפּעס אַ רייכע דאַמע האָט זיך געאיילט און האָט געכאַפּט דאָס גאָלדענע פייפעל, מיט וועלכען איהר קראַנק קינד ביי דער ברוסט האָט זיך געשפּיעלט, און האָט עס אַריינגעשליידערט אינ׳ם וואָגען. דער וואָגען איז געוואָרען אָנגעלאָדען מיט גאָלד און איבערפולט ביז אַרויף און האָט זיך קוים נאָך געקענט ריהרען פון אָרט — און דאָס פאָלק האָט אַלץ נאָך נישט אויפגעהערט צו וואַרפען.

אַזוי האָט דער וואָגען זיך צוגעשלעפּט אויך ביז צום טויער פון תּמנע׳ס געצעלט.

און תּמנע שטעהט פאַר דער טיר מיט׳ן רינגעלע אויפ׳ן פינגער. ניין! אַלץ אין דער וועלט וועט זי געבען, נאָר נישט דאָס דאָזיגע רינגעלע. איהר גאַנץ לעבען איז דאָך איינגעשמאָלצען אין דעם דאָזיגען רינגעלע, אַלץ וואָס זי האָט און אַלץ וואָס זי האָט געהאַט. דאָס רינגעלע וועט זי נישט געבען, נישט געבען! נישט געבען! נישט געבען! — און דער וואָגען קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער, און פון די דעכער און פון די פענסטער און פון די גאַנעקעס אַראָב וואַרפען איהרע שכנ׳טעס, יעדע וואָס זי האָט. פונ׳ם גאַנעק נעבען איהר פליהט גראָד אַ גאָלדענער נאָז-רינג פאַרביי פאַר איהרע אויגען און זינקט און ווערט בעגראָבען אינ׳ם גאָלדבאַרג — אינ׳ם וואָגען; און אָט פליהט אויך אַ גאָלדענער בעכער, און אָט אָט אויך אַ גרויסע גאָלדענע שיסעל. עפּעס ווי אַ שכרות האָט עס אַרומגענומען די גאַנצע מחנה, מאַנסביל און פרוי, יונג און אַלט, אָרים און רייך, און איינער האָט זיך אָנגעשטעקט פונ׳ם צווייטען. אין דער דאָזיגער מינוט איז דער וואָגען צוגעקומען האַרט פאַר׳ן געצעלט, און די כהנים בלאָזען און די אָקסען בלעקענען און די גלעקלעך קלימפּערען, און תּמנע שטעהט האַרט נעבען וואָגען. אַ שרעק איז פּלוצלינג אָנגעפאַלען אויף איהר, און זי האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. מיט׳ן פינגער פון דער רעכטער האַנד האָט זי אַראָבגעצויגען דאָס רינגעלע פונ׳ם פינגער פון דער לינקער האַנד און האָט עס צוריק אַרויפגעצויגען, אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, ווי זיך שפּיעלענדיג דערמיט און אַליין נישט וויסענדיג וואָס זי טהוט, און פּלוצלינג האָט זיך דאָס רינגעלע אַראָבגעגליטשט פונ׳ם פינגער און אַ מינוט שפּעטער איז עס שוין געלעגען אין דעם גרויסען גאָלד-באַרג, אינ׳ם וואָגען. אין דער דאָזיגער מינוט האָט זי געפיהלט, אַז עפּעס האָט זיך אַ רוק געגעבען אין איהר האַרץ און עס האָט זיך וואָס איבערגעריסען דאָרט און איהר האַרץ איז פּלוצלינג געוואָרען לעדיג. פּלוצלינג איז דער וואָגען פאַרשוואונדען געוואָרען און אַלע מענשען און אַלץ אַרום און אַרום, און די זון איז אויסגעלאָשען געוואָרען אויף אַ מינוט לאַנג. אַ מינוט שפּעטער האָט זי ווידער דערזעהן דעם וואָגען — און נאָר אַרום און אַרום איז געבליבען פינסטער. אין דער דאָזיגער מינוט האָט דאָס מיי־

דעל פלוצלינג אויף קלאָר געוואוסט, אַז איהר אויסדערוועהלטער וועט שוין קיינמאָל צו איהר נישט צוריקקומען און אַז פאַר איהרעטוועגען איז ער שוין געשטאָרבען אויף אייביג.

און דער וואָגען איז פאַמעליך זיך ווייטער געפאָהרען און האָט צונויפגעקליבען דעם רעשט, וואָס דאָס פאָלק האָט נאָך געהאַט צו געבען, און אַזוי איז ער אָנגעקומען ביז צום עק פון דער מחנה.

*

אַ טאָג דערויף איז געווען אַ גרויסער יום־טוב אין דער מחנה. דער כהן־גדול האָט גענומען דאָס גאַנצע גאָלד, וואָס דער וואָגען האָט געבראַכט, און האָט עס אַריינגעוואָרפען אין פייער, און דאַן האָט ער גענומען אַ פאָרם און האָט מיט אַ צירקעל דעם גאָס אַזוי לאַנג געפאָרעמט, ביז עס איז אַרויסגעקומען אַ גאָלדען קאַלב — אַ גאָט. און דאָס פאָלק האָט דערזעהן דעם גאָט, און האָט געשאַלט פאַר פרייד, דאַן האָט דער כהן געבויט אַ מִזְבֵּחַ און האָט מקריב געווען די עוֹלוֹת און האָט דערנעהנטערט די שְׁלָמִים, וואָס דאָס פאָלק האָט געבראַכט. און די פרייד איז געווען גרויס. און דאָס פאָלק האָט זיך אַוועקגעזעצט עסען און טרינקען, און דאַן איז עס אויפגעשטאַנען שפּיעלען, און עס זענען אַרויסגעגאַנגען די ווייבלעך און אַלע מיידלעך, און די מאַנסבילען האָבען געפייפט אויף די פייפלעך און געקלאַפּט אין די פויקען, און די פרויען האָבען זיך דערלאַנגט די הענד, איינע דער אַנדערער, און האָבען אַרומגערינגעלט דאָס קאַלב און האָבען אָנגעהויבען טאַנצען.

און פלוצלינג האָבען אַלע זיך אָבגערוקט און האָבען אַנ׳אָרט געמאַכט: עס האָט זיך אַ מיידעל בעוויזען פלוצלינג צווישען די טענצערינס, און זי טאַנצט עפּעס אַזוי וואונדערליך, ווי עס האָט נאָך קיינע נישט געטאַנצט. אַט בעוועגט זי די פיס און אַט דעם קאָפּ און אַט די שענקלען, איינמאָל אַרויף און איינמאָל אַראָב, איינמאָל הינטערווילעכץ און איינמאָל נאָך פאָרענט, איינמאָל טויט־שטיל און איינמאָל ווילד, אַז אַ שרעק פאַלט אָן אויף אַלעמען און די האָר שטעלען זיך קאַפּויר. איז דאָס נישט תְּמְנַע, פוּנ׳ם הויז גרשום פון דער משפחה פוּנ׳ם שטאַם מְנַשֶׁה?

יעצט טאַנצט זי שטיל און פּאַמעליך און רוהיג — און עס גרינט און בליהט אַרום און אַרום און עס שיינען די ערשטע טעג פון איהר האָפנונג. עס בליהט און גרינט אויף דער ערד און עס בליהט און גרינט אין איהר האַרץ, און לאַנגזאַם בויגט זי דעם קאָפּ נאָך פאָרענט, און דאָס פנים און די אויגען לויכטען, און דער ערשטער קוש איז געגעבען...

פלוצלינג וואַרפט זי און שלענגעלט זי און רינגעלט זי זיך ווי אַ שלאַנג — און דער ערשטער שמערץ איז דאַ, און דער ווינד האָט געבלאָזען אויף די בלומען און אויף איהר האַרץ און אַ פראָסט און אַ פורכט איז געפאַלען...

אין אַ מינוט שפּעטער טופּעט זי אויף די שפּיץ-פינגער, און זי ווערט העכער און גרעסער, טופּ-טופּ, טופּ-טופּ: זי האָט נאָך דעם רינג זי האָט נאָך דעם רינג! איהר גאַנץ לעבען און איהר גאַנצע נשמה, צוזאַמען מיט איהר אויסדערוועהלטען, שטעקען אין דעם דאָזיגען רינג און דאָס אַלץ איז נאָר איינס!

און ווידער שלעפּט זי זיך שווער, און אָבגעשטאָרבען זענען איהרע גלידער און די מוסקולען זענען פערשטיינערט — און די האָפנונג ווערט אַזוי שוואַך און זי צערינט און זי שטאַרבט אָב, און קוים נאָך וואָס עס הערט זיך: אפשר, אפשר, אפשר...

און פלוצלינג שטורעמט זי פונ׳ם אָרט און דער קאָפּ איז הויך צוריקגעוואָרפען: דעם וועט זי נישט געבען! נישט געבען! און זאָל דאָ קומען, וואָס עס וויל!

און נאָך אַ מינוט און זי נעהמט מיט איין לויף אַ ראָד אַרום דעם קאָלב און זי דרעהט זיך ווילד ווי אַ קרייזעל אינ׳ם ווינד און — איהר גאַנצען רעשט האָט זי אַריינגעגאָסען אין דעם דאָזיגען גאָט! איהר איינציגען האָט זי איהם אַוועקגעגעבען! און יעצט שטעקט ער דאָרט!

און זי טאַנצט שטורמיש און ווילד, די פיס בעריהרען כמעט נישט די ערד, און אַ מינוט איז זי נאָהנט צו דער זון און אַ מינוט איז זי וויט פון איהר — און דער שמערץ האָט אויפגעהערט און איז צעגאַנגען און צעפלאָסען. זי האָט אין זיך נישט קיין נשמה, נאָר אַ דערוועהלטען, און נישט דער דערוועהלטער איז עס, נאָר אַ רינג, און נישט דער רינג, און נאָר איהר לעבען איז עס — און זי טאַנצט ווילד

און שטורמיש. יעצט איז עס אויך נישט מעהר איהר לעבען, נאָר אַ גאָט איז עס — און דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעגאָסען אין איינס, און זי ווייסט עס נישט מעהר פונאַנדערצוהאַלטען. און די נשמה איז אַריין אין איהר דערוועהלטען, און דער דערוועהלטער איז אין רינג, און דער רינג האָט זיך פערוואַנדעלט און איז איהר געוואָרען דאָס לעבען, און דאָס לעבען האָט פלוצלינג אויפגעהערט און עס איז געוואָרען אַ גאָט.

און דער טאַנץ ווערט אַלץ שטאַרקער, אַלץ ווילדער. דער שמערץ האָט אינגאַנצען שוין אויפגעהערט און עס איז נאָר אַ גאָט פאַרהאַנען. עס איז נישט מעהר איהר שמערץ, עס איז דער שמערץ פון אַלעמען. גאָט האָט איהם איבערגענומען, און עס איז דער גאָט פון אַלעמען. און דער טאַנץ ווערט אַלץ שטאַרקער, אַלץ ווילדער, און די שטורמישקייט ווערט גרעסער און די ווילדקייט ווערט שרעקליכער – און אַ שרעק פאַלט אָן אויפ'ן גאַנצען פאָלק אַרום און אַרום, און יעדער וואַרפט אַוועק פון זיך זיין פויק און זיין פייפעל, און אַלץ בלייבט שטעהן ווי פערגליווערט, און פלוצלינג אַנטלויפען אַלע ווייט, ווייט...

און זי טאַנצט אַלץ ווייטער אָהן סוף, אָהן גרעניץ, אָהן אויפהער. אויף איהרע ליפען בעוויזט זיך אַ ווייסער שוים און די גלידער זעהען ווי נישט מעהר איינצוהאַלטען, און פלוצלינג פאַלט זי אַנידער.

ווען מען האָט זי אויפגעהויבען, איז זי געוועזען טויט.

מיט דער אָל

דאָס איז געווען אין צווייטען יאָהר זינט דעם, ווי די יודען זענען אַרויס פון מצרים, אין נײנטען חודש פון יענעם יאָהר.

...אַרום און אַרום איז געווען די שרעקליכע מדבר — טיפע געלע זאַמדען, וואָס אַז מ'האָט דאָרט אַ פוס אַריינגעשטעקט, האָט מען איהם מעהר נישט געקאָנט אַרויסנעהמען. דאָס זאַמד האָט בראַנדיג געגליהט און איבער דעם זאַמד אין דער הויך איז געלעגען עפּעס אַ מין בלוּיליכער נעפּעל. און פלעגט אַמאָל אויף אַ איינואַמען פעלן אַרויסשפּראָצען עפּעס אַ קליינער שטרויך אָדער אַן'עלענד גרעזעל אָדער אַ ווילד געוויקס, איז די פאַרב פון דעם געוויקס געוועזן נישט גרין, נאָר העל־געל. אַ ווײלע האָט עס געשפּראָצט און דאַן אַ ווײלע געלעכצט און געשמאַכט, ביז עס האָט פערוועלקט און פערדאַרט און אָבגעשטאָרבען. מאָמענטענווייז האָט זיך אויפגעהויבען אַ מעכטיגער הייסער ווירבעל־ווינד, טראָגענדיג מיט זיך נייע זאַמד־זיילען, וואָס האָבען צוגעדעקט די אויבערפלאַך פון דער ערד, אין איין אויגענבליק אָבער איז דער שטורם אַריבער און אַלץ איז ווידער געוועזן ווי פריהער. די שטילקייט איז גרויס און שווער, ביז צו דערשטיקט ווערען און צו חלש'ען. בלויז פון צייט צו צייט הערט זיך דאָס געבריל פון אַ הונגעריגען לייב און באַלד דערנאָך דאָס געשריי פון אַ איינזאַם יונג לייבעלע און דאַן דער מאוּימדיגער אויסגעצויגענער קרעכץ פון אַ סאָווע, און דאַן דערטראָגט זיך פלוּצלינג אויך דער קוויטש פון אַ רויב־פויגעל אויף די בערג. אין אַ ווײלע אַרום ווערט ווידעראַמאָל שטיל ווי פריהער. די מדבר שמאַכט אין דער מיטאָג־היץ און אַלץ אַרום איז מיעד און מאַט און פערחלש'ט.

אין דער גרויסער און שרעקליכער וויסטע זענען פאַרהאַן שפּורען פון מענשען־טריט. איבער די ווייניג אויסגעטרעטענע וועגע־

ציהען קאַראַוואַנען פון וואַנדערענדע שְׁבָטִים, וואָס זענען אַרויס פון מצרים, און די שבטים דורשטען נאָך פרייהייט און זוכען אַ צוקונפט. זיי געהען ערגאָבערען אַ לאַנד.

צופוסענס פון די בערג און צווישען די שאָטענדיגע פעלזען זענען פונאַנדערגעשטעלט געצעלטען אין די צעהנדליגער, אין די הונדערטער, און דאָס איבעריגע פאָלק, וואָס האָט נישט קיין געצעלטען, איז צעשפרייט איבער דעם גרויסען סטעפּ אין די טהאָלען און אין די שפּאַלטען פון די פעלזען און זיי לאַגערען אויפ׳ן פעלד. פון צייט צו צייט הויבען זיי אויף זייערע אויגען צום אוֹהֶל-מוֹעֵד, וואָס שטעהט אויפ׳ן שפּיץ פון דעם גרויסען באַרג, וועלכער איז בעדעקט מיט אַ וואָלקען.

פלוצלינג הילכט-אָב דער קלאַנג פון אַ טראָמפּייט און צוויי פּויקען. דער טראָמפּייטער שאַלט און די פּויקען בעגלייטען איהם.

און דאָס גאַנצע פאָלק אַרום האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, יעדער מיט זיין בויגען און פיילען-טאַש — די גאַנצע גרויסע מחנה, וואָס האָט געלאַגערט אין פעלד: נישט אַנדערש, נאָר עס דערנעהנטערט זיך פלוצלינג עפּעס אַ ווילדער געפעהרליכער שֵׁבֶט, יִשְׁמְעֵאלִים אָדער מִדְיָנִים צי כּוּשִׁים, וואָס פלאַנען אַ אָנפאַל.

אָבער דאָס פאָלק האָט זיך טועה געווען: ס׳איז נישט געווען קיין שום ווילדער שבט, נאָר דאָס האָט מען גערופען דאָס פאָלק צו פערזאַמלען זיך פאַר איינעם פון די געצעלטען אום בייצוואוינען אַן׳אויסטערליש בילד, וואָס וועט איהם געוויזען ווערען.

און דאָס בילד איז ווירקליך געווען אויסטערליש. אַ מאַן פונ׳ם הויז לֵוִי, פון דער משפחה קְהָת, אֱלִצָפָן דער זוהן פון עוּזִיאֵל, האָט מיט זעקס יאָהר צוריק, ווען ער איז נאָר וואָס געהאַט אַריבער דעם יַם־סוּף, געקויפט אַ אידישען קנעכט, יָרְקְעָם דעם זוהן פון רַחַם, און ער האָט איהם איצט געוואָלט בעפרייען פון דיענסט אומזיסט, ווייל עס האָט שוין אָנגערוקט דאָס זיבעטע יאָהר, אָבער דער קנעכט וויל נישט אַוועק און קלאַמערט זיך אָן די ווינקלען פון זיין הערר׳ס געצעלט און קיינער קאָן איהם פון דאָרט נישט אָברייסען.

און דער טראָמפּייטער בלאָזט אין דער טראָמפּייט און די

פויקערס קלאַפּן אין די פויקען און דאָס פאָלק פערזאַמעלט זיך אַרום.

און אויך דער כֹּהן איז שוין אָנגעקומען.

אֶלְצָפָן דער זוהן פון עוּזִיאֵל שטעהט ביים טויער פון׳ם געצעלט און בעמיהט זיך איבערצורעדען דעם קנעכט, אָבער דער קנעכט האָט זיך פערעקשנט און האַלט זיך ביי איינס: איך וויל נישט בעפרייט ווערען.

דאַן האָט זיך צו איהם דער כהן דערנעהנטערט און איינגעטענה׳ט מיט איהם, פּרובענדיג איהם אויפצוקלערען וואָס עס איז אַזוינס פרייהייט און וואָס קנעכטשאַפט, און אַז אַ מענש איז געבוירען צו זיין פריי און נישט קיין שקלאַף צו קיין הערר, און מעג דער הערר זיין נאָך אַזוי גנעדיג און גוטהערציג ווי אַ מלאך—אָבער דער קנעכט האַלט זיך ביי איינס: איך וויל נישט פריי זיין.

און אויך פון צווישען דעם פאָלק איז צו איהם צוגעטרעטען איינער און אַ צווייטער און מיט איהם איינגעטענה׳ט, אָבער ער האַלט זיך ביי זיינס: איך וויל נישט פריי ווערען.

דאָ האָט אלצפן דער זוהן פון עוזיאל נאָכאַמאָל געפּרובט מיט איהם רעדען:

— יָרְקעם! צי קענסטו מיר זאָגען פאַרוואָס דו ווילסט נישט בעפרייט ווערען?

— איך האָב ליעב מיין הערר! — האָט געענטפערט דער קנעכט מיט זיסע רייד און אַ חֲנוּפָה׳דיגען שמייכעל.

— אָבער איך האָב דאָך דיך נישט ליעב! ביזטו דאָך געוועזען צו שאַנד אין מיין געצעלט, מען האָט דיך בעשפּיגען און געשלאָגען און נישט איינמאָל אויף דיר די הינד און די שאָף אָנגערייצט, און אַפילו די נידריגסטע פון מיינע דיענסט-מוידען פלעגט דיך בעליידיגען, אָהן אויפהער האָט מען דיך פערפאָלגט, און דו טענה׳סט גאָר פלוצלינג: איך האָב ליעב מיין הערר. צי ווייסטו דען וואָס דו רעדסט?

— איך האָב ליעב מיין הערר, מיין ווייב און מיינע קינדער!

— אָבער דו זאָגסט דאָך ליגען. דאָס קייסטו דאָך בלויז איבער אַ פוסט וואָרט, וואָס דו האָסט דיר צוגעוועהנט. מיר אַלע ווייסען

וואויל, אַז דיין ווייב איז דיר מיאוס און דיינע קינדער האָסטו פֿערוואָהרלאָזט און אַז די אַלע רייד, וואָס דו רעדסט, זענען בלויז אַ פּוסטער אויסרייד. צי איז דיר נישט טויזענדמאָל גלייכער, אַז דו זאָלסט אויפֿהערען מיט די אַלע פּוסטע רייד און זיך בעפֿרייען פֿון דיין קנעכטשאַפֿט?

— איך האָב ליעב מיין הערר, מיין ווייב און קינדער, איך וויל נישט פֿריי ווערען.

— גוט. אָט גיב איך דיר נאָך עפּעס: דו וועסט נישט אַליין אַוועקגעהן, נאָר איך וועל דיר מיטגעבען אויך דיין ווייב און קינדער. צי וועסטו געהן?

— ניין, איך וועל נישט אַוועקגעהן. איך האָב ליעב מיין הערר, אוי, ווי ליעב! איך וועל אָהן מיין הערר נישט קענען לעבען. איך וויל נישט בעפֿרייט ווערען. צו וואָס טויג מיר די פֿרייהייט? ניין, איך וויל נישט פֿריי זיין!

און דער קנעכט האָט געוואָיעט ווי אַ הונד.

פּלוצלינג האָט דער כּהן אויפֿגעהויבען זיין שטים:

— די דאָזיגע ווערטער זענען די לעצטע. מעהר לאָז איך דיך קיין וואָרט נישט רעדען. אָט טרעטען מיר צו צו טהון דאָס רעכט לויט׳ן געזעץ.

און דער כּהן האָט אָנגעטהון זיין ווייס העמדעל און דעם אֵפוֹד-גאַרטעל.

דאָס פֿאָלק אַרום האָט זיך געשטופּט צוצוקומען וואָס נעהנ־טער, אום צו זעהן דאָס בילד, און ווער עס איז געווען קליין גע־וואקסען, האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף די שפּיץ־פֿינגער.

— דערלאַנגט די אָל — בעפֿעהלט דער כּהן אויף אַ קול.

און די אָל ווערט דערלאַנגט.

— ברענט זי דורך צוערשט אין פֿייער, אַז זי זאָל אינגאַנצען גליהען — בעפֿעהלט דער כּהן ווייטער.

און די אָל ווערט געלעגט אין פֿייער, ביז זי ווערט רויט און דאַן ברענגט מען זי צום כּהן.

— שטעלט צוויי עדות! — בעפעהלט דער כהן ווידעראַמאָל.

און צוויי מענער טיילען זיך אָב פונם פאָלק און שטעלען זיך נעבען אלצפן דעם זוהן פון עוזיאל.

דער כהן הויבט אויף זיינע אויגען צום הימעל, און שפרייט אויס די הענד און זאָגט:

— אֶלצפן דער זוהן פון עוזיאל! אָט האָסטו דעם דאָזיגען פעראַכטעטען קנעכט ירקעם דעם זוהן פון רחם, וועלכען דו האָסט געקויפט, ווען דו ביזט אַריבער דעם ים־סוף מיט זעקס יאָהר צוריק. זעקס יאָהר האָט ער דיר געדיענט און צום זיבעטען יאָהר האָסטו איהם געוואָלט בעפרייען אומזיסט, אָבער עס האָט נישט געוואָלט ירקעם דער זוהן פון רחם, דער דאָזיגער פעראַכטעטער קנעכט, פריי ווערען, עדות איז דאָס גאַנצע פאָלק און עדות זענען אויך די צוויי, וואָס ווערען דאָס אונטער׳חתמ׳ענען, און דו ביזט ריין פאַר גאָט און פאַר ישראל. נעהם־זשע די אָל און נעהם דעם קנעכט דעם פעראַכ־טעטען, ירקעם דעם זוהן פון רחם און זאָלסט איהם דערנעהנטערען צום ביישטידעל פון דער טיר, וואָס אין דיין געצעלט און זאָלסט איהם צוגעבערען דאָס רעכטע אויער צום ביישטידעל, און אַזוי זאָל ער בלייבען צוגעצבערט דריי טאָג און דריי נעכט, און יעדער מאַן און יעדע פרוי, וואָס וועט פאַרבייגעהן פאַר איהם, זאָל איהם שפייען אין פנים אַריין, און אויפ׳ן פיערטען טאָג אינדערפריה זאָלסטו איהם צונעהמען פון דאָרט, און ער וועט בלייבען דיין קנעכט אויף אייביג!

און צום שרייבער, וואָס איז נעבען איהם געשטאַנען, האָט דער כהן אויסגערופען: „און דו פערשרייב און פערזיגעל די גאַנצע פאַ־סירונג אין אַ מגילה און נעהם־אויף די עדות די צוויי, אום די זאַך זאָל בלייבען צום אָנדענק אויף אייביגען אָבשיי״. — און צו אלצפן האָט ער געזאָגט: — „אָט האָסטו די אָל!״

און אלצפן דער זוהן פון עוזיאל, פונ׳ם שטאַם לוי, פון דער פאַמיליע קהת, איז צוגעגאַנגען און גענומען די אָל פונ׳ם כהנ׳ס האַנד, דאַן האָט ער זיך אויסגעדרעהט צום קנעכט, צו ירקעם דעם זוהן פון רחם, און איהם צוגעפיהרט צום ביישטידעל פון דער טיר

וואָס אין זיין געצעלט, און האָט די גליהענדע אָל אַריינגעשטאָכען אין זיין רעכטען אויער און איהם צוגעבערט צום ביישטידעל פון דער טיר, דאַן האָט ער דער ערשטער איהם אַ שפּיי געטהון אין געזיכט — און נאָכהער האָט געשפּיגען דאָס גאַנצע פאָלק.

דער קנעכט האָט דערביי פונאַנדערגעשפּרייצט די ליפּען און האָט ווי געשמייכעלט, ווען דאָס שפּייעכץ האָט זיין פּנים בעריהרט.

אינ'ם באַרג סיני

מיין מאַמע האָט עס איבערגענומען פון איהר מאַמע, איהר מאַמע פון דער באָבע, די באָבע פון דער עלטער-באָבע, אַ דור פון אַ דור, אַ דור פון א דור — און מיין מאַמע האָט עס איבערגעגעבען מיר.

אינ'ם פיערהונדערט ניינאונצוואַנציגסטען יאָהר זינט דעם, ווי די יודען זענען געזעסען אין גושן, אַ יאָהר מיט דריי חדשים איידער עס איז אַרויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע פאָלק פון מצרים, אַלט און יונג צוגלייך, אום צו וואַנדערען דורך די גרויסע מדבר און צו דערגרייכען דאָס לאַנד כְּנַעַן, איז געווען אַ יונגעל צווישען די יודישע יונגלעך, וועלכע האָבען געאַרבייט אין לעהם און אין ציגעל אויף די אויסערליכע מויערען פון רַעַמְסֵס, און געהייסען האָט ער מושי. און געווען איז דאָס יונגעל נאָך זעהר יונג און זעהר צאַרט, עס האָט איהם נאָך נישט געטהון שפּראָצען די האָר פון זיין באָרד און ער איז נאָך נישט אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר. ביי זיין געבורט האָט איהם די הייבאַם אַריינגעוואָרפען אין דעם נִילוס אַזוי ווי דער קעניג האָט בעפוהלען, דען זי איז געווען אַ פורכטזאַמע פרוי און זי האָט מורא געהאַט פאַר פרעה'ס צאָרן; איז דאָס קינד אַרומגעשוואומען אויפ'ן וואַסער אַ האַלבען טאָג און אַ פערטעל אָוועגד, און אויפ'ן אָווענד האָבען איהם די וועלען פערטראָגען ביז צום געפלעכט ביים ברעג פונ'ם נילוס, און ער איז געבליבען הענגען אינ'ם געמויזעכץ, דאָרט האָבען איהם די מענשען דערזעהען און זיי האָבען איהם אַרויסגעצויגען, און ער איז ניצול געוואָרען. זינט דעם האָט מען איהם גערופען „גליקס-קינד", צוליעב דעם נס, וועלכען גאָט האָט

געטהון מיט איהם, און זיין מוטער האָט איהם אָנגעבונדען אויפ'ן האַלז אַ זיבענפאַך געפלאָכטען שאַרלאַך-רויט בענדעל, און דאָס דאָזיגע בענדעל האָט ער געטראָגען אויפ'ן האַלז זיין גאַנץ לעבען. ווען אָבער דאָס יונגעל איז דערוואַקסען געוואָרען און ער האָט געאַרבייט צווישען די אַרבייטער אויף דער מויער פון רעמסס, האָט ער אַמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען געזעהן אַ מיידעל, פּוּעָה האָט זי געהייסען, אַ קינד פון דרייצעהן יאָהר מיט אַכט חדשים, פון די אַרבייטערינס אויפ'ן פעלד ביי פּיתום — און אין דער דאָזיגער מינוט האָט די מויערער-קעלנע געציטערט אין זיין האַנד און איז איהם אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד. אויך דאָס מיידעל איז פּלוצלינג פערציטערט געוואָרען. דאַן האָבען זייביידע געוואוסט אין האַרצען, אַז אין דעם דאָזיגען אויגענבליק איז גאָט'ס גרויסע האַנד איבער זיי געקומען און ס'איז נישטאָ קיין ענטרינען מעהר פאַר איהר.

דרייצעהן טעג, טאָג און נאַכט, האָבען זיי ביידע געזוכט איינס דאָס אַנדערע, און האָבען זיך נישט געפונען, און אויפ'ן פערצעהנטען טאָג פאַרנאַכט האָט ער זי פּלוצלינג דערבליקט, שטעהענדיג אויפ'ן פעלד ביי מוֹף. ער איז צוגעגאַנגען צו איהר, ווי מען געהט-צו צו אַ מענשען, מיט וועלכען מען האָט ערשט נעכטען גערעדט אָדער וועלכען מען האָט פערלאָזען ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק. ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און געפרעגט: „אויף וואָס וואַרטען מיר נאָך דאָ?" — און דאָס מיידעל האָט געציטערט אין איהר גאַנצען קערפּער און האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר די אויגען אַליין האָבען געענטפערט.

און טאָגס דערויף האָט זיי קיינער נישט געזעהן אין רעמסס אָדער אין פּיתום און זיי זענען געבליבען פערשוואונדען.

נאַכט און טאָג, נאַכט און טאָג האָבען זיי ביידע געוואַנדערט, זיך אָנהאַלטענדיג איינס דאָס אַנדערע פאַר די הענד און וואַרפענדיג מיט די הענד ביים געהן, און וואו אַהין זיי געהען האָבען זיי נישט געוואוסט. און נישט געוואוסט האָבען זיי, וואָס זיי פערלאַנגען. ווי צוויי קינדער זענען זיי געווען, קליין און ריין און אומשולדיג — און אין האַרצען ביי זיי האָט עס געזונגען. פונ'ם

פעלד ביי רעמסס זענען זיי געקומען קיין סוכות, און פון סוכות קיין איתם, און פון איתם קיין מגדול ביי פי־החירות, און זיי אליין האבען נישט געוואוסט, ווי די ערטער הייסען און וואו זיי זענען — און דאס הארץ אין זיי האט נאר געזונגען. אויפ׳ן דריטען טאג אינ־דערפריה, ווען זיי האבען אויפגעהויבען די אויגען, האבען זיי פלוצ־לינג געזעהען פאר זיך די פירכטערליכע מדבר, די מדבר שור, און דער גרויסער סטעפ איז געלעגען אויסגעגאסען פאר זיי אין פירכטער־ליכע אונענדליכע ווייטענישען, וועלכע דאס אויג קאן נישט מעהר דערכאפען — דא האבען זיי זיך פלוצלינג צעלאכט אויפ׳ן קול און האבען געזונגען. וואס געהט זיי אן א מדבר און וואס א סטעפ? ווי די ווילדע ליליעס אין די טהאלען זענען זיי געווען. און ווי דער קאנדור־פויגעל אונטער׳ן הימעל, וועלכער ווייס נישט וואס זארג איז. געגאנגען זענען זיי און געקליבען האבען זיי אויפ׳ן וועג יעדעס גרעזעל, וועלכעס קען געגעסען ווערען, און יעדעס געשטרויך צווישען די דערנער און יעדעס געוויקס צווישען די פעלז־שפאלטען, און אפט, געפינענדיג אנ׳אוצר פון געזונדטע פעלד־אוגערקעס אדער פון וואלד־קרייטעכצער און קנאבעל־ווארצלען, פלעגען זיי זיך זאט עסען און דאס איבערגעבליבענע איינגעבונדען, און טיילמאל האבען זיי זיך געמאכט דעם שפאס און האבען דעם רעשט ארויפגעלעגט אין א בינטעל אויף א שטעקען און האבען עס ביידע צוזאמען גע־טראגען אויף די פלייצעס — און דאס הארץ אין זיי האט נאר גע־זונגען. ווען די מערדערישע היץ האט געפלאמט בייטאג, איז דאס יונגעל געשטאנען נעבען דעם מיידעל מיט א לאנגען פאלם־צווייג אין דער האנד און האט איהר געפאכעט, אום איהר א קיהל ווינטעל צו פערשאפען. און ביינאכט, ווען די שטעכעדיגע קעלט האט גע־געסען, זענען זיי ביידע געלעגען אין עפעס א שלוכט, הארץ ביי הארץ און קערפער ביי קערפער, און עס איז זיי ווארם געווארען. טיילמאל, ווען א רעגען איז אראבגעפלאצט פלוצלינג פון הימעל און די בליצען האבען געצונדען און די פייער־ריטער האבען גע־פלאמט, דאן האבען זיי זיך אבגעשטעלט א מינוט לאנג און זיי זענען געשטאנען ראטלאז — פלוצלינג אבער האבען זיי זיך צעלאכט, אז עס האט געהילעכט, און זיי האבען זיך געווארפען אין די

אָרעמס און האָבען איינס דאָס אַנדערע געקושט און געקושט אָהן אויפהער. און ווען דער גרויסער שטורעם-ווינד האָט זיך אויפגע־כאַפּט, פּייפענדיג און ווילדעוועדיג, אזוי אַז יעדעס טיער פון פעלד האָט זיך בעהאַלטען אין זיין נאָרע און יעדער פויגעל אונ־טער׳ן הימעל האָט געאיילט אין זיין נעסט אַריין, דאַן האָבען זיך ביידע אַ מינוט לאַנג אָבגעשטעלט ראַטלאָז — פּלוצלינג אָבער האָ־בען זיי זיך איינס דאָס אַנדערע דערלאַנגט די הענד, האָבען אויס־געשטרעקט די אָרעמס פעסט און די קעפּ צוריקגעוואָרפען הינטער־ווילעכץ און האָבען אָנגעהויבען טאַנצען פּלוצלינג אַ ווינד־מיהל. און מושי פלעגט רעדען צו פּועה און פלעגט זאָגען: „דערלאַנג מיין מיידעל, וועלען מיר לויפען האַנד אין האַנד! אַנטקעגען דער גרויסער מדבר וועלען מיר לויפען און ביז צו דעם שטיקעל גרינע לאָנקע אַנטקעגען! צו דעם ווילדען געדיכטען וואַלד וועלען מיר זיך לאָזען און בעהאַלטען וועלען מיר זיך צווישען די געשטרויכער! אונזערע קליידער און אונזערע העמדער וועלען מיר זיך אויסטהון, און נאַ־קעט וועלען מיר לויפען, ווי די מאַמע האָט אונז געבוירען! דער־לאַנג, שוועסטער, דערלאַנג, וועלען מיר בעקרענצען דעם גליהענ־דיגען שטערען מיט בלומען פון רויטען, ווילדען, גליהענדיגען מאָהן, און די בלומען וועלען פלאַטערען אין דער לופט ביים לויפען!"

אַזוי זענען זיי געלאָפען און געקומען ביז מָרָה. און אַזוי פון מרה ביז אֵילִים. אין אילים האָבען זיי געפונען צוועלף וואַסער-קוואַלען און זי־בעציג טייטעל-בוימער. און ביידע זענען זיי געלאָפען פון איין קוואַל ביז צום אַנדערען, מיט׳ן ערשטען האָבען זיי אָנגעהויבען און מיט׳ן לעצטען האָבען זיי געענדיגט און זיי האָבען געשעפּט וואַסער מיט דער הויהלער האַנד און האָבען דערלאַנגט איינער דעם אַנדערען אָבוועק־סעלענד צום מויל צו טרינקען — און האָבען זיך צעלאַכט אויפ׳ן קול, אַזוי אַז די זיבעציג טייטעל-בוימער האָבען אָנגעהויבען רוישען. דאַן זענען זיי אַוועק צו די טייטעל-בוימער, פון בוים צו בוים, פונ׳ם ערש־טען ביז׳ן זיבעציגסטען, און פּלוצלינג האָט זיי אַ חשק אָנגענומען, אַרויפ־צוקלעטערען יעדער אויף אַ בוים. און זיי האָבען געקלעטערט און האָבען זיך אַוועקגעזעצט יעדער אויפ׳ן העכסטען שפּיץ פון בוים, בעהאַלטען צווי־שען די ברייטע בלעטער. און איינער צום צווייטען האָט גערופען: „טויב

אָדער שפּאַרבער?״ — און זיי האָבען געלאַכט און געפּרוישט און געהי־לעכט, אַזוי אַז די צוועלף וואַסער־קוואַלען האָבען אָנגעהויבען ברויזען. נישט געוואוסט האָבען די קינדער, וואָס עס איז מיט זיי, און זייער האַרץ האָט געזונגען פאַר גליק און גוטס און זעליגקייט.

און פון אֵילִים האָבען זיי געוואַנדערט און האָבען דעם וועג נישט געוואוסט און זיי זענען געקומען ביז צו דער מדבר סין, און אין דער מדבר סין האָבען זיי געבלאָנדזשעט דריי טעג און דריי נעכט און זענען געקומען קיין רְפִידִים. און פון רפידים זענען זיי געגאַנגען און האָבען דערבליקט פאַר זיך אַ בארג, און זיי האָבען נישט געוואוסט, ווי ער הייסט און וואָס ער איז. דאָ האָט פּועה געזאָגט: „איך בין מיעד״, און מושי האָט געזאָגט „איך וויל שלאָפען״. און ווי צוויי קינדער זענען זיי געווען. זיי זענען אַריין אין דעם באַרג און האָבען געפונען עפּעס אַ הייהל אין די פערבאָרגענע שפּאַלטען, און די הייל איז געווען אויסגע־צייכענט אויף זיך צו בעזעצען דאָרט, און זיי האָבען זיך צורעכט גע־מאַכט אַ וואוין־אָרט און האָבען איהם אויסגעפּלאַסטערט מיט ווייסען זאַמד און האָבען בעשלאָסען, נישט מעהר צו וואַנדערען און צו בליי־בען דאָרט אויף אייביג — און זיי האָבען זיך דאָרט בעזעצט.

זיי האָבען נישט געוואוסט, אַז דאָס איז דער באַרג סיני.
זיי זענען געווען ווי די קליינע קינדער.

*

די גאַנצע וועלט אַרום זיי איז געווען אין זייערע אויגען ווי נישט־געווען און נישט־בעשאַפען. דער הימעל האָט געהאַט פאַר זיי אַ בעלאַנג אויף אַזוי פיעל, ווי ער איז זיך אָנגעגאַנגען עפּעס מיט זייער ליעבע, און די ערד — אויף אַזוי פיעל ווי זי האָט זיך אָנגעהערט עפּעס מיט דעם ביסעל עסען אָדער מיט די פרוכט־וואָרצלען, וואָס זיי האָבען בעדאַרפט פון איהר, און מיט אַ מינוט שפּעטער האָבען זיי אויך דאָס שוין פער־געסען געהאַט, און געדענקט האָבען זיי נאָר זיך און זייער גרויסע ליע־בע .זיי האָבען קיין שום וואונש נישט געהאַט, א מענש צו זעהען אָדער זיך נאָך עפּעס צו ערקונדיגען, דען איינס דאָס אַנדערע זענען זיך גע־ווען פאָלקאָם גענוג, און עס האָט זיי גאָרנישט מעהר געפעהלט. טייל־מאָל איז זיי דאָס גאַנצע טהועכץ אין דרויסען און אַרום זיי געוואָרע

לעסטיג און איבערדריסיג און איבערפליסיג. טיילמאָל האָבען זיי דעם הימעל בעטראַכט ווי עפּעס אַ שטערונג, וועלכע שטערט זיי אין זייער הייליגסטער טהאַט, וואָס זיי האָבען צו טהון דאָ אין לעבען, און טייל-מאָל איז די ערד פאַר זיי געוואָרען אַ הינדערניש, וועלכע הינדערט זיי אין זייער גרויסען לעבענס-אינהאַלט. זייער וואונדערבאַר געהיימניס איז געוועזן ביי זיי אין האַרץ, ווי בייטאָג אַזוי ביינאַכט, און יעדעס פרעמדע אויג און יעדע בעריהרונג פון דרויסען איז געוועזן אנ׳אָבהאַלטעניש. איז אַמאָל אין אַ חודש אָדער אין צוויי פאַרבייגעקומען עפּעס אַ וואַנ-דערער ביי דעם אָרט, וואו זיי האָבען זיך בעזעצט, האָבען זיי מיט איהם קוים אַ צוויי-דריי ווערטער אויסגעטוישט, און אין אַ מינוט האָ-בען זיי זיך שוין ווידער געהאַט בעהאַלטען פאַר איהם אין זייער פער-שטעקטען ווינקעלע. און איז אַמאָל אָנגעקומען עפּעס אַ פּאַסטוך מיט זיין ביסעל שאָף ביז פאַר׳ן באַרג, האָבען זיי איהם אין איילעניש דער-לאַנגט פון דעם פאָרראַט פון יאַגדעס און פון רויטע מאָהן-קעפּלעך, וואָס זיי האָבען געהאַט אָנגעקליבען, און זיי האָבען דערפאַר בעקומען פון איהם פון זיין ברויט. און אין אַ מינוט שפּעטער זענען זיי שוין געוועזן אַוועק און פערשטעקט ווידער אין זייער בעהעלטעניש.

פערזונקען איז געוועזן דאָס גאַנצע וועלט-אַל אַרום און אַרום, עס איז נישט געוועזן קיין שום וועלט און קיין שום זאַך, עס איז נאָר געוועזן מושי פאַר פּועה׳ס וועגען און פּועה פאַר מושי׳ס וועגען — און דאָס איז געוועזן דאָס גאַנצע לעבען.

פריהמאָרגענס, ביים אויפגאַנג פון דער זון, זענען זיי געלעגען ביים איינגאַנג פון דער הייהל, נאַקעט ביידע, איהר לינקע האַנד אויף זיין האַרץ און זיין רעכטע אונטער איהר נאַקען, און האָבען געחלומ׳ט מיט אָפענע אויגען און האָבען געקוקט אין דעם הימעל.

„ווייסט דו“, האָט זי געזאָגט, „ווי צאַרטע זונען-פעדים זענען דיינע לאָקען ווייך, און די האָר ביי אַנדערע מענער זענען האַרט און געשפּאַנט. ווי צוויי זונען פלאַקערען אין די הייהלען פון דיינע אויגען, און אין די אויגען-הייל׳ען ביי די אַנדערע זענען נאָר צוויי אויסגעלאָ-שענע גלאָז-שטיינדלעך, ווי אַ גאָט-זוהן ביזטו שעהן, און די אַנדערע זענען ווי ערד-ווערם, שלעכט פון געשטאַלט און שלעכט פון בעוועגונג. פול ביסטו מיט געהיימניס, ווי דאָס גרויסע וואונדער, וועלכעס האָט

קיין נאָמען נישט, און די אַנדערע זענען קלאָר ווי דער דורכזיכטיגער טאָג — און אַך, ווי קען איך דעם טאָג נישט ליידען!"

אין דער אָוונט-צייט, ווען די גרויסע צוקענדע שטערען זענען אַרויס אויפ׳ן הימעל, זענען זיי געלעגען איינס נעבען אַנדערען, נאַקעט ביידע און זייערע אויגען האָבען זיך ווי די עגבערס אַריינגעבויערט אין דער הימעלס-דעק.

„שוויהל ביזט דו", האָט ער געזאָגט, „און געטרענקט פון בעהאַל-טענער גלוט, ווי די בלום אין דעם אור-וואַלד פון דער מדבר שור. געפילט ביסטו מיט אייביגער זעהנזוכט, ווי דאָס אָוונד-ליעד אויף אַ פערלאָזען פעלד. יעדעס גליד אין דיר ברענגט צו פערפיהרונג, ווי די שאַרף פון אַ שווערד. דו לאָקערסט און רופסט מיך, ווי דאָס בלויע אירר-ליכטעל איבער׳ן זומפּ".

און מיטאָגס-צייט:

„ווי אַ שטערען — האָט זי געזאָגט — ביזטו מיר, ווערכער פאַלט-אַראָב אין מיין שויס אין דער פינסטערער נאַכט, ווי עס פאַלט דאָס זילבער-שטיק".

„טיעף ביזטו — האָט ער געזאָגט — און פירכטערליך און טונ-קעל און פול געהיימניס, ווי אַ ברונען".

און נישט געקושט האָבען זיי איינס דאָס אַנדערע, נאָר געגעסען יינס דעם אַנדערענס פלייש מיט׳ן פולען מויל. און נישט געהאַלזט האָ-בען זיי זיך, נאָר צונויפגעפרעסט, פערזונקען, פערשמאָלצען, צונויפגע-גאָסען זיך און אויפגעלעזט איינס אין דעם צווייטען: איין נשמה און איין קערפּער. — — —

און טעג נאָך טעג זענען אַוועק און חדשים נאָך חדשים, און אַזוי איז פערגאַנגען העכער אַ יאָהר.

טיילמאָל האָט זיי פערדראָסען, אַז אַ זון איז דאָ אין הימעל, און די דאָזיגע שטערט זיי אַמאָל, און טיילמאָל זענען זיי אייפערזיכטיג גע-וואָרען דערויף, וואָס עס איז פאַרהאַן אַ לעבעדיג וועזען אויף דער ערד נאָך חוץ זיי, און טיילמאָל האָבען זיי זיך געקרענקט, וואָס ס׳איז דאָ אַ בוים און אַ פעלד-בלום און אַ פויגעל און אַ שטיין און אַ קערנדעל זאַמד נאָך אויסער זיי אויף דער וועלט, און דאָס אַלץ שטערט זיי מי-נוטענווייז אין זייער איינזאַמקייט און ליעבע און לעבען. צו וואָס האָט גאָט

דאָס אַלץ בעשאַפען? צו וואָס האָט ער נישט בעשאַפען נאָר זיי ביידען אַליין?...

•

און נישט געוואוסט האָבען זיי, אַז זיי וואוינען אין באַרג סיני...

איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען האָט זיך פלוצלינג פון דער נאָהנט־סטער נאָהנט געלאָזט הערען אַ געוואַלדיג גרויס גערודער פון אַ מחֲנֶה פון טויזענדער מענשען מיט אונצעהליגע סטאַדעס, אנ'אוי־נענדליך געטראַמפּעל פון שאָף און רינדער און פערד.

מושי און פועה האָבען זיך זעהר געוואונדערט. ווער וואַגט עס דאָ אַריינצודרינגען ביז אַהער צו זייער שטילען ווינקעלע און אויפצורודערן זייער בעהאַלטענע רוה און אויפצושרעקען זיי פון זיי־ער גליק און זייער ליעבע? — ווי זיי זענען אַרויסגעקומען פון דער הייהל און האָבען זיך אומגעקוקט, האָבען זיי געזעהען פאַר זיך אַ מחנה פאָלק, געוואַלדיג גרויס און אונצעהליג, אויפשטעלענ־דיג זייערע געצעלטען אַנטקעגען דעם באַרג.

און געהערט האָבען זיי אַ מערקווירדיגע, וואונדערליכע זאַך: עפּעס אַ תורה זאָל דאָ געגעבען ווערען דעם דאָזיגען פאָלק, און אַ געזעץ און פאָרשריפטען...

פועה און מושי האָבען נישט פערשטאַנען. צו וואָס תורה? צו וואָס געזעץ און פאָרשריפטען? — דער אויסדרוק פון גרינגשעצונג האָט זיך בעוויזען אויף ביידענס ליפען.

און די דאָזיגע תורה וועט אַ גאַנצע וועלט איינגעהמען, פון איין עק ערד ביז'ן אַנדערען עק, און דאָס דאָזיגע געזעץ און די דאָזיגע פאָרשריפטען וועלען די גאַנצע מענשהייט בעצווינגען, איטליכעס פאָלק און איטליכען שטאַם אויף דער ערד...

מושי און פועה האָבען עס געהערט, און דאָס גאַנצע איז זיי פלוצלינג זעהר לעכטיג געוואָרען. צו וואָס אַ תורה, וועלכע זאָל אַ מענשען שטערען, און פאַרוואָס נישט לאָזען דעם שעהנעם לעבען זיין גאַנג, ווי עס איז? — אַ שפּאָט האָט זיך געלעגט אויף זייערע ליפען. ווען די דאָזיגע קליינינקייטען זאָלען נאָר נישט קומען און שטערען זיי אין דעם גרויסען אינהאַלט פון זייער לעבען! — זיי האָבען זיך צוגעאיילט, אום נאָר ווי צום גיכסטען ווידער אַריינצוקו־

מען אין זייער הייהל אַריין, און זיי האָבען זיך בעהאַלטען אין דעם טיעפסטען ווינקעלע, כדי נאָר נישט צו הערען קיין איינציג וואָרט פון דרויסען און כדי קיין איינציגער טאָן פון דאָרט זאָל נישט צו־קומען ביז צו זייערע אויערען. שוין אַ מינוט שפּעטער האָבען זיי זיך געוואָרפען איינס אין דעם אַנדערענס אָרעמס, האַרץ ביי האַרץ און נשמה ביי נשמה — און דאָס, וואָס זיי האָבען אין דרויסען גע־זעהען און געהערט, האָבען זיי גענצליך פערגעסען.

און דאָס געוואַלדיג גרויסע פאָלק אין דרויסען האָט זיך דער־וויילּ געהייליגט, און זיי האָבען געוואַשען זייערע קליידער אַ טאָג און אַ צווייטען, און אויפ׳ן דריטען טאָג זענען זיי אַלע געווען גערייט.

פלוצלינג האָט די ערד דערלאַנגט אַ ציטער, פון עק וועלט ביז עק וועלט. און דער הימעל האָט זיך געשפּאָלטען און זיך צעריי־סען, פון מזרח ביז מערב, און וואונדערליכע, מערקווירדיגע צייכענס האָבען זיך בעוויזען אינ׳ם הימעל און אויף דער ערד. רויטע און בלויע ליכטלעך האָבען געפלאַטערט אין די לופטען, פייער־צונגען און פלאַמען־ריטער האָבען זיך צעפלאַקערט, פויסט־גרויסע, גלאַנצענ־דיגע, פלימערנדע שטערען האָבען אויפגעלויכטען אין הימעל אין מיטען העלען טאָג, און פון צפון־זייט האָט זיך בעוויזען פלוצלינג אַ גרינליך־טונקעל ליכט, אין דער דאָזיגער מינוט האָט די ערד זיך פונאַנדערגעשאָקעלט, און פלוצלינג איז דאָס גאַנצע וועלט־וועזען פער־גליווערט געוואָרען: די בוימער האָבען זיך אָבגעשטעלט פון וואַקסען, איטליך געוויקס און איטליכעס גרעזעל האָט אויפגעהערט שפּראָצען, די פעלזען־שפּאַלטען האָבען אויפגעריסען זייערע פירכטערליכע מיי־לער און האָבען געוואַרט אויף עפּעס, און איטליכעס טיער און איט־ליכעס בעשעפעניש און אַלדינג, וואָס אָטעמט, האָט זיך אַוועקגע־שטעלט און געוואַרט. עפּעס אַ לופט־שלאַנג, אין מיטען פליהען, האָט זיך אָבגעשטעלט אין דער מיטען פון הימעל, און האָט גע־האָרכט, און אויף דער ערד איז געקראָכען אַ רינגען־רייכער נאָטער, האָט ער פלוצלינג אויפגעריכט זיין קאָפּ און האָט צוגעהערט.

און אין דרינען, אין דעם בעהאַלטענסטען ווינקעלע פון דער הייהל, האָט מושי געקניהט אין דעם דאָזיגען אויגענבליק צו די פיס פון פּועה און האָט איהר געקוקט אין איהרע אויגען —

פלוצלינג האָבען זיך דונערען געלאָזט הערען, און בליצען און פלאַמען האָבען געצוקט, און אַ שווערער וואָלקען איז אַראָב און האָט זיך געלעגט אויפ׳ן באַרג און אויף דער ערד און אויף איטליכען טהאָל און אויף איטליכען היגעל. די גאַנצע געוואָלדיגע מדבר האָט איינגע-האַלטען דעם אָטעם און האָט געהאָרכט. פלוצלינג האָט דער שופר און האָבען די הערנער אָנגעהויבען שמעטערן, און דער באַרג האָט זיך גערויכערט און זיין רויך איז אויפגעשטיגען, ווי דער רויך פון אַ קאַלך-אויוועז. און די כהנים זענען געשטאַנען אונטען ביים באַרג, אַ רייה נעבען אַ רייה, און די לְוִיִּם זענען געשטאַנען, אַ רייה נעבען אַ רייה, און הינ-טער זיי אַ אונצעהליג פאָלק, ווי דאָס זאַמד ביים ים, אַלע אין ווייסע, פריש-געוואַשענע העמדער, און אויף זייערע געזיכטער איז געלעגען אויסגעגאָסען אַ פינסטערע שרעק.

אַ שווערער נעפעל איז אויפגעשטיגען און האָט איינגעהילט דעם גאַנצען באַרג.

און די בליצען און די דונערן און די פלאַמען זענען געוואָרען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און פלוצלינג האָט זיך געהערט אַ שטים, און די שטים איז גאָרנישט קיין שטים געוועזען, נאָר אַ דונער, און דאָך האָט מען פון שטורעם אַרויס געהערט איטליכעס וואָרט דייטליך, און גע-דאַכט האָט זיך, אַז דאָס וואָרט הערט זיך ביז צום אויסערסטען עק פון אַלע פיער עקען פון דער וועלט און ביז צום לעצטען שפיץ פון דער ווייטסטער אינזעל: —

„איך בין דער הערר, דיין גאָט — דו זאָלסט נישט האָבען קיין אַנדערע געטטער נעבען מיר —"

אָבער אין דער דאָזיגער מינוט האָבען פועה׳ס ליפען שטיל גע-שעפטשעט אין מושי׳ס אויערען: — שענער ביזטו פון אַלע מענשען-קינדער! ווי ביזט דו שעהן, ווי ביזט דו שעהן!

„דו זאָלסט דיר נישט מאכען קיין שום געץ און קיין שום בילד —
דו זאָלסט דיך נישט בוקען צו זיי און זאָלסט זיי נישט דיענען —"

און מושי האַלט פעסט פועה׳ס האַנד אין זיין האַנד, און זיין צונג פלאַפּעלט, בערוישט פון ליעבע, און ער ווייסט נישט וואָס: — ליעבער האָב איך דיך פון אַלע טעכטער פון דער ערד! ווי איך האָב דיך ליעב, ווי איך האָב דיך ליעב!

„דו זאָלסט נישט אַרויסרעדען דעם נאָמען פון דעם הערר, דיין גאָט, אומזיסט — דער הערר וועט נישט אונבעשטראָפט לאָזען דעם, וועלכער וועט אַרויסרעדען זיין נאָמען אומזיסט! —"

און פועה פלאַפּעלט און רעדט, פלאַפּעלט און רעדט: — איך בע־שווער דיך ביי גאָט׳ס נאָמען, איך בעשווער דיך ביי דער זון בייטאָג און ביי דער לבנה ביינאַכט, איך בעשווער דיך ביים הימעל און ביי דער ערד: לאָז מיך אויסזויגען מיט מיינע ליפען דעם געווירץ-ווייך פון דיינע ליפען, דען איך בין דורשטיג צו דיינע ליפען, לאָז מיך בערויי־שען מיין זעלע מיט דיין פלאַמענדיג בלוט, דען נאָך בלוט געהט־אויס מיין זעלע, לאָז מיך איינבייסען מיט מיינע צייהן אין דיין פריש-בלי־הענדיג פלייש, דען צו לעבעדיג מענשען-פלייש האָב איך מיך פערגלוסט, לאָז מיך ווערגען דיך מיט די דאָזיגע מיינע הענד, ביז איך וועל בייס־לעכווייז דיך טויטען מיט מיינע אייגענע הענד!

„געדענק דעם טאָג פון שבת, איהם הייליג צו האַלטען — זעקס טעג האָט געמאַכט דער הערר דעם הימעל און די ערד, דעם ים און אַלץ, וואָס איז אין זיי" —

און מושי׳ס ליפען בעוועגען זיך, און ער ווייסט נישט וואָס, און דיינע ליפען שעפטשען: — לאָז רוהען אויף מיר דיין גליהענד אויג! זאָל מיך דיין אויג פערפלאַמען און צעשמעלצען, ביז איך וועל אויפ־געלעזט זיין און ביז איך וועל אויפהערען צו זיין! אוי פועה, פערזינ־קען וויל איך מיך אין דיר ביז אין די טיעפסטע אָבגרונדען פון דיין זעלע! וויכער זענען דיינע לאָקען פון זייד און פון די געטאָקטע סטאַ־דעס אויפ׳ן פעלד פון תַּחְפַּנֵס, צאַרטער זענען דיינע האָר פון דעם שילף־באַסט ביים ברעג פונ׳ם נילוס! ווי פרעה׳ס זיילען ביי רַעַמְסֵס זענען די רונדונגען פון דיינע שענקלען! עס זענען דיינע צוויי ברוסטען ווי די מירהאַ־היגלען, אויף וועלכע איך רוה צו מיטאָג-צייט!

„עהר דיין פאָטער און מוטער — דו זאָלסט נישט מאָרדען — דו זאָלסט נישט פערפיהרען — דו זאָלסט נישט גנב׳ענען — דו זאָלסט נישט געגען דעם צווייטען פאַלש עדות-זאָגען" —

פּלוצלינג איז מושי בלאַס געוואָרען. געקומען איז די שטים פון דעם שטורעם אַרויס און האָט דערגרייכט ביז צום בעהאַלטענעם

ווינקעלע אין דעם לעצטען עק פון דער הייהל, און זי האָט איהם אויפגעשרעקט פון זיין אָרט.

„דו זאָלסט נישט גלוסטען צו דעם הויז פונ'ם צווייטען — דו זאָלסט נישט גלוסטען צו דער פרוי פונ'ם צווייטען —".

און פועה האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איהר אָרט און איז שטעהן געבליבען:

— דו הערסט? דו הערסט, מושי? — און פועה און מושי האָבען זיך אַריינגעשטעקט די פינגער אין די אויערען אום נישט צו הערען...

און אַ געוואַלדיגער שרעק איז אויף זיי אָנגעפאַלען, און זיי האָבען נישט געוואוסט פאַרוואָס, און נאָר געפאָרכטען האָבען זיי זיך פלוצלינג, און האָבען די געוואַלדיגע פורכט נישט פערשטאַנען...

•

טעג זענען אַוועק. די גרויסע מחנה, וועלכע האָט איהרע געצעלטען געהאַט אויפגעשטעלט אַנטקעגען דעם באַרג, האָט זיך גערוקט און איז ווייטער געצויגען און איז פערשוואונדען געוואָרען. די מדבר איז ווידער שוין געווען לעדיג ווי געווען. די פעלזען זענען געשטאַנען שטום און האָבען געבליקט אין די וויסטעניש אַריין — און ווידער איז די שטילקייט געווען ווי פריהער.

און די פורכט, וועלכע איז אָנגעפאַלען אויף די ביידע, איז אַלץ געוואָרען שטאַרקער און שטאַרקער. זיי האָבען קיין רוה נישט מעהר געהאַט — און זיי האָבען נישט געוואוסט פאַרוואָס. ווי אַ לאַסט איז געלעגען אויף זיי...

די לעבענס־לוסטיגקייט איז פלוצלינג אָבגעטרעטען פון זיי.

און איינמאָל ביינאַכט, ווען פועה איז געלעגען נעבען מושי און האָט נישט געקענט שלאָפען, האָט זי זיך אויפגעזעצט און האָט געזאָגט:

— ווייסט דו, מושי? איך בין נאָך אַ קליין מיידעלע געווען, און געזעסען בין איך אויף דער באָבעס שויס, און יעצט גראָד איז עס מיר אויפ'ן זין געקומען. די באָבע האָט מיר דענסמאָל אַ שרעקליכע מעשה דערצעהלט: עפּעס איז אַ מענש געווען אין דעם עדן־

גאָרטען, ער מיט זיין ווייב צוזאַמען, און אַמאָל אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען זענען זיי פון דאָרט געוואָרען אַרויסגעטריבען, און האָבען אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס. גאָט׳ס גרויסע האַנד איז געקומען איבער זיי — און פּלוצלינג איז זייער לעבען געוואָרען זיי צו אַ לאַסט...

מושי איז געווען פערשטערט און פערקלערט. לאַנג איז ער געזעסען און האָט געשוויגען. פּלוצלינג האָט ער שטיל געזאָגט:

האָט דער מענש איינמאָל אויפגעמאַכט די אויגען, נוצט איהם נישט דאָס, וואָס ער וועט זיי ווידער פערמאַכען. דאָס געזעהענע וועט נישט מעהר ווייכען פון איהם...

און טעג לאַנג זענען זיי געזעסען איינס נעבען דעם אַנדערען און האָבען קיין וואָרט נישט גערעדט. ווי זיי וואָלטען זיין שטום געוואָרען.

און איינמאָל אינדערפריה, ווען מושי איז אויפגעוואַכט, איז דאָס געלעגער נעבען איהם געווען לעדיג און פּועה איז נישט געווען. ביינאַכט איז זי שטילערהייד אוועק, אום נאָכצויאָגען און צו דערגרייכען די מחנה. דאָ האָט אויך מושי זיין פּעקעל געפּאַקט און איז געגאַנגען.

און קומענדיג צו דער מחנה, האָט ער דאָס מיידעל געזעהן, און זי איז איהם עפּעס אַזוי ווייט און אַזוי פרעמד געווען. באַרוועס איז זי געגאַנגען נאָך דעם מאַן משה און איז נישט געוויכען פון איהם. ווי אַ שאָטען איז זי איהם נאָכגעגאַנגען.

האָט די תורה דאָס לעבען בעצוואונגען? איז זי אַזוי שטאַרק, אַז דאָס לעבען מוז זיך איהר אונטערוואַרפען?

ער האָט געקלערט און געקלערט. און נאָכגעגאַנגען איז אויך ער נאָך דער מחנה און האָט זיך בעהאָפטען מיט איהר און האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס. ווי אַ שאָטען איז ער נאָכגעגאַנגען.

און האָט ער אַמאָל פּועה׳ן דערזעהן, איז זי איהם לעסטיג געווען, און ער האָט איהר בליק נישט געקענט פערטראָגען און איז געלאָפען פון איהר. און אויך פּועה האָט איהם נישט געקענט מעהר פערטראָגען און האָט איהם אויסגעמיטען.

און זייער פריידיגקייט איז געוויכען פון זיי אויף אייביג.

די קופערנע שלאַנג

ווען עס איז פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכט ביי אֶדְרֶעִי, אין אַכטאונדרייסיגסטען יאָהר פון די אידישע וואַנדערונגען אין דער מִדבר, איז צווישען די געפאַנגענע, וואָס די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל האָבען גענומען יענעם טאָג פון די אֱמוֹרִים, געווען אויך אַ פרעמדער יונגערמאַן, אַ זוהן פון אַ מִדְיָנִישער פרוי, הויכגעוויקסיג מיט אַ זעהר שעהנעם קאָפּ, דִישוֹן האָט ער געהייסען. אַ גאַנצען טאָג איז ער געזעסען אין טאַבאָר פון קעניג עוֹג׳ס חַיִל, און צו אָווענד-צייט, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז ער גענומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט. און די בני ישראל האָבען זיך דערבאַרימט איבער איהם און איבער זיין שעהנהייט און יוגענד, און ווען זיי האָבען אויסגעהרג׳עט אַלע מענער פון בָּשָׁן מיט די פרויען און קינדער, האָבען זיי דעם יונגענמאַן נישט געהרג׳עט, ווייל ער איז געווען אַ מִדְיָנִי, און זיי האָבען איהם מיטגענומען מיט זיך און איהם געבראַכט ביז צו דעם געמאַרק פון ישראל וואָס נעבען עִיֵּי־הָעֲבָרִים און איהם געגעבען אַ פּלאַץ צווישען די בני ישראל אין דעם שטאַם גָד. דאַן איז אַהערגעקומען צו איהם אין דער מחנה אויך זיין מוטער קְטוּרָה, און זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט אַ קליין געצעלט, אין וועלכען זיי האָבען צוזאַמען געוואוינט.

און די גאַנצע מחנה פון איין עק ביז צום אַנדערען עק האָט געקענט דעם יונגען מִדְיָנִי מיט די פערחלומטע אויגען, וואָס אַ ווייכער טרויער איז תמיד געווען אויסגעגאָסען אויף זיין פנים און די באַלדענע לאָקען זענען איהם געפלויגען איבער׳ן קאָפּ ווי קליינע שלאַנגען — און ער פלעגט אַרומגעהן אין דער מחנה ווי אַ פערחלומטער גאַנצע טעג.

אין דער הויך האָט געפלאַמט די זון און בעטויבט אַלע קעפּ,

און אונטען האָט געגליהט דאָס זאַמד ווי אַ בראַנד און בערוישט אַלע הערצער — אָבער דער יונגערמאַן האָט גאָרנישט געוואוסט און גאָרנישט בעמערקט. יעדען טאָג פלעגט ער אַוועקגעהן צום ברעג פונ׳ם טייך אַרנון, וואָס נעבען דעם דאָרף עֲרוֹעֵר, און ער האָט זיך געמאַכט אַ ווענדקע, וועלכע ער פלעגט אַראָבלאָזען אין וואַסער אריין צו פאַנגען מיט איהר פיש. דאָרט פלעגט ער זיצען און טרוימען אַ גאַנצען טאָג, און אין אָווענד פלעגט ער אַרויפשטייגען פונם גָד-טהאָל אויפ׳ן שפּיץ פונ׳ם הוֹר הָהָר און זיך אָבשניידען אַ יונג שטעקעלע שילף און זיך מאַכען אַ פייפעל, אויף וועלכען ער פלעגט פייפען ביז אין די טיעפע נאַכט אריין. און די גאַנצע מדבר אַרום האָט זיך צוגעהערט צו דעם ווייכען קלאַנג פון דעם פייפעל און אויף אַ ווײלע איינגעהאַלטען דעם אָטעם. עס האָט זיך דורכגעטראָגען אין דער לופט עפּעס אַנ׳אויסגעצווי־גענע פלאַטערדיגע בענקשאַפט, אַנ׳אונבעשרייבליך אומעטיגע, וואָס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי אַ פערשטיקט געוויין — און דער הימעל האָט עס אויפגעהאָרכט און די שטערען האָבען אַ ציטער געטהון. און די מענער און פרויען, וואָס האָבען געוואוינט אונטען ביים באַרג, זענען אַרויס פון די געצעלטען און זיך אַוועקגעשטעלט און צוגעהערט מיט אָפענע מיילער, און פלוצלינג האָט זיך אַ זיפץ ביי זיי אַרויסגעריסען און זיי האָבען אויך אָנגעהויבען טרוימען. טייל. מאָל אָבער האָט דער יונגערמאַן פערלאָזען זיין ווענדקע בייטאָג און זיין פייפעל ביינאַכט, און ער פלעגט וואַנדערען אַ גאַנצען טאָג אין די סטעפּעס פון מוֹאָב און אַרומגעהן אַ גאַנצע נאַכט אין וויסטע מענשענ־לערע געגענדען. און האָט זיך דערטראָגען צו זיין אויער פון דער נאַכט-שטילקייט אַרויס דאָס געהייל פון אַ הונגעריגען וואָלף — פלעגט ער אויפגעמונטערט ווערען אַ ווײלע און איז דעם קלאַנג אַנטקעגענגעגאַנגען. און די מוטער האָט איהם נישט געשטערט צו געהן, וואוהין ער האָט נאָר געוואָלט.

בלויז איינמאָל האָט זי איהם געשטערט צו ערפילען זיין וואונש. עס איז געווען דער גרויסער יום-טוב אין אָבֵל-שִׁטִים און די מיידלעך האָבען זיך פערזאַמעלט פאַר׳ן בַּעַל־פְּעוֹר צו טאַנצען זייערע טענץ און ברענגען אַנ׳אָפּפער פון זייער יונגפרוילײכקייט, און דאָס פאָלק האָט געצויגען אַהער פון נאָהנט און פון ווייט, דאַן האָט אויך דישון זיך

געקליבען צו געהן קיין שׂטים, אָבער זיין מוטער האָט איהם נישט געלאָזט. „געה נישט, מיין זוהן, געה נישט! אויב דיין לעבען איז דיר ליעב, מיין קינד — טאָ געה נישט. דאָרט וועלען די מיידלעך טאַנצען, און שענער זענען זיי פון אַלע מענשען-טעכטער, וואָס זענען אַמאָל אויף דער וועלט געווען.״ דער יונגערמאַן האָט געפאָלגט, אָבער ער האָט גאָרנישט פערשטאַנען און נישט געוואוסט. דאָס פאָלק אַרום האָט זיך דערוואוסט וועגען דעם און איינער מיט׳ן אַנדערען האָט זיך אָנגעהויבען צו סוד׳ען און זאָגען: „איצט איז די זאַך שוין בעוואוסט! ער איז פון דעם דודָנים־שטאַם...״

די דודנים זענען געווען אַ קליינער שטאַם, וועגען וועלכען מ׳האָט וואונדער דערצעהלט: — די מענשען פלעגען שטאַרבען אין דעם טאָג, ווען זיי האָבען אַ פרוי געליעבט. דען אַנדערש ווי די גאַנצע וועלט פלעגען די דאָזיגע מענשען ליעבען: אָהן שטורעם און אָהן שטיפעריי, נאָר מיט זייער גאַנצען וועזען, מיט אַלע פי־בערען פון זייער נשמה און מיט אַלע מוסקולען פון זייער האַרץ, און מיט אַלע פעדים פון זייער הויט און מיט׳ן גאַנצען מאַרך און בלוט. אַפילו דאָס קליינע נעגעלע וואָס אויף דעם דוימען פון זייערע הענד האָט געליעבט, און אַפילו די האָר אויף זייערע קעפּ האָבען געברענט. ווי אַ פלאַם פייער פלעגט די ליעבע פלוצלינג זיי אַרומכאַפּען און דאָס האַרץ פלעגט ווי פלאַקס פערצעהרט ווערען. דאַן פלעגט די ליעבע זייער גאַנצען מאַרך אויפזויגען ביז זיי זענען ווי אַנ׳אויסגעברענטע קויהל געבליבען, אָבער זיי פלעגען נישט אויפהערען ביז זיי זענען אויס־געגאַנגען, ווי עס געהט אויס אַ ליכט אינ׳ם לייכטער. און די אומ־גליקליכע פרוי האָט דאָס אַלץ געוואוסט. אַזוי איז מיט צוואַנציג יאָהר צוריק איהר מאַן געשטאָרבען פון זיין ליעבע צו איהר, און אַזוי איז אויך איהר ברודער געשטאָרבען יונגערהייט. איינאונצוואַנ־ציג יאָהר איז איצט אַלט איהר דישון, און ער האָט נאָך קיין פרויען־פנים אָהן אַ שלייער נישט געזעהן.

און דער יונגערמאַן איז אַרומגעגאַנגען אין דער מחנה פער־זונקען אין זיינע טרוימען. בייטאָג האָט ער געכאַפּט פיש און ביי־נאַכט געפייפט אויף זיין פייפעל. און איינמאָל, ווען ער איז אויף

אַ הויכען בוים געזעסען, הענגענדיג צווישען די צווייגען, דען ער האָט אַ טויבען־נעסט בעמערקט און געוואָלט די מוטער אַוועקלאָזען און די יונגע טייבעלעך צו זיך נעהמען — אין יענעם אויגענבליק האָט ער דערזעהן, ווי אונטען שטעהט אַ מיידעל. אַ שכרות, ווי אַ גליהענדער פייער־שטראָם, האָט איהם אין דעם מאָמענט דורכגעריזעלט און זיך צעפלאָסען אין אַלע זיינע אָדערען. זיין האַרץ האָט פלוצלינג אויפגעהערט צו קלאַפּען אַ ווײלע,—און ווען ער איז אַראָב, איז שוין דאָס מיידעל געווען פערשוואונדען.

דישון האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און זיך געלאָזט געהן. ער האָט ביי קיין מענש זיך נישט ערקונדיגט און נישט נאָכ־געפרעגט, נאָר ער איז געגאַנגען ווייטער. בלויז איינס האָט ער גע־וואוסט, אַז דאָס מיידעל געפינט זיך הינטער די בערג, וויייל קיין שלייער האָט נישט צוגעדעקט איהר פּנים און אַזוי פיהרען זיך נאָר די מיידלעך וואָס הינטער די בערג. ער האָט זיך דעריבער געלאָזט געהן דאָרט אַהין הינטער די בערג. אַז ער האָט די אויגען צוגעמאַכט, האָט ער איהר געשטאַלט געזעהן פאַר זיך, און ווען ער האָט זיי צוריק געעפענט, איז די געשטאַלט פערשוואונדען. ער איז געגאַנגען אָהן אויפהער, אַרומקרייזענדיג די בערג און האָט אויף קיין מינוט זיך נישט אָבגעשטעלט. ווי אַ הונד, וואָס פערלאָזט זיך אויף זיין שפּיר־זין, אַזוי איז ער געגאַנגען טאָג און נאַכט, וויסענדיג זיכער, אַז ער וועט אָנקומען ביז איהר ביידעל.

צוקומענדיג צו איינעם פון די ביידלעך, איז ער שטעהן גע־בליבען. ער האָט דאַן פּלוצלינג געוואוסט, כאָטש קיינער האָט דאָס איהם נישט געזאָגט, אַז דאָ געפינט זי זיך. און טאָג און נאַכט האָט ער אויף איהר געלויערט. אינדערפריה פלעגט ער שטעהן אויפ׳ן שפּיץ באַרג אַנטקעגען איהר ביידעל און האָט געלויערט, און אין אָוועגד פלעגט ער זיך אַוועקלעגען צווישען די געשטרויכען וואָס הינ־טער איהר שלאָפקאַמער און געוואַרט. און איינמאָל פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין אַראָבגעלאָזט און דאָס מיידעל האָט זיך גע־באָדען אינ׳ם טייך זֶרֶד, פון קיין בייז נישט וויסענדיג — האָט דישון זי דערבליקט אַ נאַקעטע.

זיין פּנים איז דאַן ווייס געוואָרען ווי דער קאַלך אינ׳ם יְרִיחוֹ־טהאָל.

און אַז ער האָט אין פערציג טאָג אַרום זיך אומגעקעהרט צו זיין מוטער'ס געצעלט אין עִיֵי העברים, האָט איהם די מוטער נישט דערקענט. ער איז אַרומגעגאַנגען נאָך בלויז ווי אַ שאָטען, אָבגע־שוואַכט און זעהר מיעד. פון אָנהויב האָט ער קיין וואָרט נישט דערצעהלט, נאָר ערשט שפּעטער, פּלוצלינג, האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון אויף דער מוטער'ס שויס און זיך צעוויינט אויף אַ קול. נאָכהער האָט ער זיך אַנידערגעלעגט אויף דער ערד אינ'ם געצעלט און איז אַזוי געלעגען דריי טאָג. און אויפ'ן פיערטען טאָג ביינאַכט, ווען עס איז שטיל געוואָרען, האָט ער געבעטען, מ'זאָל איהם זיין פייפעל געבען און מ'האָט עס איהם געגעבען. ער האָט דאַן גענו־מען פייפען, אַז די שטערען אויבען אין הימעל האָבען זיך בעהאַל־טען, און די בוימער אונטען אין וואַלד האָבען אויפגעהערט זיך צו שאָקלען. עס איז געווען עפּעס אַ געיאָמער, וואָס קומט נישט פון קיין מענשליכען מויל, נאָר פון אַ האַרץ, וואָס איז פּלוצלינג געפּלאַצט און עס איז אין צווייען צעבראָכען געוואָרען. און אַז ער האָט אויפגעהערט פייפען, האָט ער גענומען דאָס פייפעל און עס צעשמע־טערט און די שטיקער אָוועקגעשליידערט, נאָכהער האָט ער זיך אויס געצוי־גען אויף זיין געלעגער וואָס אינ'ם ווינקעל פונ'ם געצעלט און איז מעהר נישט אויפגעשטאַנען. דאַן האָט זיין לייב אָנגעהויבען ביס־לעכווייז זיך שמעלצען ווי וואַקס, און זיין נשמה האָט אין איהם בלויז נאָך געצאַנקט, ווי אַ ליכט איידער עס פערלעשט — און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם קומט־פאָר.

אָבער זיין מוטער האָט יאָ געוואוסט.

•

צו יענער צייט, אין פערציגסטען יאָהר זינט די אידען זע־נען אַרויס פון מצרים, און דאָס פאָלק האָט געלאַגערט אין דער מדבר, אויסגעשפּרייט איבער דעם גאַנצען סטעפּ, אַ טייל פון דער מחנה אין עִיֵי העברים און אַ טייל אין צַלְמוֹנָה און אין פּוּנוֹן און אין אוֹבוֹת, און דער רעשט אין דִיבוֹן־גָד און אין עַלְמוֹן־דִבְלָתַיְם, אַ שטאַם דאָ און אַ שטאַם דאָרט, יעדער בעזונדער אין זיינע געצעלטען און

אין זיינעביידלעך — דאַן איז אַ מאַן געקומען, אין פינפטען חודש, אין דריטען טאָג פון דעם חודש צו מיטאָג-צייט, פון אובות קיין עִיֵי הָעֲבָרִים. זיין גאַרטעל האָט ער נישט פונאַנדערגעוויקעלט און די בענדלעך פון זיינע שיך נישט אויפגעבונדען און די פּעסקע נישט אַראָ-געגומען, וויילע ער האָט זיך זעהר געאיילט. און ער האָט דערצעהלט האַסטיג און מיט אַ גליהענדען אָטעם די אַלע וואונדער, וואָס זענען יעצט אין אובות געשעהען און וואָס ער אַליין האָט זיי מיט זיינע אויגען ערשט היינט אינדערפריה געזעהן: — אַ קופּערנע שלאַנג האָט משה אויפגעשטעלט אויף אַ הויכען בוים, צוגעבונדען צו אַ פאָהן, און מ׳זעהט זי איבער דעם גאַנצען יְשִׁימוֹן, און יעדער קראַנקער, וואָס קומט דאָרט אַהין און הויבט אויף זיינע אויגען צו דער שלאַנג — טרעט פון איהם אָב די קראַנקהייט אין איין אויגענבליק און ער ווערט געהיילט...

אַ מאַן איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו דעם וואונדער מיט אַנ׳אָפענעם מויל, פון וועלכען ס׳איז געראָנען דאָס שפייעכץ, און ער האָט פערגעסען דאָס מויל צו פערמאַכען און איז אַזוי שטעהן געבליבען. און אַ פרוי, וועלכע האָט פאַר דער טיר פון איהר געצעלט געקאָכט אַ ביסעל מָן אין אַ טאָפּ אויף אַ פייער-בעקען, וואָס איז געשטאַנען אויף צוויי דינע שטיקלעך האָלץ, האָט, דאָס הערענדיג, זיך געוואָלדיג דערשראָקען און האַלטענדיג דעם טאָפּ האָט זי אַ ציטער געטהון, די ווייסע קערנער האָבען זיך פונאַנדערגעשאָטען אויף דער ערד, און זי איז אָבער שטעהן געבליבען מיט׳ן הילצערנעם לעפעל אין דער האַנד. און אויך אַנ׳אַלטער מאַן פון הונדערט און דרייסיג יאָהר, וואָס איז געזעסען אויף אַ שטיין און זיך געוואָרעמט, שרייענדיג אַ גאַנצען טאָג, אַז עס איז איהם קאַלט, האָט זיך אויפגעשטעלט מיט שווערינקייט און זיך געלאָזען לויפען קיין אובות.

און אַ יונגער לוי, וואָס האָט אויפגעהאָרכט דאָס וואונדער, איז פּלוצלינג אַ בידערגעקניהט און אויסגעשפּרייט די הענד — און דאָס דערזעהענדיג, איז דאָס גאַנצע פאָלק געפאַלען אויף די פּנימער און אַני-דערגעקניהט נאָך איהם.

אויך קטורה, דישון׳ס מוטער, האָט געהערט, ווי דער דורכגע-הער האָט דערצעהלט די געשיכטע און זי האָט מיט אויפגעשפּיצטע

אויפֿרען דאָס אויפֿגעהאָרכט. אַ נייע האָפֿנונג האָט אין דער מינוט אויפֿגעמונטערט איהר האַרץ...

און אין אובות געגענאיבער מואָב איז געווען אַ גרויסע בעוועגונג. אויף די פעלזען-שפּיצען און אין די שפּאַלטען פֿון די פעלזען האָט געלאַגערט דאָס פֿאָלק משפּחות-ווייז — און אויפ'ן שפּיץ באַרג אַקעגען נבו האָט געפֿלאַטערט אַ פֿאָהן, איינגאַנצען פֿון פּורפּור געמאַכט און צוגעבונדען צו אַ שטאַנג, און אויף דער שטאַנג איז אויפֿגעפֿלאַנצט אַ קופּערנע שלאַנג, געמאַכט דורך אָהָלִיאָב דעם זוהן פֿון אֲחִיסָמָך פֿונ'ם שטאַם דָן. אין דער געשטאַלט פֿון אַ פֿליהענדען וויפּער האָט זי דער קינסטלער געמאַכט. איהר בויך איז צוויי איילען לאַנג און די רינגען פֿון איהר הויט זענען ראָלענאַרטיג, בעדעקט מיט גלאַטע שופּען. און פֿון דעם בויך ציהט זיך דער האַלז, אַנ'אייל די לענג, אויפֿגעריכט ווי אַ מויער, מיט אַ רונדיגען קאָפּ, אין וועלכען עס זענען אויסגעטאָקט צוויי גרינע גלאַנציגע און בלישטשענדיגע אויגען, און דאָס מויל איז אָפֿען און עס הענגט אַרויס פֿון איהם אַ געשפּאָלטענע צונג. דאָס גאַנצע איז געווען אַ מייסטער-ווערק, און דאָס קופּער האָט געגלאַנצט אין דעם זונעןפלאַם פֿונדערווייטענס...

און דאָס פֿאָלק אונטען האָט אַרויפֿגעבליקט אין דער הויך, און אַ הייליגע פֿורכטזאַמקייט און אַ גייסט פֿון גלויבען און פֿון ערהאַבענער וואונדערליכקייט האָט בעהערשט די גאַנצע מחנה. ס'מאָל האָט אַ הייליג פֿיבער זיי פֿלוצלינג אַרומגעכאַפּט און איז אַדורך איבער זייערע לייבער—דאַן זענען זיי אַלע געפֿאַלען אויף די פּנימער און אַנידערגעקניהט פֿאַר עהרפֿורכט.

און צופֿוסענס פֿונ'ם באַרג זענען אויפֿגעבויט געווען זיבען מִזְבְּחות אויף זיבען בימות, און די כהנים און לויים מיט זייערע שילער זענען געצויגען דורך די מחנה און געררופֿען אָהן אויפֿהער: „ווער עס איז קראַנק, זאָל ברענגען אַנ'אָפּפֿער אויפ'ן מזבח, וועט די קראַנקהייט פֿון איהם אָבטרעטען און ער וועט געהיילט און געגעזען ווערען!" און דאָס פֿאָלק האָט געבראַכט די קראַנקע און שלאָקריהריגע און ליידענדע, פֿיהרענדיג מיט זיך רינדער און ווידערס אוישאָף, און טראָגענדיג טויבען און טורקעלטויבען און זעמעלן

מעהל מיט אייל, יעדער לויט זיין פערמעגען. צוערשט האָט דאָס פאָלק געבראַכט, לויט משה׳ס בעפעהל, נאָר די קראַנקע, וואָס זע־נען פון שלאַנגען געביסען געוואָרען, און דאַן ערשט די איבריגע קראַנקע מיט אַלערליי שלאַפקייטען, וואָס זענען נאָר געוועזען.

דאַן איז אַרויסגעקומען דער כהן פִּינְחָס דער זוהן פון אֶלְעָזָר, דער זוהן פון אַהֲרן, און אַלע כהנים זענען אַרויס נאָך איהם. זיי זע־נען פאַרבייגעצויגען רייהענווייז, צו זיבען אין אַ שורה, און פינחס איז געגאַנגען אָן דער שפּיץ פאַר די רייהען. ער האָט געטראָגען אַ פאַן מיט ווייהרויך און איז געווען אָנגעטהון אין אַ לאַנגען פורפור-מאַנטעל מיט אַן׳אפוד און אַ חושן, און אַ ווייסע הויב אויפ׳ן קאָפּ און נאָך איהם האָט געצויגען די גאַנצע כהנים-פאַמיליע, צו זיבען אין אַ רייהע, אַ געוואַלדיג גרויסע מחנה, אַלע אין ווייסע מאַנטלען, טראָגענדיג ברענענ־דע פאַקעלען אין קרוגען, און ביים זוים פון זייערע מאַנטלען זענען געווען מילגרוימענע גלעקלעך, און די פאַקעלען האָבען געפלאַקערט און די גלעקלעך האָבען געקלימפּערט, און אַזוי זענען זיי אַלע געגאַנגען ביז זיי האָבען זיך דערנעהנטערט צו די מזבחות און האָבען זיבענ־מאָל אַרומגערינגעלט די מזבחות מיט געזאַנג, און אַ וואָלקען רויך האָט זיך געצויגען פון דער פאַן און האָט אַ מינוט לאַנג צוגעדעקט דאָס גאַנצע בילד — און ווען דער וואָלקען איז זיך צעפלאָסען, האָט מען געזעהען, ווי דאָס גאַנצע פאָלק קניהט אויף דער ערד, און די קראַנקע און ליידענדע ליגען אויסגעצויגען, בליקענדיג אַרויף צו דער שלאַנג אין דער הויך, זייערע אויגען זענען פערגלאָצט און די ליפּען פליסטערען אין דער שטיל.

און קראַנקע קומען פון אַלע מחנות, וואו די בני ישראל זענען פערשפּרייט איבער דער מדבר, זיי קומען פון נאָהנט און פון וויט, און די, וואָס האָבען נישט קיין כח אַליין צו געהן, ברענגט מען צו פיהרען, טאָג-איין טאָג־אויס קומען מענשען און טאָג-איין טאָג-אויס ווערען מענשען אַהערגעבראַכט: פון עֶצְיוֹן-גֶבֶר און פון מִדְבַּר-צִין, פון דעם הוֹר-הָהָר און פון צַלְמוֹנָה, פון פּוּנוֹן און פון עִיֵּי העברים, פון דִיבוֹן-גָד און פון עַלְמוֹן-דִבְלָתַים און אויך פון בֵּית־הַיְשִׁימוֹת — פון שלאַנגען גע־ביסענע און פון הינד געביסענע, שלאַקריהריגע און כראָניש קראַנקע, בלינדע און הינקענדיגע און טויבע — אַלע קומען זיי דאָ אַהער אָדער

ווערען אַהער געבראַכט, און יעדער פון זיי דעמפּט ווייהרויך אויף איינעם פון די מזבחות אָדער דערלאַנגט זיין אָפּפער צו די כהנים. דאַן קניהען זיי און ציהען זיך אויס אויף דער ערד און הויבען אויף די אויגען צו דער קופּפערנער שלאַנג וואָס אין דער הויך, און אַזוי קוקען זיי, נישט אַראָבלאָזענדיג קיין בליק — און ווערען געזונד.

און אין פינפטען חודש, אינ׳ם זיבעטען טאָג פון דעם חודש, צו מיטאָג-צייט, איז אויך קטורה די מוטער פון דישון, געקומען צו דער שלאַנג וואָס אין אובות און האָט מיטגעבראַכט איהר זוהן מיט זיך.

און אובות איז דאַן געלעגען פערחלש׳ט פון דער גליהענדער מיטאָג-זון, און דאָס זאַמד וואָס אונטען האָט זיך געבאַקען ווי ברויט אין אַנ׳אויוועז, עס האָט געברענט און געפלאַקערט און געגליהט, און מאָמענטענווייז פלעגען אַ טייל זאַמד-קערנער פלוצלינג אָנהויבען גלאַנצען ווי געלע פערעל. און דאָס פאָלק האָט זיך בעהאַלטען פאַר דער בראַנדיגער היץ אין די געצעלטען און הינטער די געשטרויכען און אין די פעלזען-שפּאַלטען. די צוויי קוואַלען, וואָס נעבען דעם פעלז, זענען אויסגעטרוקענט געוואָרען און עס האָט פון זיי געשלאָגען אַ ווייסע פּאַרע, וואָס איז זיך צעפלאָסען אין דער לופט. אַ פוילער הונד איז געשטאַנען ביי איינעם פון די אויסגעטרוקענטע קוואַלען און זיינע אייטערדיגע אויגען האָבען אונאויפהערליך געטרעהרט, און די צונג איז איהם אַרויסגעהאָנגען פון מויל און ס׳איז פון איהר געראונען די סליונע. פלוצלינג האָט ער אַ ביל געטהון מיט אַ פירכטערליך קול און פון די בערג האָט אָבגעהילכט א ווידערקול דריימאָל נאָכאַנאַנד, אַז עס האָט אַ גרויל אַרומגעכאַפּט. דאַן האָט דער הונד זיך אַ וואָרף געטהון אויף דער ערד און זיך אויסגעקייקעלט אין זאַמד דריי מאָל, נאָכהער האָט ער זיך פלוצלינג געוואָרפען אויף אַ בוים און געגומען בייסען די קאָרע מיט אַ גיפטיגער וואוט. — און נאָר פונ׳ם שפּיץ בארג וואָס אַקעגען נבו האָט אַראָבגעקוקט איבער׳ן גאַנצען ישימון די קופּפערנע שלאַנג, וואָס איז מיט אַ בלייער באַנד געוועזן צוגעבונדען צו דער הויכער שטאַנג, און ער האָט מיט בלישטשענדיגע אויגען אַראָבגעבליקט אין די מוראדיגע שטילקייט אַריין.

און די פרוי האָט געפיהרט איהר זוהן און איהם אונטערגעלעהנט מיט איהר האַנד, דען ער האָט אַליין נישט געקאָנט געהן, און זיין פּנים איז געוועזן ווייס ווי דאָס פּנים פון אַ מת. זי איז מיט איהם דער-

גאַנגען ביז צו די בימות און האָט איהם אָוועקגעלעגט אויף דער ערד.

און דער אויסגעמאַטערטער יונגערמאַן האָט אויפגעהויבען זיינע פּערשמאַכטע אויגען צו דער שלאַנג אין דער הויך און צו איהר אַרויף. געקוקט, און דער בליק איז איהם פערשטאַרט געוואָרען — פּלוצלינג האָבען איהם גענומען שטיקען טרעהרען און ער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול.

און זיינע מיעדע ליפּען האָבען זיך בעוועגט און געפּליסטערט. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבען רעדען אויף אַ קול:

„דו הייליגע שלאַנג! נישט דאָס לעבען האָב איך געזוכט, נאָר אַ ביסעל ליעבע.

„אַנ׳עלענדער יתום בין איך געווען און קיין גוטס האָב איך נישט געזאָסען. איך האָב קיין זאַך נישט געוואוסט אויסער מיין פּייפעל, דורך וועלכען מיין גאַנצע נשמה האָט גערעדט, און אויסער מיינע פּיש אין וואַסער, וואָס זענען שטום און האָבען מיר גאָרנישט געענטפערט.

„דאַן האָב איך דאָס מיידעל דערזעהן — און איך האָב נישט געוואוסט, אַז איך האָב זי געזעהן.

„און עס איז מיר געוואָרען, ווי אַ שלאַנג וואָלט מיר פּלוצלינג אַ ביס געטהון — און דער גיפט האָט ביסלעכוויז אַריינגעדרונגען אין מיין בלוט און אין אַלע גלידער פון מיין לייב און אויך אין מיין נשמה.

„הייל-זשע מיך, שלאַנג, אויב דו קענסט. און אויב דו קענסט נישט — וועל איך שטאַרבען. און וואָלט איך שטאַרבענדיג בלויז גע-וואוסט, אַז מיין ליעבע וועט נישט שטאַרבען צוזאַמען מיט מיר.

„און נישט קיין מִזְבֵּחַ וועל איך דיר בויען, שלאַנג, דען דאָס פּנים פון דעם מיידעל איז מיר אַ הייליגער מזבח געוואָרען און נישט קיין ווייהרויך וועל איך דיר דעמפּפען, דען מיין גאַנץ בלוט און מיין גאַנצען מאַרך און אַלע זאַפטען פון מיין לייב האָב איך איהר שוין אויסגעדעמפּט. הייל-זשע מיך, שלאַנג, אויב דו קענסט.

„און וואָלט איך בלויז געוואוסט, אַז ווען מיין לעבען וועט אויפ-הערען, וועט נישט צוזאַמען דערמיט אויך אויפהערען די ליעבע!״

דער יונגערמאַן איז שטיל געוואָרען. און ווען דער טאָג האָט זיך גענייגט, איידער די זון איז פערגאַנגען, איז דאָס פאָלק אַרויס פון זיין בעהעלטעניש און עס זענען געקומען די כהנים, און

אויך פינחס דער כהן איז געקומען און האָט געטראָגען די פאַן און געדעמפט דעם ווייהרויך — און די קראַנקע און די שמאַכטענדע און די שלאַקריהריגע האָבען געהויערט דאויף דער עד מיט אויפגעהויבענע אויגען צו דער שלאַנג.

און אויך דישון איז געלעגען אַ גאנצע נאַכט מיט אויפגעהויבענע אויגען.

און אינדערפריה, ווען די זון איז אויפגעגאַנגען איבער די בערג, האָבען זיינע ברייט צעעפענטע אויגען אַרויסגעשטאַרצט פון די לעכער, קוקענדיג אַקעגען דער אויפגעהענדער זון. — מ'האָט דערזעהען, אַז דער יונגערמאַן איז טויט.

און די פרוי האָט אויך געבליקט צו דער שלאַנג, לאַנג האָט זי אויף איהר געקוקט — און דאַן האָט זי גענומען איהר טויטען און איהם בעגראָבען אינ'ם טהאָל אַקעגען נבו.

דער סורר ומורה

דאָס איז געווען אין צווייטען יאָהר זינט דעם, ווי די יודען זענען אַרויס פון מצרים, אין צווייטען חודש, אין ערשטען טאָג פון דעם חודש. דאָס פאָלק האָט דאַמאָלס געלאַגערט אין רִמוֹן־פֶּרֶץ. אין יע־נעם טאָג, פון גאַנץ פריה אָן, זענען די שוטרים אַרומגעגאַנגען צווישען דער מחנה, יעדער מיט זיין שפּיז אויפ׳ן אַקסעל, און נע־בען איהם איינער פון די כהנים־שילער. זיי זענען געגאַנגען פון איין עק מחנה ביז צום אַנדערען עק מחנה, פון איין וואוינפּלאַץ צום אַנדערען וואוינפּלאַץ, אָדער זיי זענען אויפגעשטיגען אויף די שפּיצען פון די פעלזען און פון די הויכע בערג און האָבען זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט און מיט אַ הויכער שטים אויסגערופען צום פאָלק אַזוי צו זאָגען: „יעדער מאַן פון ישראל, פון צוואַנציג יאָהר אָן און העכער, זאָל היינט אַרויסגעהן צו דער מִצְפָּה, ווייל דאָרט וועלען אַלע געצעהלט ווערען לויט די קעפּ, און יעדער מאַן, וואָס האָט שוין צוואַנציג יאָהר געענדיגט, וועט פערשריבען ווערען אינ׳ם מוסטערונגס־בוך אַלס פעהיג צו קריעגס־דיענסט". און ווען דער שוטר האָט אויפגעהערט צו רעדען, האָט דער כהן ערגענצט זיינע רייד. ער האָט הייליג אויסגעשפּרייט די הענד און פערגלאָצט מיט די אויגען און צוגעגעבען: און „ווער עס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ געצעלט און האָט עס נאָך נישט בענייט, זאָל נישט אַרויסגעהן, דען פריי איז ער צו זיין געצעלט, און ווער עס האָט פערזייהט אַ שטיקעל ערד און האָט עס נאָך נישט געשניטען, זאָל נישט אַרויסגעהן, דען פריי איז ער צו זיין ערשטער פרוכט, און ווער עס האָט פערלאָבט אַ פרוי און האָט זי נאָך נישט גענומען, זאָל נישט אַרויסגעהן, דען פריי איז ער צו דעם מיידעל איין יאָהר לאַנג, אמן אמן!" דאַן איז דאָס גאַנצע פאָלק פון אַלע עקען געצויגען צו דער

מצפה, אַלע יונגע מענער אין ישראל, קיין איינער האָט נישט געפעהלט. און די צאָהל פון אַלע געמוסטערטע אין יענעם טאָג איז געווען זעקסהונדערט טויזענד און דרייטויזענד און פינפהונדערט און פופציג.

נאָר איין יונגער בחור איז געווען אין דער מחנה, וועלכער האָט זיך אַנטקעגענגעשטעלט די שוטרים און זיך איינגעשפּאַרט, נישט צו לאָזען פערשרייבען זיין נאָמען צווישען די קריעגס-פּעהיגע. אַ גאַנצען טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער דער מחנה פון איין וואוינפּלאַץ צום אַנדערען וואוינפּלאַץ, און האָט געהעצט געגען די פיהרער פונ׳ם פאָלק, געגען משה און אַהֲרֹן און האָט אָבגערעדט דאָס פאָלק פון דעם קריעגס-דיענסט, אַז זיי זאָלען זיך נישט מאָבי-ליזירען און נישט געהן דיענען: „וואָס וועט אונז אַרויסקומען דער-פון, ווען מיר וועלען דיענען משה און אהרן? ווער איז דען דער דאָזיגער משה, וואָס האָט זיך פלוצלינג געשטעלט איבער אונז און זיך בעשטימט פאַר אונזער בעפעהלער, און ווער איז דאָס אַ זעל-כער זיין ברודער אהרן, וואָס ער האָט איהם איבערנאַכט געמאַכט פאַר אונזער כהן? וואָס טויג אונז חַיִל, צו וואָס גאָר זאָלען מיר קריעג פיהרען? פאַרוואָס-זשע זאָל דאָס א מענש אויפשטעהן געגען אַ צווייטען מענש ווי ער און איהם ערמאָרדען און זיין בלוט פערגיסען אומזיסט און אומנישט? מיר וועלען נישט געהן!״

ווען מ׳האָט נאָכגעפאָרשט אום צו דערגעהן, ווער עס איז דער דאָזיגער יונגערמאַן און וועמענס זוהן ער איז, האָט זיך אַרויס-געוויזען, אַז ער איז קְהָת דער זוהן פון פַּגְעִיאֵל, און זיין פאָטער איז אַ נָשִׂיא אין ישראל, איינער פון די פאַרנעהמסטע אין דער גע-מיינדע, און זיין מוטער איז פון די חִיתִּים און הייסט דְבוֹרִית. ווער ס׳האָט דאָס געהערט, האָט געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט: אַלזאָ דאָס איז ער טאַקי! קְהָת איז עס, קהת דער זוהן פון פגעיאל, דער בעקאַנטער קהת...

צו יענער צייט איז די מדבר נאָך געווען מעכטיג און פירכ-טערליך זיבענמאָל מעהר ווי איצט, די בערג זענען געווען האַרט און פעסט זיבענאונזיבעציג מאָל מעהר ווי איצט, און דער מענש איז געווען פרעך און רויה און ווידערשפעניג און רעוואָלטירענד און

האָט געהאָסט יעדען יאָך זיבענהונדערט-און-זיבען מאָל מעהר ווי איצט.

דאָס, וואָס מען האָט דערצעהלט וועגען דעם בחור, איז געווען וואונדערליך און אויסטערליש און טיילמאָל אויך גרוילהאַפט: אַ ווילדער יונג איז ער און פערלעבט אַלע זיטען און געזעצען אין אַ מינוט, ווען עס קומט איהם אָן זיין פרעכער ווילקיר — און דאָך איז אינ׳ם גאַנצען געמאַרק נישטאָ נאָך איינער, וואָס איז ווי ער גוטהערציג און עדעלמוטיג און פול מיט רחמנות און מיטגעפיהל צו יעדען ליידענדען און הונגעריגען. פאַר קיין כהן שטעהט ער נישט אויף און קיין נָבִיא שוינט ער נישט און אַ נָשִׂיא איז איהם אונווירדיג, און דערזעהט ער אַ הייליגען, זאָגט ער, אַז דאָס איז אַ שווינדלער, וואָס ווייזט זיך אַלס אַ הייליגער אום צו קאָנען אויסזויגען דעם מאַרך פונ׳ם אָרימאַן — אָבער שוין אַלס זיבעניעהריג קינד, ווען ער האָט איינמאָל בעמערקט אין דרויסען צו אָוועגד-צייט אַ יונגעל, וואָס איז געגאַנגען נאַקעט, האָט ער זיך נישט געקאָנט בעהערשען און האָט גיך אויסגעטהון זיין מאַנטעל און אַוועקגעגעבען יענעם יונגעל, און דערנאָך איז ער האַסטיג אַנטלאָפען און איהם נישט נאָכגעקוקט, ווייל ער האָט זיך געשעהמט פאַר זיין טהאַט. גרויזאַם איז ער געווען און האַרטער פון אַ פעלז, ווען ער פלעגט שטורעמען געגען יעדען הערשער איבער׳ן פאָלק און געגען יעדען נשיא און בעפעהלער — אָבער אַז ער איז איינמאָל געשטאַנען ביי דער זייט פונ׳ם משכן, ווען אַ פרוי האָט געבראַכט דעם כהן צוויי יונגע מיידבעלעך אַלס קרבן, און דער כהן האָט אָבגעקנייפט דעם קאָפּ פון איין טייבעלע און געשפּאָלטען די פליגעלעך און דאָס טייבעלע האָט ביטער געפּישטשעט, — זענען ביי איהם די אויגען פערלאָפען מיט טרעהרען. און טיילמאָל ווען ער איז געשטאַנען אין משכן-הויף, און עמיץ האָט געבראַכט אַ שפּייז-אָפּפער פון אויוועץ-געבעקס, זעמעל-מעהל צו חלות און מצה-קוכענס, האָט ער האַסטיג זיך צוגערוקט פון הינטער דעם קאָרב, וואָס דער מאַן האָט געהאַלטען אין דער האַנד, און האָט אַרויסגעגנב׳עט דאָס זעמעל-מעהל מיט די מצות און איז שנעל אַנטלאָפען מיט זיין רויב און האָט עס אָבגעגעבען דעם ערשטען בעסטען אָרימאַן, וואָס ער האָט בעגעגענט אויפ׳ן וועג.

אַבער הערענדיג, אַז עס זענען פאַרהאַן פעראָרדנונגען און פאָרשריפטען, אָ תורה און אַ געזעץ, געבאָטען און בעפעהלען, וואָס אַ מענש מעג טהון און וואָס ער טאָר נישט, האָט ער געקריצט מיט די צייהן פון כעס און האָט געשוואוירען און געזאָגט: נאָר הערשזוכטיגע מענשען האָבען דאָס אַלץ צוגעטראַכט אום צו קוועהלען דעם מענשען אויף יעדען טריט און אָוועקרויבען ביי איהם זיין פרייהייט, וואָס איז איהם געגעבען געוואָרען, ווען ער איז בעשאַפען געוואָרען.

מען האָט אויך שוידערהאַפטע זאַכען פון איהם דערצעהלט: זיין פאָטער האָט ער נישט געעהרט און זיין מוטער האָט ער נישט געליעבט, און האָט איהם דער פאָטער ווען פאָרגעהאַלטען זיין אויפפיהרונג, ווי אַ טאַטע מוסרט אַ זוהן, פלעגט ער איהם פאַר אַלע קנעכט און דיענסטען אָבענטפערען: — „ווער האָט דיך דע געבעטען, אַז דו זאָלסט דיר דיין לוסט נאָכגעבען און ברענגען אַ מענשליך נפש אויף די וועלט צו אַ וויסט און הויל לעבען אָהן אַ צוועק און אָהן אַ ציעל; צי פאַר דעם גענוס, וואָס דו האָסט געהאַט, בעשאַפענדיג מיך צו אַ נישטיג און זינלאָז לעבען, זאָל איך דיר דאַנקבאַר זיין און דיך עהרען?" שפעטער האָט קְהָת אָנגעהויבען אין געהיים גנב'ענען פון דעם פאָטערס אוצרות, נעהמענדיג וואָס עס איז איהם נאָר אונטער די הענד געקומען, און אויך דער מוטערס שאַצקאַמער האָט ער אויסגעלעדיגט, צונעהמענדיג פון קליידער און פון ציהרונג, און האָט דעם גאַנצען רייכען שָלָל אָוועקגעגעבען צו הונגעריגע און נויטבעדערפטיגע. און האָט מען איהם געמוסרט, פאַרוואָס ער גנב'עט און שטרעקט אויס זיין האַנד אויף פרעמד האָב און פרעמד אייגענטום, האָבען זיך איהם די אויגען פערגלייזט פון צאָרן און ער האָט אויסגעשריען: נישטאָ קיין האָב און נישטאָ קיין אייגענטום, נישטאָ קיין בעזיצער פון פערמעגען און נישטאָ קיין הערר פון אייגענטום! אַלצדינג, וואָס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט, געהערט צו אַלע איינוואוינער פון דער ערד און יעדער מענש קאָן זיין האַנד אויסשטרעקען און עס נעהמען! נאַקעט איז דער מענש געבוירען און נאַקעט וועט ער זיך צו דער ערד אומקעהרען! — און איינמאָל, ווען זיין פאָטער, דער נשיא, האָט איהם געשטראָפט, האָט

ער זיך נישט געקאָנט בעהערשען און האָט איהם געשאָלטען, און געגען דער מוטער האָט ער זיין האַנד אויפגעהויבען...

דאַן האָט זיך זיין שטימונג געענדערט און ער האָט פּלוצלינג אויפגעהערט אַרומגעהן איינגעבויגען און פערפינסטערט גאַנצע טעג, זעהענדיג שטענדיג נאָר דאָס שלעכטע און בעקלאָגענדיג זיך אויף יעדען אונרעכט, און ער איז פון איצט אָן געווען נאָר פרעהליך. נאָר עסען און טרינקען, ברידער, נאָר עסען און טרינקען און געניסען פון יעדען אויגענבליק! מאָרגען וועלען מיר שטאַרבען, לאָמיר־זשע היינט גע־ניסען! סיי־ווי איז נישטאָ קיין צוועק און קיין ציעל און קיין צו־קונפט, און דערפאַר איז נישטאָ פאַר דעם מענש עפּעס בעסערס, ווי עסען און טרינקען און זיך לאָזען וואוילגעהן, און פרעסענדיג און זויפענ־דיג פערגעסען דאָס פירכטערליכע עלענד, וואָס הייסט לעבען. און ער פלעגט צונעהמען דעם פאָטערס וויין און מאָסט, שאָף און רינדער, און עס האָט זיך אַרום איהם צונויפגעקליבען אַ געזעמעל פון לעדיגגעהער און פלאַטער־קעפּ און זיי האָבען מיט איהם צוזאַמען געגעסען און גע־טרונקען און נאָר געהוליעט. דאָס מיידעל, וואָס דער פאָטער האָט איהם אויסגעוועהלט פאַר אַ ווייב, האָט ער פערשטויסען און אַוועק־געוואָרפען דערפאַר נאָר, וואָס זי איז אַ טאָכטער פון עדעל־לייט און קליידט זיך אין זיידענס און אין שמוק, און ער פלעגט זיך נאָכ־יאָגען נאָך אָרימע אויסגעלאַסענע מיידלעך, גוטהאַרציגע מיט אַ צאַרט געמיט, וואָס זייער לייב איז אונריין, אָבער זייער נשמה איז ריין, און ער האָט מיט זיי אַרומגעווילדעוועט טאָג און נאַכט, און איז גע־וואָרען אַ גרויל פאַר דער גאַנצער מחנה.

ווי דער שטורעמדיגער צפון־ווינד אין דעם גרויסען סטעפּ, וואָס ווייס קיין גרעניץ נישט און קען נישט קיין אָבהאַלט, אַזוי איז געווען דער יונגערמאַן. און אָפטמאָל איז ער געווען ווי די גליהענדע לאַווע, וואָס דער סיני שפּייט אויס צייטענווייז פון זיין קעהל אַרויס.

בייטאָג, ווען ער איז צווישען דעם פאָלק געווען, פלעגט ער מאָהנען רעכט פון יעדען צווינגער און בעדריקער און זיין האַרץ איז געווען האַרטער פון אַ פעלז און זיין וואָרט דרייסט און גרויזאַם, אָהן רחמנות און אָהן איינזעהן. פרעך און העפטיג פלעגט ער רעדען, און מיט געוואַלד פלעגט ער צונעהמען וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט און עס

אַוועקגעבען צו די, וואָס פערמאָגען גאָרנישט. און אין אָווענד, אויפ׳ן פעלד אין דעם גרויסען סטעפּ, פלעגט זיך פערקלויבען צו איהם אַ איינזאַמלונג פון אונצופרידענע, יעדער קנעכט, וואָס זיפצט אונטער דער בייטש פון זיין הערר, און יעדע דיענסט, וואָס ווערט געפייניגט פון איהר בעל-הבית׳-טע, און ער פלעגט צו זיי רעדען טרייסט-ווערטער, וועלכע זענען געווען ווי דער באַלזאַם פון גִלְעָד. ק י י ן נביא האָט נישט גערעדט בעסער פון איהם און ק י י ן הארץ האָט נישט געפיהלט יענעמס שמערץ מעהר פון איהם, און זיינע צוהערער, וואָס זענען געשטאַנען אַרום איהם, האָבען דורשטיג געשלונגען יעדעס וואָרט פון זיין מויל. ביינאַכט אָבער, ווען ער איז איינער אַליין געבליבען, פלעגען איהם בעפאַלען טרוימען און זעהונגען, וואָס קומען פאָר נאָר אַ נביא און אַ דיכטער, און טרעהרען פלע-גען איהם פון די אויגען פליסען. געזעהען האָבען דאָס בלויז די שטע-רען אין הימעל.

ווי דער שטורעמדיגער צפון-ווינד אין דעם גרויסען סטעפּ איז ער געוועזען, אָבער זיין האַרץ איז געווען ווי די זון, איבערפולט מיט וואַ-רימקייק, צאַרטקייט און זאַנפטיגקייט.

און דאָס מענשען-געזעמעל, וואָס האָט זיך אַרום איהם פערזאַמעלט, איז ביסלעכוויז געוואָרען צו אַ באַנדע פערשווערער און שטורמער.

די ערד איז געווען טרויעריג, דער הימעל צעפלאָסען און די וועגען וויסט. פון די געצעלטען, וואָס זענען צעשפּרייט געווען איבער דעם סטעפּ, און פון די פעלזען-שפּאַלטען און לעכער האָבען זיך געקלי-בען אונצעהליגע מאַסען, אַ געוואַלדיגע מחנה מענשען, אָבגעריסענע און אין שמאַטעס געהילטע, מיט פינסטערע פּנימער און צאָרניגע בליקען, די מענער מיט די ווייבער און זייערע באָרוועסע קינדער; און זיי האָבען זיך אַלע פערזאַמעלט פאַר׳ן טויער פונ׳ם אֹהֶל מוֹעֵד געגען משה און אַהרן און דער גאַנצער כֹּהֲנִים-פאַמיליע און געגען די נְשִׂיאִים פון דער געמיינדע און די פירשטען פון דער מחנה, וואָס פערמאָגען פיעל רינדער און פיה און זענען שטענדיג זאַט, און זיי האָבען געמורמעלט און געשטורעמט און גערעדט שרעקליכע זאַכען, אַז עס איז שוין מיאוס געוואָרען דעם פאָלק דאָס דאָזיגע וויסטע מדבר-לעבען און דאָס אונאויפהערליכע וואַנדערען. וואָס האָבען זיי דען פון דעם עַמוּד-הֶעָנָן און וואָס גיט זיי דער עַמוּד-הָאֵש? דאָס פייער קענען זיי נישט עסען און דעם וואָלקען קענען זיי נישט טרינקען.

קיין פיש איז נישטאָ און אויך נישט קיין פלייש און אַפילו נישט דאָס אָרימע געמיזע־מאָהלצייט, דער קנאָבעל און די ציבעלעס, וואָס זיי האָבען געהאַט אין מצרים. נישט אין אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניג האָט מען זיי געבראַכט, ווי מ׳האָט זיי פריהער געהאַט צוגעזאָגט, נאָר אין אַ וויסטע און גרויל־האַפטע מדבר, וואו זיי וועלען איינציגווייז אויסשטאַרבען. נישט קיין פעלדער און נישט קיין וויינגערטנער האָט מען זיי געגעבען, ווי מ׳האָט זיי צוגעשוואוירען, איידער זיי האָבען זיך אין וועג אַריין געלאָזט — דאָס איז געווען בלויז א הויל גערייד. און איז נאָך דאָס אַלץ ווייניג געווען, האָבען די מענשען, וואָס זענען פּלוצלינג געוואָרען הערשער איבער זיי, אָנגעהויבען צו בעפעהלען און זיך שאַפען מיט זיי און רעגירען מיט אַ שטרענגער האַנד. און איז נאָך אויך דאָס נישט גענוג געווען—האָבען זיי זיך געשאַפען אַ כֹּהֲנִים־געזעמעל, אַ מחנה פוילענצער, וואָס טהוען גאָרנישט גאַנ־צע טעג, נאָר פרעסען דאָס לייב אַראָב פון דעם פאָלק און רייסען איהם אַרויס דעם ביסען פון מויל, און דאָס אומגליקליכע פאָלק מוז זיי אויס־האַלטען און זיי צאָהלען אַלע וויילע שטייערען און אַ צעהנטעל־אָבגאָב, און נישט בלויז אַ צעהנטעל, נאָר ניין־און־ניינציג חלקים פון אַלץ, וואָס עס פערמאָגט...

אויף דער בימה, וואָס ביי דער שוועל פונ׳ם אוהל־מועד, איז גע־שטאַנען דער געטליכער מאַן. זיין פנים איז זעהר בלייך געוואָרען. דען ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזעלכע שווערע פאָרוואורפען און נאָך קיינמאָל איז דאָס פאָלק נישט געווען אַזוי ווידערשפעניג צו איהם און איהם נישט געזאָגט אַזוי דייטליך, אַז ער בעדריקט דאָס פאָלק. שטיל, אַז מ׳האָט כמעט זיין שטים נישט געהערט, האָט ער זיך אָבגערופען:

— „קיין איינציג אייזעל האָב איך פון זיי נישט גענומען״...

— „נישט איינס, נאָר פיעלע!״ — האָט זיך פּלוצלינג געהערט אַ פרעכע שטים פון דער פערזאַמעלטער מאַסע. ווען מ׳האָט אַ בליק גע־געבען צום אָרט, פון וואַנען די שטים איז געקומען, האָט מען דערזעהען, אַז דאָס איז קהת דער זוהן פון פגעיאל.

דער געטליכער מאַן האָט מעהר קיין וואָרט נישט געענטפערט און איז פּלוצלינג ענטשוויגען געוואָרען — און איז אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן פנים. אַנשטאָט איהם איז אַרויף אויף די בימה דער כהן גדול און ער

אַט אויך גערעדט אינ׳ם זעלבען זין און האָט ווייטער געפרעגט:

— „וועמענס אָקס האָב איך צוגענומען?"

— „דעם אָקס פון זֶבֶד דעם זוהן פון יַרְחָע און דעם אָקס פון רֶגֶם דעם זוהן פון מְרָרִי און דעם אָקס פון אֲבִיָסָף דעם זוהן פון מַחְלִי און דעם אָקס..."

און אויך דאָסמאָל, ווען מ׳האָט אַ קוק געטהון דאָרט אַהין, פון וואַנען די ווערטער זענען געקומען, האָט מען געזעהען, אַז דאָס האָט גערעדט קהת דער זוהן פון פגעיאל.

דער כהן גדול האָט זיך דאָס אָבער צום האַרץ נישט גענומען און זיך נישט אויפגערעגט און האָט ווייטער גערעדט רוהיג, ווי איינער וואָס קאָן די ווערטער שוין אויף אויסענוועניג און זיי גליטשען זיך געלויפיג ביי איהם פון דער צונג אַראָב. ער האָט געזאָגט:

— „... און וועמענס אייזעל האָב איך גענומען און וועמען האָב איך בעדריקט אָדער אונרעכט געטהון, און פון וועמענס האַנד האָב איך אויסלייז־געלד גענומען?"

— „און ווער האָט צוגענומען דאָס אייזעל פון אֶלְיָשִׁיב דעם זוהן פון מַלְכִּיָה? און ווער האָט אונרעכט געטהון דער אלמנה פון מוֹאָב, עֵיפָה דער טאָכטער פון חַטּוּשׁ? און ווער האָט גענומען אויסלייז־געלד פון דעם אֲרַמ׳ישען קנעכט, זִיף דעם זוהן פון גֵזֶז? — מיר קענען דיך! מיר קענען דיך! און אויך דעם ווערט פון אַזעלכע ווערטער קענען מיר גוט!"

און ווידעראַמאָל האָט מען זיך אומגעקוקט און דערזעהען, אַז דאָס רעדט קהת דער זוהן פון פגעיאל.

און עטליכע שוטרים זענען פלוצלינג דורכמאַרשירט צווישען דער מחנה און האָבען עטליכע מאָל אַרומגעקרייזט דעם רעדנער און זיך גוט צוגעקוקט צו זיין פנים אום איהם צו דערקענען תמיד — און זיי האָבען די זאַך בעהאַלטען אין זייער זינען.

אָבער קְהָת דער זוהן פון פַּגְעִיאֵל איז אין דעם מאָמענט צוגעגאַנגען ביז צו דער שוועל פונ׳ם אֹהֶל מוֹעֵד און זיך געשטעלט פאַר׳ן פאָלק און נעבען איהם איז געשטאַנען אַנ׳אָרימע פרוי, איינגעהילט אין אַ גראָבען

זאַק און מיט באָרוועסע פיס. דער יונגערמאַן האָט דאַן גענומען רעדען און זיינע ווערטער זענען געווען, ווי שאַרפע שפּיזען:

— זעהט נאָר, אָט איז די אלמנה! איך וועל אייך נישט דערצעהלען איהר שרעקליך עלענד — איהר איינגעדאַרט פּנים וועט דאָס אייך דערצעהלען! איך וועל אייך נישט זאָגען, ווי ווייט זי האָט געהונגערט — איהרע איינגעטריקענטע ביינער וועלען עס אייך זאָגען! אָבער איין קלייניגקייט לאָזט מיך אייך דערצעהלען: נאָר איין קליינע מוטער-שאָף האָט איהר דער מאַן איבערגעלאָזען, ווען ער איז געשטאָרבען, און אַז זי האָט גענומען שערען די וואָל פון דעם שעפּס, איז געקומען דער כּהן, וואָס וואוינט אין דער נאָהנט פון איהר געצעלט, און צוגענומען די וואָל פאַר זיך און געזאָגט: דאָס געהערט צו מיר, און ווען די פרוי האָט געשריען וועגען דער גזֵלה, האָט ער געענטפערט: עס איז אַ געזעץ, אַזוי האָט אונז בעפויהלען משה: „די ערשטלינגע פון דער שאָף-שעהרונג זאָלסטו איהם געבען”. די אָרימע האָט זיך געטרייסט: די שאָף טראָגט דאָך אין זיך אַ צוואוקס און אַז ס׳וועט קומען די צייט, וועט זי געבעהרען אַ יונגע לאַם. ווען ס׳איז אָבער געקומען די צייט און די שאָף האָט געבוירען אַ לאַם, איז געקומען צוגעהן דער כּהן און האָט עס צוגענומען, זאָגענדיג: דאָס געהערט צו מיר. און ווען די פרוי האָט געשריען וועגען דער דאָזיגער נייער געוואַלד-טהאַט, האָט ער געענטפערט: ס׳איז אַ געזעץ אַזאַ, וואָס משה האָט אונז פאַרגעשריבען: „יעדער ערשטלינג, וואָס וועט געבוירען ווערען מענליך אין דיינע רינדער און אין דיינע שאָף, זאָלסטו הייליגען צו גאָט”. דאַן האָט די דערשלאָגענע פרוי געזעהן, אַז עס איז קיין עצה נישטאָ, און זי האָט גענומען און געקוילעט די שאָף, אָבער אויך דאָס האָט איהר נישט געהאָלפען, דען דער כּהן איז גיך געקומען און צוגענומען דעם אָרעם, די קינבאַקען און דעם מאָגען און יעדעס פעטע שטיק און האָט דערביי געגלאָצט מיט די אויגען צום הימעל און אויפגעהויבען אין הייליגקייט די הענד, זאָגענדיג: ס׳איז אַ געזעץ, וואָס עס האָט בעפויהלען אונזער הערר משה דער געטליכער מאַן, אַזוי צו זאָגען: „און ער זאָל געבען דעם כּהן דעם אָרעם און די קינבאַקען און דעם מאָגען”. די אלמנה איז געשטאַנען און איהר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט. זי איז דאַן אויפגעשפּרונגען און געשוואוירען: זאָל דאָס פלייש פון דער דאָזיגער שאָף זיין אַ חרם פאַר

אַלע די, וואָס וועלען עס עסען, אַ חרם פאַר מיר און פאַר יעדען, וואָס וועט זיך דערצו צוריהרען. אָבער דערמיט האָט זי נאָך ערגער געמאַכט, דען דער כהן האָט אין איין אויגענבליק צוגענו־מען דאָס גאַנצע פלייש, זאָגענדיג: ס'איז אַ געזעץ, אַזוי האָט משה געבאָטען: „יעדער חֵרֶם אין יִשְׂרָאֵל געהערט צו דיר — צום כֹּהֵן!"

אַ טומעל און אַ גערודער איז דורכגעגאַנגען אין דער מחנה פון איין עק ביז צום אַנדערען.

אין דעם אויגענבליק האָט דער כֹּהֵן גָדוֹל, וואָס איז געשטאַנען הינטער דער בימה ביי דער שוועל פונ'ם אֹהֶל מוֹעֵד, געגעבען אַ צייכען צו די נְשִׂיאִים, און די נְשִׂיאִים צו די זְקֵנִים, און די זְקֵנִים צו די שׁוֹפְטִים, און די שׁוֹפְטִים צו די שׁוֹטְרִים, און די שׁוֹטְרִים האָבען פּלוצ-לינג גענומען דורכמאַרשירען צווישען דער מחנה.

און אין דעמזעלבען טאָג פאַרנאַכט זענען זיך צונויפגעקומען די כֹּהֲנִים און די נְשִׂיאִים און די זְקֵנִים און די שׁוֹפְטִים און די שׁוֹטְרִים, אַלע צוזאַמען, און אויך דעם פאָטער פון דעם יונגענמאַן, דעם נשיא פַּגְעִיאֵל דעם זוהן פון עָכְרָן, האָבען זיי גערופען, און זיי האָבען זיך בעראַטען אַ צייט לאַנג ביז האַלבע נאַכט.

וואָס זיי האָבען בעשלאָסען האָט קיינער נישט געוואוסט. נאָר די פּיס פון פַּגְעִיאֵל דעם נשיא האָבען געציטערט, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, און זיין פּנים איז געווען איינגעפאַלען. אָבער אין אַ ווילע אַרום, ווען ער איז נאָך אויף דער שוועל געשטאַנען, האָט ער זיך געשטאַרקט און שטיל געזאָגט, ווי צו זיך אַליין: „עס איז מיין פליכט אַקעגען מיין פאָלק און איך וועל עס טהון. עס איז די צייט צו טהון פון גאָטס וועגען, און וואָס בעדייט פאָטערליכע רחמנות, ווען אַ מענש דאַרף טהון פאַר זיין פאָלק און פאַר זיין גאָט!"

*

דער עַמוּד-הֶעָנָן איז געצויגען פאַר'ן פאָלק בייטאָג און דער עַמוּד הָאֵשׁ ביינאַכט. די זון איז אויפגעגאַנגען און די זון איז אונטערגעגאַנ־גען. דאָס פאָלק איז מיצד געוואָרען פון בעקלאָגען זיך און איז ענטשוויגען. אַלץ איז ווידער געוואָרען ווי פריהער. צייטענווייז האָט נאָך דאָס פאָלק געקרעכצט פון דער שווערער לאַסט, וואָס איז אויף איהם אַרויפגעלעגט

עוואָרען, און דאַן אויפגעהערט. ביסלעכווייז האָט עס פּערגעסען זיין פּערדרוס און זיינע טענות און עס האָט זיך ענדליך איבערצייגט, אַז ס'איז גוט פאַר דעם מענשען צו טראָגען אַ יאָך. ווי אַ פּייער-לאַווע איז געלעגען די ברענענדיגע היץ איבער דעם געלען זאַמד וואָס אין דער מִדבָּר, און די פעלזען-שפּיצען האָבען מינוטענווייז געדריכערט פון דער שווערער גלוט. דער הימעל איז געווען ווי בליי און דאָס זאַמד האָט פּערענדערט זיין פאַרב און געוואָרען דונקעל-פּיאָלעט.

דאָס קליינע הייפעל פערשווערער האָט זיך אונטערגעגעבען — און נאָר איינער איז נאָך געבליבען, וואָס פאַר איהם האָט מען מורא געהאַט, אַז ער וועט פון צייט צו צייט אויפהעצען דאָס אונוויסענדע פאָלק.

און פּלוצלינג איז די גאַנצע מַחֲנֶה אויפגערודערט געוואָרען פון אַ נייעס, וואָס איז נאָך ביז דאַן קיינמאָל נישט פּאָרגעקומען.

עס איז געקומען אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען דער נָשִׂיא פַּגְעִיאֵל דער זוהן פון עָכְרָן, ער און זיין ווייב דְבוֹרִית פון די חִתִּים מיט איהם, און זיי זענען צוגעגאַנגען ביז פאַר די זְקֵנִים וואָס ביים טויער פון'ם וואוין-פּלאַץ, און זייער זוהן קְהָת האָבען זיי געבראַכט צו פיהרען מיט זיך. אָבער קְהָת איז געווען געבונדען מיט שטריק, און די שׁוֹטְרִים און אויך פיעל פון דעם פעבעל זענען זיי נאָכגעגאַנגען.

דער נָשִׂיא פַּגְעִיאֵל האָט געשוויגען און קיין וואָרט נישט גע-רעדט, און בלויז זיין פרוי דְבוֹרִית פון די חִתִּים האָט זיך אָבגערופען, זאָגענדיג:

„דער דאָזיגער זוהן אונזערער, קְהָת דער זוהן פון פַּגְעִיאֵל און פון מיר, איז אַנ'אָבקעהרער און אַ ווידערשפּעניגער. פערפלוכט זאָל זיין די נאַכט, ווען א מאַן האָט מיר די שוואַנגערשאַפט געגעבען און פערשאָלטען זאָל זיין דער טאָג, ווען איך האָב איהם געבוירען! וועה צו מיר, ווען איך זאָל דערצעהלען, און וועה צו מיר, ווען איך זאָל פערשוויגען! אָבער זייט וויסען: אונזער זוהן פאָלגט אונז נישט, עהערגעכטען האָט ער זיין האַנד געהויבען געגען זיין מוטער זי צו שלאָגען און נעכטען האָט ער געפלוכט דעם פאָטער. ער איז אַ פרעסער און אַ זויפער, ער שלעפּט זיך אַרום מיט די אָבשפּעטער און פערברענגט מיט אויסגעלאַסענע מוי-דען. מיר האָבען איהם געשטראָפט, אָבער ער האָט קיין בעלעהרונג

נישט אָנגענומען. און אַט זענען מיר איצט געקומען. מיר האָבען איהם געכאַפּט און געבראַכט צו אייך.״

פּגְעִיאֵל׳ס פּנים איז עטוואָס בלייך געווען, ווען זיין פרוי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער און זיינע אויגען האָבען צו דער ערד גע-בליקט. אָבער די פרוי האָט גערעדט און אין איהרע אויגען האָט גע-ברענט אַ ווילדע גרויזאַמע ליידענשאַפט און דאָס שפּייעכץ האָט גע-שפּריצט פון איהר מויל, און ווער עס האָט זי געזעהן האָט פּלוצ-לינג זיך דערמאָהנט אָן די חַתִּישע פרויען, וואָס עסען דאָס פליישׁ פון זייערע זויגלינגע און בעלעקען זיך פון גרויס גענוס.

פון דעם מאָרגען-אָפּפער ביז די כֹּהֲנִים האָבען זיך פערזאַמעלט צו די שלאַכט-אָפּפער, אַכט שטופען אויפ׳ן זונען-זייגער, האָבען די ריכטער זיך צוזאַמען בעראַטען און דאַן זענען זיי אַרויסגעקומען און אויסגערופען:

— „אַט איז דער אורטייל פון גאָט: יעדער אָבקעהרענדער און ווידערשפּעניגער זוהן, וואָס פאָלגט נישט זיין פאָטער אָדער זיין מוטער, וואָס שלאָגט די מוטער און פלוכט דעם פאָטער, קומט איהם טויט-שטראָף. אַלע איינוואוינער פון זיין וואוין-פּלאַץ זאָלען איהם פערשטיינערען און אויסראָטען דאָס בייז פון צווישען זיי. דעם ערשטען שטיין זאָל אויף איהם שליידערען די מוטער...״

פּגְעִיאֵל׳ס פּנים איז געוואָרען נאָך זיבענמאָל בלאַסער ווי פריהער, און זיינע מוסקולען האָבען קיין ציטער נישט געטהון, די פרוי אָבער האָט זיך צוגעהערט און איהר פּנים האָט געפלאַמט.

און אין צעהן מינוט אַרום האָבען די שׁוֹטְרִים אַרויסגעפיהרט דעם יונגענמאַן פון דער וואַך, וואו זיי האָבען איהם געהאַט אַריינגעזעצט ביז עס וועט קלאָר ווערען, וואָס מיט איהם זאָל געשעהען. דאַן האָבען זיי איהם אַוועקגעפיהרט אין פעלד אַריין אויסערהאַלב פון דעם לאַגער און גרויסע מאַסען פונ׳ם פאָלק האָבען זיך געצויגען נאָך זיי, מענער, פרויען און קינדער זעהר פיעל.

און די טראָמפּייטער האָבען געשאַלט אין די טראָמפּייטען און די שוֹפָר-בלאָזערס האָבען געבלאָזען אין די שופרות און די פּויקערס האָבען געפּויקט, און דער טומעל און ליאַרם איז געווען זעהר גרויס.

ווי עפּעס אַ שכרות האָט אַרומגענומען די גאַנצע מחנה. עס האָט

אויפגעוואַכט אַ העלישעליידענשאַפט, און דאָס פאָלק האָט דערשפּירט דעם געריך פון בלוט.

און קְהָת האָט געשפּאַנט מיט אַ שטאָלץ אויפגעריכטען קאָפּ, און האָט אַפילו קיין ציטער נישט געגעבען — אָבער אין דעם אויגענבליק האָט ער דערבליקט צווישען דעם פאָלק אויך דאָס מענשען-געזעמעל, פאַר וועלכען ער האָט זיך תמיד געמיהט, די אַלע ליידענדע און געפּייניגטע, הונגעריגע און אומגליקליכע. עס איז איהם דאַן אַ ווילדע פערגליווערט געוואָרען דאָס בלוט אין האַרצען, און ער איז שוין מעהר נישט געגאַנ-גען אַזוי שטאָלץ.

און ווען זיי זענען געקומען צו דעם בעשטימטען אָרט, האָט מען איהם אָנגעטהון אַ ווייס ליינען העמד, וואָס איז געווען אַזוי לאַנג, אַז עס האָט איהם אינגאַנצען צוגעדעקט פון׳ם שפּיץ קאָפּ ביז די פוס-טריט, און די אויגען האָט מען איהם אַרומגעבונדען מיט אַ צודעק, אַז ער זאָל גאָרנישט זעהן, און מ׳האָט איהם אַוועקגעלעגט אויפ׳ן פּנים.

און דאָס פאָלק האָט געטראָגען די שטיינער פון אַלע זייטען און עקען, און אויך די הונגעריגע און אומגליקליכע און די אָרימע און ליי-דענדע, און די קנעכט און דיענסטען—אויך זיי האָבען געטראָגען שטיינער.

דעם ערשטען שטיין האָט אויף איהם געשליידערט זיין מוטער דְבוֹרִית פון די חִתִים און איהר פּנים האָט געפלאַמט.

דעם צווייטען שטיין האָט געוואָרפען דער נָשִׂיא פַּגְעִיאֵל דער זוהן פון עָכְרָן, אָבער זיין האַנד האָט זיך אַ טרייסעל געטהון ביים וואַרפען.

דאַן איז צוגעגאַנגען אויך דאָס מיידעל, וואָס איז געווען פאַר איהם בעשטימט אַלס ווייב, דען ביי דעם גאַנצען פאָלק האָט זי זיך נאָך גערעכענט אַלס זיין כלה —

אָבער אַ קליין מיידעל איז דאָרט געווען, קְטוּרָה האָט זי געהייסען, און זי איז געווען אַ דיענסט-מויד ביי פַּגְעִיאֵל דעם זוהן פון עָכְרָן, און דאָס דאָזיגע מיידעל האָט געפּרובט אָבצושטויסען די רייכע יונגפרוי אָן אַ זייט. וויל געפיהלט האָט די דאָזיגע אָרימע דיענסט, אַז זי האָט אַ חֵלֶק אין דעם מענשען, וואָס ליגט דאָ אויף דער ערד, מעהר פון אַנדערע.

אָבער די אַדעליגע יונגפרוי האָט זיך אויפגעריכט און האָט זיך דער-נעהנטערט לאַנגזאַם מיט שוועבענדיגע טריט. מיט אַ געהויבענעם קאָפּ איז זי געשטאַנען, געהילט אין איהר לאַנגען שלייער, צאַרט און וויך, דען זי

איז דאָך אַנ׳אַדעלס-טאָכטער, און האָט מיט איהר צאַרטער און אַדעליגער האַנד געוואָרפען דעם דריטען שטיין.

דאַן האָט דאָס גאַנצע פאָלק גענומען וואַרפען שטיינער, און עס איז געפאַלען אַ האָגעל פון שטיינער פון אַלע זייטען און עקען ביז עס איז אַ גרויסער הויפען געוואָרען. אין די ערשטע מינוטען האָט זיך נאָך געהערט עפּעס ווי אַ שלוכצענדע שטים און נאָכהער קורצע זיפּצען, דערשטיקטע און דונקעלע, און דאַן האָט עס אויפגעהערט און מ׳האָט מעהר קיין שאָרך נישט געהערט.

בלויז קְטוּרָה, דאָס קליינע מיידעל, האָט געקניהט צו דער ערד און איז געווען ווי וואַהנזיניג: מיט אַ געשיקטער האַנד האָט זי געפּרובט אויפכאַפּען יעדעסמאָל דעם געשליידערטען שטיין און איהם וואַרפען אָן אַ זייט. אָבער איהרע קרעפטען זענען צו שוואַך געווען אַקעגען אַזאַ גרויסער מחנה.

און די טראָמפּייטערס האָבען געשאַלט אין די טראָמפּייטען און די שופר-בלאָזערס האָבען געבלאָזען אין די שופרות און די פּויקערס האָבען געפּויקט מיט גרויס ליאַרם און געפּילדער.

דאַן איז פּלוצלינג אַ גרויסע שטילקייט איינגעטרעטען. די זון האָט שאַרף געלויכטען. אַ באַרג שטיינער האָט אַרויסגעשטאַרצט פון דער ערד.

און דער כֹּהֵן גדול שטעהט מיט אַנ׳אויפגעריכטען קאָפּ און מיט אויפגעהויבענע הענד צום הימעל און זאָגט: — „אַזוי זאָל געטהון ווערען צו אַ מאַן, וואָס פאָלגט נישט זיין פאָטער און מוטער״.

און די כֹּהֲנִים מיט די כהנים-שילער און די לְוִיִּים מיט די לויים-שילער רופען איינער צום אַנדערען: „און דו זאָלסט אויסראָטען דאָס בייז פון צווישען דיר! און דו זאָלסט אויסראָטען דאָס בייז פון צווישען דיר! און דו זאָלסט אויסראָטען דאָס בייז פון צווישען דיר!״

און די זְקֵנִים ענטפערען זיי: „און גאַנץ ישראל וועט זעהען און זיך פאָרכטען!״

און קטוּרָה דאָס קליינע דיענסטמיידעל שטעהט צעטומעלט, און איהרע אויגען בלאָנדזשען און איהר צונג קאָן קיין זילבע נישט אויסרעדען און זי ווייסט נישט, וואָס איהר איז געשעהן.

די סוֹטָה

ווען די בני־ישראל האָבען געלאַגערט אין בני־יַעֲקָן, אין פיער־אונדרייסיגסטען יאָהר זינט דעם, ווי זיי זענען אַרויס פון מצרים, אין די ערשטע טעג, ווען די מחנה איז אָנגעקומען ביז דעם דאָזיגען אָרט און דאָרט פונאַנדערגעשטעלט די געצעלטען, צוויי און צוואַנציג יאָהר זינט ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרען דער מִשְׁכָּן — איז געווען אַ מאַן צווישען דער מחנה, אֶיעֶזֶר דער זוהן פון מָכִיר איז געווען זיין נאָמען, און ער האָט געהאַט זעקס ווייבער. איז דער דאזיגער מאַן געקומען קיין עֶצְיוֹן־גֶבֶר און האָט דאָרט אַ מיידעל דערזעהן, שִׁפְרָה די טאָכטער פון סֶרֶד, און האָט אויך זי געוואָלט נעהמען פאַר אַ ווייב, אָבער דאָס מיידעל האָט נישט איינגעוויליגט מיטצוגעהן מיט איהם. דער מאַן איז פון דאָרט אַוועק און האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים שווייגענדיג און שטיל און ער האָט זיך געטרייסט נאָך דעם מיידעל מיט זיינע זעקס ווייבער — אָבער זיין פּנים איז איינגעפאַלען פון טאָג צו טאָג און ער האָט גענומען וואָסאַמאָל ווענינער רעדען. דאַן איז דער מאַן אין פערצעהן טאָג אַרום ווידער געגאַנגען קיין עֶצְיוֹן־גֶבֶר און האָט פונדאָסניי גערעדט צום הארצען פון דעם מיידעל — אָבער זי האָט איהם אויך דאָסמאָל נישט געפאָלגט. ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים אומעטיג און געקרענקט און האט געלעבט מיט זיינע זעקס ווייבער — אָבער דער שלאָף האָט איהם פערלאָזען אין די נעכט און בייטאָג זענען זיינע אויגען געווען פערשטאַרט אין זייערע לעכער. דאַן איז דער מאַן צום דריטען מאָל ווידער אין פער־צעהן טאָג אַרום געצויגען קיין עציון־גבר און האָט איינגעטענה׳ט מיט דעם מיידעל דריי טעג און דריי נעכט — און דאָס מיידעל איז אויך דאָסמאָל נישט געגאַנגען מיט איהם. ער האָט דאַן אָנגעזאָ־טעלט זיין אייזעל און איז זיך געריטען פּאַמעליך, געוואַלדיג פער־

אומערט און פערפינסטערט, און האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים קיין בני-יעקן און איז געזעסען גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט אין זיינע ווייבערס געצעלטען און האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. און נאָר זיין פנים איז געוואָרען וואָסאַמאָל בלייכער און זיין לייב איז איינגעטרוקענט געוואָרען, אַז עס איז געווען אַ גרויל אויף איהם צו קוקען. פלוצלינג אין אַ פריהמאָרגען האָט ער אָבגעג׳גט אַלע זעקס ווייבער מיטאַמאָל און זיי אַוועקגעשיקט פון זיין הויז, און דאָס גאַנצע פאָלק אַרום האָט געשטוינט, דען עס איז נאָך אַזעלכעס נישט געווען אין ישראל, אַז אַ מאַן זאָל אָב׳גט׳ן זעקס ווייבער אין איין טאָג. אָבער נאָך אין דעם זעלבען טאָג האָט ער גענומען און אָנגעטהון דעם בויגען אויפ׳ן אַקסעל און איז אַוועק קיין עציון-גבר צו יענעם מיידעל און האָט איהר דערצעהלט, וואָס ער האָט אָבגעטהון, און ער האָט זי געקויפט פאַר אַ ווייב פאַר אַכציג רינדער און צוואַנציג קעמלען און הונדערטאונדרייסיג שטיק זילבער — און דאָס מיידעל איז מיט איהם געגאַנגען און איז איהם געוואָרען אַ ווייב. און ווען זי האָט דערזעהן אַלץ, וואָס ער האָט אָבגעטהון פאַר איהרעטוועגען און אַז ער האָט זעקס ווייבער גע׳גט אויס ליעבע צו איהר, האָט זי איהם אויך הארציג ליעב בעקומען און איהר ליעבע צו איהם איז געשטיגען פון טאָג צו טאָג. און ווירקליך האָט זי דער מאַן געצאַכפערט, ווי אַ גאָט: ער האָט איהר פיעל דיענערינס און דיענסט-מיידלעך געגעבען, וואָס זאָלען זי בעדיענען, און זי האָט געהערשט אין זיין הויז ווי אַ קעניגין.

און ווען דאָס פאָלק אין בני-יַעֲקן האָט דערזעהן דאָס נייע ווייב, וואָס אִיעֶזֶר דער זוהן פון מָכִיר האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, איהר שעהנעם וואוקס און איהר געשטאַלט ביים געהן — דען איהר פנים האָבען זיי נישט געזעהען, ווייל עס איז געווען תמיד אין אַ שלייער געהילט — זענען זיי אַ ווילע שטעהן געבליבען אונבעוועגליך, ווי שטיקער האָלץ, און מיט אָפענע מיילער. און דאַן האָבען זיי געזאָגט איינער צום אַנדערען: „איצט איז שוין דאָס רעטעניש געלעזט! עס איז דאָך גאָר קיין וואונדער נישט, ווען צוליעב אַזאַ ווייב נעהמט אַ מאַן און גט-אָב נישט בלויז זעקס, נאָר אַפילו טויזענד ווייבער. און מאַנכע האָבען צוגעגעבען: „איך וואָלט דאָך גרייט

געווען נישט בלויז צו גט'ן, נאָר אויסצוהרגענען צעהנטויזענד ווײַבער אין איין טאָג, ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט ליגען נעבען אַזאַ מיידעל בלויז איין נאַכט!" — און ווירקליך איז איהר וואוקס און געשטאַלט און געבוי פון קערפּער אין דעם מאָמענט, ווען זי פלעגט איהר אָרעם שטרעקען אָדער אַ פוס שטעלען, געווען אמת'דיג וואונדערליך. אַזאַ געשטאַלט פערמאָגט נאָר איינע פון צעהנטויזענדער און אַזוי געהט נאָר אַ מַלְכָּה בַּת מַלְכָּה. אָפטמאָל פלעגען פון היגטער'ן דעק פון איהר שלייער אַרויסשלאָגען ווי אַ פלאַם פייער צוויי אויגען ברענענדיגע און גליהענדיגע, אָדער עס פלעגט אַרויסשיינען פון הינטער'ן שלייער אַ שנירעל ליכטיגע און בלישטשענדיגע ציינער, וואָס האָבען געבלענדעט אויף אַ ווײַלע די אויגען פון דעם דורכגעהער. נאָר איינע איז געווען צווישען דער מַחנה, וואָס האָט נישט געקענט די שענהייט פון דער דאָזיגער פרוי — דאָס איז געווען שִׁפְרָה אַליין. זי האָט נישט געוואוסט און נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס טהוט זיך תמיד קלייבען אַרום איהר אַזאַ מענשען-געזעמעל יעדעסמאָל ווען זי ווייזט זיך אַ ווײַלע אין דרויסען און וואָס געשעהט דאָס פלוצלינג אַרום איהר און פאַרוואָס קוקט מען איהר אַזוי נאָך. ביסלעכווייז איז דאָס איהר געוואָרען צו לאַסט, און זי האָט געציטערט אַרויסצוגעהן אויף די גאַס. זי איז דאַן געזעסען איינזאַם אין איהר געצעלט, אָבגעזונדערט אַפילו פון איהרע דיענסטען, און האָט געטראַכט אַ גאַנצען טאָג נאָר וועגען איהר מאַן און געוואַרט אויף איהם, ווען ער איז אינדערהיים נישט געווען. און איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיין אַרבייט און אַזוי גיך נישט צוריקגעקעהרט צו דער אָבגערעדטער צייט, פלעגט זי אַ שרעק בעפאַלען, וואָס האָט איהר גאַנץ לייב אויפגעציטערט. זי פלעגט זיך דאַן אַוועקשטעלען נעבען דעם פאָרהאַנג, וואָס האָט צוגעדעקט די טיר פונ'ם שטילען געצעלט, און בעהאַלטענדיג איהר פנים אין דעם פאָרהאַנג, האָט זי אויפגעשפּיצט איהרע אויערען און איינגעהאָרכט זיך אָהן אויפהער אין די ווייטענישען, טאָמער וועט זי פערנעהמען דעם אָבקלאַנג פון זיינע טריט ווי ער געהט — און ווען זי האָט פלוצלינג פערנומען דאָס בילען פון אַ הונד, איז זי אויפגעציטערט געוואָרען און צוריקגעשפּרונגען.

אָדער ווען זי איז אַליין געזעסען און די איינזאַמקייט איז איהר גאָר שווער געוואָרען, האָט זי געהייסען זיך ברענגען דאָס שפּינדעל און דאָס קליינע שפּין־שטעקעלע, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון דער היים, און זי האָט אַ קליין ביסעל געשפּונען מיט איהרע צאַרטע פינגער אַ געדרעהטען דינען לייגען-שנור פאַר אַ בונט געוועב — און זי האָט דערביי נאָר געטראַכט רעגען איהר מאַן. און אַז דאָס שפּינדעל האָט געקלאַפּט לוסטיג, זענען אויך איהרע געדאַנקען געוואָרען לוסטיג און ליכטיג, האָט אָבער דאָס שפּינדעל געברוישט מיט אַ שווערען אומעט, האָט אויך איהר גענומען פּרעסען אַ שווער געמיט. און אָפטמאָל אין די פאַרנאַכט-שעה'ן, ווען אַרום און אַרום איז געוואַקסען די פינסטערניש פון מינוט צו מינוט, און די האָלץ-ברעטער זענען נאָך נישט געווען געשפּאָלטען אויף אָנצוצינדען דאָס פייער און ליכטיג מאַכען, און נאָר דער טונקעלער פלאַקס האָט געזויגען דעם אייל פון דעם שאַרבען וואָס אויפ'ן געזימס פונ'ם אויווען, און די לאַנגע שאָטענס האָבען בעדעקט די ווענד און שפּרינגענדיג אַהין און אַהער געשטרעקט לאַנגע צונגען — איז אויף איהר אַ גרויסער פַּחַד אָנגעפאַלען און זי האָט פלוצלינג אָנגעהויבען טראַכטען וועגען גאָט און זיינע פּילעס וואונדער. דען זי איז אַ גאָטספאָרכטיגע פרוי געווען נאָך פון איהר מיידעלשער צייט אין איהר פאָטערס הויז. און זי האָט אין דעם מאָמענט זיך דערמאָהנט אָן די אַלע פירכטערליכע און וואונדערליכע זאַכען, וואָס זי האָט געהערט זינט איהר לעבענס-טאָג ביז היינט און אַלץ, וואָס איהר מוטער און וואָס איהר אַם האָבען איהר דערצעהלט, און אַלע גרויסע און פירכטערליכע וואונדער, וואָס עס שאַפען די כֹּהֲנִים אַרום — און איהר לייב האָט אויפגעשוידערט פון שרעק. דאַן פלעגט אָפטמאָל זיך דערטראָגען פון הינטער די בערג דאָס גרוילהאַפטע געהייל פון אַ הונגעריגער סאָווע, און זי האָט זיך דערמאָהנט, וואָס די מוטער האָט איהר דערצעהלט, ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געוועזען, אַז זי איז געשטאַנען פאַר דעם רויכערענדען באַרג, פאַר דעם באַרג סִינַי, און דער רויך איז אויפגעגאַנגען פונ'ם באַרג ווי פון אַ קאַלך-אויווען, און פלוצלינג איז דער באַרג אַרויסגעריסען געוואָרען פון זיין אָרט און איז אַרויף

אין הימעל אריין, און די מִדְבָּר איז אַנטלאָפּען און איז פערשוואונ־
דען געוואָרען און אַלץ אַרום איז מעהר נישט געוועזען, און אַ וויל־
דער וואָלף איז צוגעגאַנגען צו איהר און זיך אַנידערגעלעגט צו
איהרע פיס און איז פלוצלינג געוואָרען אונשולדיג און אונשעדליך
ווי אַ ציגעלע, וואָס וועט קיינמאָל קיין בייז נישט טהון — און דאָס
גאַנצע פאָלק איז פּאָרכטיג געפאַלען אויף די פּנימער. מאַנכע מאָל
האָט זי זיך דערמאָהנט אָן איהר אַם און אָן דעם, וואָס זי האָט
איהר וועגען די כֹּהֲנִים דערצעהלט, אַז אויב אַ מאַן אָדער אַ פרוי
טהוט זיי דערצערנען, אַזוי באַלד קומען אָן די גיפטיגע שלאַנגען
און בייסען דעם דאזיגען מאַן אָדער פרוי, וועלכע שטאַרבען גלייך—און
זי האָט די אַלע זאַכען מיט איהרע אייגענע אויגען געזעהן. טייל־
מאָל פלעגט זי זיך דערמאָהנען, וואָס זי האָט פון איהר פאָטער גע־
הערט, אַז ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט זיך צונויפגעקליבען
אַ גרויס געזעמעל, קורח מיט זיינע לייט, און זיי האָבען געמורמעלט
געגען גאָט און געגען דעם געטליכען מאַן און געגען די כֹּהֲנִים, און
ווי זיי זענען געשטאַנען אַזוי און גערעדט, האָט פלוצלינג אויך די
ערד געעפענט איהר מויל, און עס איז געוואָרען אַ גרויס לאָך,
צווייטויזענד איילען די ברייט און צווייטויזענד איילען די לענג, און
זי האָט איינגעשלונגען די אַלע מענשען לעבעדיגערהייט, זיי מיט
זייערע הייזער און פיה און פערמעגען און אַלע זייערע דיענסטען
מיט די קנעכט, און די אַלע, וואָס זענען געשטאַנען אַרום,
זענען קוים אַנטלאָפען מיט׳ן לעבען, לויפענדיג אַקעגען
דער מדבר אַ גאַנצען טאָג און אַ האַלבע נאַכט — און צווישען
די אַנטלאָפענע איז אויך איהר פאָטער געווען. נאָר איין שריט איז
געווען פון איהם ביז צו דעם אָפענעם לאָך — אַ שוידער איז דורכ־
געגאַנגען שִׁפְרָה׳ן איבער׳ן לייב, ווען זי האָט זיך דערמאָהנט דאָס
דאָזיגע גרוילהאַפטע געשעהעניש און זי האָט נישט געקאָנט זיך אַ
ריהר טהון און אויפשטעהן פון איהר פּלאַץ. זי האָט זיך אָבער אָנ־
געשטרענגט מיט אַלע איהרע קרעפטען און זיך אויפגעהויבען און
איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון׳ם געצעלט און זיך געבוקט.

אין דער טיר פונ׳ם געצעלט האָט זיך פלוצלינג בעוויזען
דאָס געזיכט פון אֶיעֶזֶר דעם זוהן פון מָכִיר און עס איז געוואָרען

ליכטיג ארום — און אויך ביי שפרה'ן אין דער נשמה איז ליכטיג געוואָרען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטהון אויף זיין האַלז און איהם געקושט געוואַלדיג שטורמיש, אַז ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס עס איז איהר געשעהן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי אײַנגאַנ- צען פערגעסען די אַלע שרעקענס־בילדער און פירכטערליכע געשפענ־ סטער און זי האָט זיך זאָרגלאָז געשפיעלט, ווי אַ קליין מיידעלע.

*

און אין בְּנֵי־יַעֲקֹן איז געווען אַ גרויסע בעוועגונג צווישען דעם פאָלק. מ'האָט דאָרט געאַרבייט אויפצושטעלען דעם מִשְׁכָּן, און דאָס געזעמעל איז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער; די פאַמיליע פון גֵרְשׁוֹן האָט געטראָגען די טעפּיכער פון מִשְׁכָּן און דעם אֹהֶל־מוֹעֵד, און זיין דעק און די דעק פון תַּחַש־פעל און די פאָרהאַנגען, און די קינדער פון מְרָרִי האָבען געטראָגען נאָך זיי די ברעטער פון מִשכן און די ריגלען און די זיילען און די שוועלען און די צאַפּענס און די שטריק. עס איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע אַרבייט, און אַ גאַנצען טאָג האָט נישט אויפגעהערט דאָס קלאַפּערייַ פון די האַ- מערס און דאָס קריצעניש פון די נעגעל. דערנאָך האָט זיך אַראָב־ געלאָזען אַ וואָלקען אויפ'ן מִשְׁכָּן און האָט איהם צוגעדעקט, הילענ- דיג איהם אין פינסטערניש און האָט אויף איהם גערוהט אַ גאַנצען טאָג, און ביינאַכט איז אויפגעגאַנגען אַ פייער־זייל און האָט איהם איינגעהילט — און אַ שרעק האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע פאָלק אַרום. און דאָס פאָלק האָט געבראַכט אָפּפער זעהר פיעל: זעמעל- מעהל מיט אייל און ווייהרויך, איוּוען־געבעקס און מַצָה־קוכענס גע- מישט מיט אייל אָדער בעשמירט מיט אייל, טורטעלטויבען און יונגע טייבעלעך, און אויך גרויסע קרבנות פון רינדער און שאָף.

און אויך שִׁפְרָה די טאָכטער פון סֶרֶד, דאָס ווייב פון אִיעֶזֶר דער זוהן פון מָכִיר, איז געקומען אַהער און האָט זיך דערנעהנטערט ביז צום טויער פון דעם מִשכן, טראָגענדיג איהר אָפּפער מיט זיך: אַ פּעטע טורטעלטויב האָט זי געבראַכט, די בעסטע פון איהרע טוי- בען, וועלכע זי האָט ליעב געהאַט, און זי האָט עס צוגעטראָגען

צום טויער פון דעם אוהל-מועד צום כהן. אָבער דער כהן האָט זי געלאָזען וואַרטען ביז דאָס גאַנצע פאָלק איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. דאַן האָט ער גענומען דאָס אָפּפער פון איהר האַנד און איז מיט איהר צוזאַמען געגאַנגען ביז צום מזבח. — רויט-געפאַרבטע תחש-פעל זענען איהר געהאָנגען איבער די אַקסלען און זייערע עקען זענען געווען צוזאַמענגעהאָפטען מיט אַ האָק אַקעגען איהר בויך, און איהר געזיכט איז געווען אין אַ שלייער געהילט.

דער כהן איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט זיינע טריט געצעהלט, און די פּרוי איז געגאַנגען פאַר איהם. פּלוצלינג האָט ער זיך אָבגעשטעלט און איז אַ ווײַלע געשטאַנען אויף איין אָרט און זיך צוגעקוקט צו איהר פון הינטען. באַלד אָבער האָט ער זיך אויפגעריכט און זיך אומגעקעהרט צו זיין דיענסט און גענומען צו דער אַרבייט. מיט כוונה און מיט אַ געשיקטער האַנד האָט ער אָבגעקנייפּט דעם קאָפּ פון דעם פויגעל. דער פויגעל האָט געצאַפּעלט אַ מינוט אין זיין האַנד, אָבער דער כהן האָט רוהיג גענומען אָפּפערען דעם קרבן אויפ׳ן מזבח. פּלוצלינג האָט ער אַ ווײַלע אָבגעשטעלט זיין אַרבייט און זיך אָבגערופען:

— טהו-אויס דעם שלייער, מיין טאָכטער, ס׳איז נישט גוט צו ברענגען אַ קרבן מיט אַ צוגעדעקט געזיכט.

און די פּרוי האָט איהם גלייך געפאָלגט אין גרויסער בעשיידענהייט. האָט דאָך גאָט אַזוי בעפוילען — און זי האָט גיך אַראָבגענומען דעם שלייער פון איהר פּנים. אין דעם אויגענבליק איז צערונען דער וואָלקען, וואָס האָט געהויערט אַרום און עס איז פּלוצלינג ליכטיג געוואָרען. דער כהן איז אַ ווײַלע געווען ווי צעטומעלט...

אָבער דאָס האָט געדויערט נאָר איין אויגענבליק. באַלד האָט ער זיך רוהיג אומגעקעהרט צו דער אַרבייט. דעם פויגעל האָט ער געהאַלטען אין זיין לינקער האַנד, און מיט דער רעכטער האַנד האָט ער לאַנגזאַם אַראָבגענומען דעם קראָפּ מיט דער פעדער, און די פּרוי איז געשטאַנען אין בעשיידענהייט און מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ.

פּלוצלינג האָט זי עפּעס דערפיהלט און האָט נישט געוואוסט, וואָס עס איז געשעהן. און אַז זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און אַ קוק

געגעבען, האָט איהר דאָס גאַנצע בלוט אין איין אויגענבליק גע־שלאָגען אין פנים אַריין און זי איז שטאַרק רויט געוואָרען: דער כהן איז געשטאַנען מיט ברייט צעעפענטע אויגען, וואָס האָבען גע־ברענט ווי צוויי פאַקעלען און זענען אַריינגעדרונגען אין איהר געזיכט אַריין און אויפגעוויגען מיט אַ געוואַלדיגער ליידענשאַפט איהר גע־שטאַלט. אַזעלכע אויגען האָט זי זינט איהר לעבענס־טאָג נישט געזעהן.

און טראָץ דעם אַלעם האָט דער כהן געטהון זיין אַרבייט רוהיג. דעם קראָפּ מיט דער פעדער האָט ער אַוועקגעוואָרפען צו מזרח נעבען דעם מזבח אויפ'ן אַש־הויפען. עס האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זיין האַנד האָט עטוואָס אַ ציטער געטהון, אָבער זי האָט זיכער אַ טעות געהאַט. אָט שטעהט ער און שפּאַלט דעם פויגעל אין די פליגעל אין פולער רוה. נאָר נישט ווילענדיג האָט אין דעם אויגענ־בליק זיין האַנד זיך אָנגעריהרט אָן איהר האַנד און אַ ציטער איז פלוצלינג דורכגעגאַנגען איבער אַלע איהרע גלידער.

און דער כהן טהוט זיין אַרבייט גיך און רעדט קיין וואָרט נישט אויס, נאָר זיין געזיכט איז טריעב און פערוואָלקענט. מיט אַ געשיקטער האַנד שפּאַלט ער דעם פויגעל אין די פליגעל און צע־ברעכט נישט, און דאַן דעמפּט ער עס גיך אויפ'ן מִזְבֵּחַ, אויפ'ן האָלץ וואָס אויפ'ן פייער. דאָס פייער לעקט־אויף מיט לוסט דעם קָרְבָּן — און די אַרבייט איז געענדיגט.

ווי אַ שווערער שטיין איז איהר אַראָב פונ'ם האַרצען, און זי האָט נישט געוואוסט וואָס דאָ איז אַזעלכעס פּאָרגעקומען. זי האָט זיך געוואַלדיג גיך אַקעהר געטהון צו געהן, נישט אומקוקענדיג זיך, און דער כֹּהֵן האָט זי אויך נישט פערהאַלטען, נאָר ווען זי איז שוין געווען עטליכע שריט ווייט פון איהם, האָט ער איהר נאָכגע־שריען, זאָגענדיג:

— דו ביזט אַ זינדיגע פרוי, מיין טאָכטער, און דו דאַרפסט ברענגען אויך אַ זינד־אָפּפער. גאָט ווינשט דיין קָרְבָּן און דו דאַרפסט איהם וואָך־וועכענטליך אַנ'אָפּפער ברענגען...

און ווען זי האָט זיך אומגעקעהרט אין איהר געצעלט און איז דאָרט איינזאַם געזעסען, האָט זי געשוויגען, ווי אַ פערשטומטע. און נאָר געטראַכט אָהן אויפהער. איין אויגענבליק האָט זי אין זין גע־

האָט צו דערצעהלען אַלץ איהר מאַן, אָבער זי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו דערצעהלען, דען עס האָט דאָך איהר קיין זאַך נישט פּאַ-סירט. און ווירקליך איז איהר אין אַ טאָג אַרום גרינגער געוואָרען, און זי האָט מעהר קיין זאַך נישט געדענקט און האָט די גאַנצע פּאַסירונג פערגעסען.

און יעדע וואָך פלעגט זי געהן ברענגען איהר אָפּפער, אַ בראַנד־אָפּפער און אַ זינד-אָפּפער, אַזוי ווי ס'איז איהר בעפויהלען געוואָרען.—אָבער דער כּהן האָט אָנגעהויבען זיך צו בעפריינדען מיט איהר וואָסאַמאָל מעהר פון וואָך צו וואָך און פון טאָג צו טאָג און ער איז איהר וואָס אַמאָל נעהנטער געקומען, און זי האָט עס נישט געוואוסט און נישט געמערקט.

איינמאָל ווען ער איז מיט איהר אַליין אַזוי געשטאַנען ביים מִזְבֵּחַ וואָס פאַר'ן איינגאַנג פון אוהל-מוֹעֵד און גענעהנט איהר אָפּפער: דעם קאָפּ פון דעם יונגען טייבעלע האָט ער אָבגעקנייפּט הינטער דעם געניק נישט צעברעכענדיג, און פון דעם בלוט האָט ער געשפּרענגט אויף די וואַנד פון מזבח און דאָס איבריגע בלוט גע־לאָזען אויסרונען אויפ'ן באָדען פונ'ם מזבח — האָט ער פּלוצלינג אָנגענומען איהר האַנד מיט זיינע דאַרבע פינגער, און געפּאָדערט פון איהר, אַז זי זאָל קומען אַקעגען אָוועגד הינטער די פעלזען-שלוכטען ביים באַרג, וואו ער וועט אויף איהר וואַרטען. די פרוי האָט נישט פערשטאַנען, וואָס ער רעדט צו איהר, נאָר פּלוצ־לינג איז זי זעהר רויט געוואָרען און האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַנטלאָפען. אָבער דאָס האַרץ האָט איהר געקלאַפּט אויף די זינד, וואָס זי איז איצט בעגאַנגען אַקעגען גאָט. רעדט דאָך גאָטס וואָרט פונ'ם כּהן, און זי, די זינדערין, האָט עס איהם פאַר איבעל גענומען.

אין אָוועגד האָט זי דאָס מויל געעפענט צו רעדען מיט איהר מאַן און בעטען אַ ראָט פון איהם — אָבער זי האָט נישט געקאָנט. די געשטאַלטען פון איהר מוטער און פון איהר אָם זענען געשטאַנען פאַר איהרע אויגען אַ גאַנצע נאַכט, און זיי האָבען דערצעהלט, דערצעהלט...

און איינמאָל, ווען זי איז צוריקגעקעהרט פונ'ם מִשְׁכָּן און אוֹהֶל-מוֹעֵד אין איהר געצעלט, איז זי געווען אויפגערודערט ביז גאָר. זי האָט קיין ברויט נישט געגעסען און קיין זאַך אין איהר מויל נישט גענומען,

און איז נאָר אַרומגעגאַנגען איבער׳ן געצעלט אַרויף און אַראָב אָהן אויפהער און איז נישט מיעד געוואָרען. אַלע איהרע אינגעווייד האָבען געשריען: וואָס האָט פון מיר היינט געוואָלט דער געטליכער מאַן? מיט וואָס האָב איך געזינדיגט אַ קעגען גאָט, דאָס דער כּהן האָט מיר געדראָהט, אַז אויב איך וועל נישט פאָלגען גאָטס שטים, וועלכע רעדט צו מיר פון זיין מויל, וועט ער אויף מיר ברענגען אַנ׳אומגליק, וואָס איך וועל אויף אייביג דערפון נישט קאָנען לויז ווערען?...

און דאָך האָט זי אויך ווייטער געבראַכט איהרע אָפּפער פון צייט צו צייט, דען זי האָט זיך געפאָרכטעט פאַר גאָט.

און איינמאָל שטעהענדיג פאַר׳ן מזבּח מיט אַ צעהנטעל אֵיפָה זעמעל-מעהל צו אַ זינד-אָפּפער אָהן אייל און אָהן ווייהרויך, און דער כּהן האָט אָנגעהויבּט דערפון אַ האַנדפול צו דערמאָהנונג אום אָנצוציג־דען דערמיט דאָס פייער און דעמפען אויפ׳ן מזבח — האָט ער אויסגעשטאַרצט אויף איהר זיינע אויגען מיט האַס און מיט אַנ׳אייז-קאַלטער שטים צו איהר געזאָגט:

— שִׁפְרָה די טאָכטער פון סֶרֶד! נאָך איין טאָג צייט גיב איך דיר. אויב דו ועסט היינט נישט קומען הינטער די שלוכטען, ווי גאָט האָט בעפויהלען, וועל איך דערצעהלען דיין מאַן...

עפּעס אַ שטיינערנע רוהיגקייט איז אויף איהר פּלוצלינג גע־קומען און זי האָט זיך אויפגעריכט און אויסגעגלייכט אַזוי גרויס ווי זי איז געוועזען און ווי אַ שטאָלצע קעניגין האָט זי, קיין וואָרט נישט ענטפערענדיג, זיך אויפגעהויבען און איז אַוועקגעגאַנגען.

פאַרוואָס האָט ער עפּעס געזאָגט, אַז ער וועט דערצעהלען אִיעֶזֶר׳ן? וואָס וועט ער איהם זאָגען? וואָס קאָן ער איהם זאָגען?...

אָבער ווען זי איז אַהיימגעקומען, האָבען זיך איהר גענומען גיסען טרעהרען פון די אויגען און זי האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אויף די ווידער-פעלען וואָס אויף דער ערד און האָט געוויינט אויף אַ קול.

פּלוצלינג האָט זי זיך אויפגעמונטערט און האָט אין האַרצען אַ בע־שלוס געפאַסט, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָל זי מעהר קיין אָפּפער נישט ברענגען און אין דרויסען נישט אַרויסגעהן. און אויך איהר מאַן וועט זי עס דערצעהלען — ווען עס וועלען נאָר פאַרבייגעהן עטליכע טעג און אויב זי וועט נאָר די ריכטיגע ווערטער געפינען. זי האָט זיך

דאַן געוואונדערט אויף זיך אַליין און נישט פֿערשטאַנען, ווי אַזוי איז איהר דער דאָזיגער געדאַנק שוין לאַנג נישט איינגעפאַלען אויפצוהערען געהן אין אוהל-מועד.

אַ טאָג דערויף אָבער האָט זי געזעהן דעם כהן, ווי ער איז געקומען צו איהר מאַן אין געצעלט און זיי האָבען זיך געסוד׳עט. דאָס גאַנצע בלוט אין האַרצען איז איהר פערגליווערט געוואָרען און איהר אָטעם האָט אויפגעהערט צו צוקען. דאַן האָט זי איהם געזעהן, ווי ער איז ווידעראַמאָל געקומען צו איהר מאַן איינמאָל און נאָכאַמאָל.

אַך! וואָלט איהר נאָר געקלעקט מוט צו רעדען מיט איהר מאַן און איהם דערצעהלען אַלץ, אַלצדינג...

•

און די טעג זענען געווען אומעטיגע און דער הימעל פֿון אויבען האָט אַראָבגעלויכטען פרעך און מוטוויליג. אַ בראַנדיגער שטורעמווינד האָט זיך דורכגעטראָגען איבער דער וויסטעניש אוס האָט זי פערברענט און פערצעהרט יעדעס געשטרויך און יעדעל גראָזוואַרג — אָבער שפרה׳ן איז כסדר קאַלט געווען. ווילדע פייגען זענען געפלויגען אונטער׳ן הימעל מיט אַ יאָמערליכען קוויטש. און אין די נעכט האָט זי קיין רוה נישט געקאָנט געפינען אויף איהרע טעפּיכער און זי איז איינזאַם און עלענד אַרומגעגאַנגען אי־בער איהר געצעלט אַהין און אַהער, טראַכטענדיג און נישט וויסענ־דיג וואָס. אָבער איעזר האָט זיך אויסבעהאַלטען פאַר איהר און זי האָט טעג לאַנג זיין פּנים נישט אָנגעזעהן.

און איינמאָל איז ער צו איהר צוגעגאַנגען אַ צעטראָגענער און אַנ׳אויפגערעגטער און האָט זיך מיט איהר געקריגט, ווערענד זי האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס, און ער האָט פאַר אַלע דיענערינס און דיענסט-מוידען געשריען אויף איהר: „דו אויסגעלאַסענע און פערשייטע!״ איהר גאַנץ בלוט האָט אויפגעשטורעמט צו די שלייפען צו און זי האט זיך אַ וואַקעל געטהון צו פאַלען: דאַן האָט זי דאָס מויל געעפענט — אָבער זי האָט קיין ווערטער נישט געהאַט.

פלוצלינג איז איהר גאַנצער שטאָלץ אין איהר ערוואַכט:

— נאָר נישט פערענטפערען זיך! נאָר נישט זיך רעכטפערטיגען! זאָל גאָט טהון, וואָס עס איז וואויל אין זיינע אויגען...

צי האָט דער כֹּהֵן אָבגעווענדט איהר מאַנ׳ס האַרץ פון איהר? צי האָט ער איהם איינגערוימט אין אויער עפּעס אַ בייזע זאַך און האָט אין איהם ערוועקט אַ געפיהל פון אייפערזוכט צו איהר? באַלד אָבער האָט זי חרטה געקריגען אויף איהר בייזען געדאַנק, וואָס זי טראַכט וועגען גאָט און זי איז גיך צוגעגאַנגען צו דער טיר פון איהר געצעלט און זיך געבוקט.

און אַ גייסט פון ווידערשפּעניגקייט האָט זי פּלוצלינג בעהערשט, צו טראָצען געגען יעדען מענש, וואָס וועט זיך איהר אַקעגענשטעלען, און אויך געגען גאָט וועט זי טראָצען — און זי איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען און אַרומגעגאַנגען שטאָלץ מיט אַנ׳אויפגעריכטען קאָפּ. אָבער אַלע, וואָס האָבען זי געזעהען אין דרויסען, האָבען פון איהר געוויכען און זיך צוריקגעצויגען, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען, און איינער מיט׳ן אַנדערען האָט זיך געסוד׳עט.

און די קלאַנגען האָבען זיך כסדר געמעהרט, און פון דעם מויל פון איהרע דיענסטען האָט איהר אויער אויפגעפאַנגען איינצעלנע ווערטער, אַז עס איז איהר געוואָרען פינסטער אין די אויגען.

און איינמאָל איז צו איהר צוגעטרעטען איהר מאַן, און נישט קוקענדיג אויף איהר געזיכט, האָט ער איהר געזאָגט שטיל און רוהיג:

— איבערמאָרגען צו דער צייט זאָלסטו צוגרייטען דאָס אָפּפער פון אייפערזוכט, וואָס דו דאַרפסט ברענגען: אַ צעהנטעל אֵיפָה גערשטענמעהל. קיין אייל זאָלסטו דערויף נישט גיסען, און קיין ווייהרויך זאָלסטו דערויף נישט טהון.

און גלייך דערויף איז ער האַסטיג אַרויס.

*

ווי אַ פערחלום׳טע איז זי נאָכגעגאַנגען נאָך איהר מאַן. אַ גרויס געזעמעל האָט זיך צונויפגעקליבען הינטער זיי און די מענשען זענען מיטגעגאַנגען זעהען, ווי דער מאַן ברענגט זיין ווייב פאַר׳ן כֹּהֵן.

דער כֹּהֵן איז געשטאַנען שטאָלץ, ער האָט זיך קיין ריהר נישט געטהון און זיין אויג האָט אפילו קיין צוק נישט גע־

געבען, ווען ער האָט דערזעהן, ווי די פרוי דערנעהנטערט זיך צו איהם, און מיט אַ בייזער שטים האָט ער געזאָגט צו דעם מאַן אַזוי־צוזאָגען:

— „נאָך זיבען טאָג מוזען מיר וואַרטען. זיבען טאָג וועט שפרה די טאָכטער פון סרד זיצען אין דעם געפענגניש־הויף פונ׳ם אוהל־מועד איינע אַליין אום זיך צו רייניגען פאַר גאָט, איידער עס קומט דער טאָג פון דער שטראָף.“

און זיבען טעג און זיבען נעכט איז שפרה די טאָכטער פון סרד געזעסען אין דעם געפענגניש־הויף אין דער ווייבער־קאַמער איינע אַליין, און יעדען אָווענד האָט דער כהן פערקעהרט צו איהר און געפרובט מיט איהר רעדען: — זאָל זי איהם בלויז איין גוט וואָרט זאָגען און ער וועט באַלד אַראָבנעהמען איהר מאַנס פערדאַכט פון איהר, און אַלץ וועט ווידער זיין ווי פריהער. אָבער די פרוי איז געזעסען ווי שטום און האָט איהם קיין וואָרט נישט גע־ענטפערט. און אויפ׳ן זיבעטען טאָג, ווען ער איז צוגעטרעטען צו איהר און זי אָנגענומען, האָט זי געמאַכט אַ גרויס געוואַלד, אַז ער איז האַסטיג אַרויסגעלאָפען.

און אויפ׳ן אַכטען טאָג האָט מען זי געמאַכט געגנעהנען פאַר גאָט אום איהר צו טהון דאָס רעכט.

אַ זיבענמאָל גרעסער געזעמעל, ווי צום פריהערדיגען מאָל, האָט זיך צונויפגעקליבען אַרום. רעכטס פון דער פרוי איז געשטאַ־נען איעזר מיט אַנ׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ צו דער ערד און לינקס דער כהן. די פרוי איז געווען אָהן דער מינדעסטער קליידונג אויף איהר לייב און בלויז אַ ווייס ליינען־העמד האָט צוגעדעקט איהר נאַקעטקייט, און זי האָט אין די אויגען פון דעם געזעמעל אויסגע־זעהן אין דעם דאָזיגען לאַנגען און ווייסען העמד צווייםאָל אַזוי הויך אין איהר וואוקס. איהר פנים אָבער איז געווען זיבענמאָל ווייסער פון דעם העמד.

און דער כהן, אָנגעטהון אין זיין הויב און אינ׳ם חושן און גאַרטעל, האָט געטהון זיין אַרבייט מיט צוגעוועהנטער געשיקליכקייט און אין אַ וואונדערליכער פולער רוה: מיט אַנ׳ערדענעם געפעס האָט ער אָנגעשעפט הייליג וואַסער פון דעם וואַסער וואָס

אין דעם געפענגניש-הויף און פון דער ערד וואָס אינ׳ם משכּן-באָדען האָט ער געגראָבען און אַריינגעטהון אין דעם וואַסער.

דאַן האָט ער אַוועקגעשטעלט די פרוי, און זי האָט כּמעט נישט געקאָנט שטעהן און האָט זיך געוואַקעלט, דערנאָך האָט ער איהר קאָפּ צעשויבערט — און כוואַליעס פון אַ האָר-ים האָבען זיך פּלוצלינג צעפלייצט און שטורעמדיג זיך פונאַנדערגעגאָסען אויף דער ערד, דערגרייכענדיג ביז׳ן באָדען און פליסענדיג איבער איהם נאָך אַ דוימען לאַנג. דאָס גאַנצע געזעמעל אַרום האָט געשטוינט איבער דעם בילד. אַזעלכע לאַנגע האָר האָט מען ביז אויף יענעם טאָג נאָך נישט געזעהן אויף אַ פרויען-קאָפּ.

און די פרוי שטעהט און שטרענגט זיך אָן, אַז זי זאָל נישט אומפאַלען, האַלטענדיג אין די הענד דאָס געדענק-אָפּפער פון אייפערזוכט, און ביי איהר זייט שטעהט דער כּהן און האַלט אין זיין האַנד דאָס ביטערע פלוך-וואַסער.

און די מענגע שטופּט זיך אַלץ נעהנטער צו דער פרוי און צום כּהן און צום מאַן. איעזר שטעהט און קוקט, און זיינע אויגען בלאָנדזשען אַרום און פאַלענדיג אַ ווײַלע אויף דעם פּנים פון זיין ווייב, דערקענט ער נישט איהר אָנבליק. שפרה שטעהט מיט אַנ׳אַראָבגעהאָנגענעם קאָפּ און איהרע אויגען שטעקען אינ׳ם באָדען, זי צוקט נישט מיט קיין וויהע און ווייס גאָרנישט, וואָס דאָ קומט-פאָר. און דער כּהן שטעהט שטאָלץ, זיין בליק איז קאַלט און זיין שטים איז דרייסט און קאַלט ביז גאָר, און ער רעדט אויף אַ קול וואָסאַמאָל העכער און העכער:

— „שפרה די טאָכטער פון סֶרֶד! איך טהו דיך בעשווערען אַצינד און דו הער צו: האָט דיך קיין מאַן נישט בעשלאָפען אויסער דיין אייגענעם מאַן און ביזטו נישט אַראָב פון וועג אין אומרייכקייט הינטער דיין מאַן — בלייב אונגעשאַדט פון דעם דאָזיגען ביטערען פלוך-וואַסער, אויב אָבער דו ביזט אַראָב פון וועג הינטער דיין מאַן און דו האָסט דיך פעראומרייניגט און האָט דיך עמיץ בעשלאָפען אויסער דיין אייגענעם מאַן — —“

די אומגליקליכע פרוי האָט געפּרובט מיט די פינגער זיך די

אויערען פערשטאָפּען, אַז זי זאָל דאָס נישט הערען; איהר געזיכט האָט זיך פערקרומט, הערענדיג די גרוילהאַפטע ווערטער, אָבער דער כהן האָט רוהיג אויסגעשטרעקט זיין האַנד און אַרויסגענומען איהרע פינגער פון די אויערען און זיי אַראָבגעלאָזט, און דאַן האָט ער ווייטער גערעדט, אָבטיילענדיג יעדעס וואָרט בעזונדער און דייטליך אַרויסזאָגענדיג:

— „און — האָט — עמיץ — דיך — בעשלאָפען — אויסער — — דיין — אייגענעם — מאַן — זאָל דיך גאָט מאַכען פאַר אַ פלוך און א שבועה צווישען דיין פאָלק, זאָל דאָס פאָלק אַרום צוזעהן, ווי עס וועט איינפאַלען דיין דיך און עס וועט געשוואָלען ווערען דיין בויך, זאָל דאָס פלוך-וואַסער קומען אין דיינע געדערים, אַז דיין בויך זאָל אָנשוועלען און דיין דיך זאָל איינפאַלען — און אַצינד ענטפער און זאָג: אָמֵן! אָמֵן!"

עפּעס אַ כראָכלעניש האָט זיך דערהערט פון דער פרוי'ס מויל, הייזעריג און פערהילט, אַז קיין מענש האָט נישט געהערט, וואָס זי האָט געענטפערט. אָבער דער כֹּהֵן האָט אויף איהר אָנגעשריען און דאַן האָט זי געענטפערט דייטליך אָבער שטיל: אָמֵן!

— „ניין — האָט דער כֹּהֵן אויסגערופען — זאָג צוויי מאָל: אָמֵן! אמן!"

און די פרוי האָט פליסטערענד געענטפערט, דאָך האָט מען דאָס-מאָל איהר שטים געהערט, זאָגענדיג: אָמֵן! אָמֵן!

דער כֹּהֵן איז דאַן לאַנגזאַם און מיט געמאָסטענע טריט צוגע-טרעטען אויסצושרייבען די אַלע פלוך-רייד אויף אַ לעדערנער מגילה און ער האָט די מגילה אריינגעטהון אין דעם ביטערען וואַסער און דאָס שאַרפע וואַסער האָט איינגעזויגען אין זיך די טינט און זי אָבגעמעקט. דערנאָך איז ער ווידער אַמאָל צוגעטרעטען צו דער פרוי. אָבער די פרוי האָט שוין נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך מיט איהר. שוואַרצע און רויטע און בלויע רעדער האָבען זיך געקייקעלט פאַר איהרע אויגען און פייער-פונקען זענען איהר פאַרבייגעפלויגען פאַר'ן פנים, און זי האָט נישט געזעהן און נישט געהערט מעהר קיין וואָרט.

דאַן האָט דער כהן צוגענומען דאָס אייפער-אָפּפער פון דער פרוים האַנד און האָט אויפגעהויבען דאָס אָפּפער אין זיינע הענד און פערגלאָצט די אויגען צום הימעל, נאָכהער האָט ער אַראָבגענומען דערפון דאָס האַנדפול מעהל, וואָס דאַרף פערברענט ווערען אין פייער און האָט דאָס

געדעמפט אויפ׳ן מזבח, און דערנאָך האָט ער זיך אַ קעהר געטהון צו נעהמען דאָס וואַסער, וואָס אין דעם ערדענעם געפעס — — —

אין דעם אויגענבליק איז די פרוי אַנידערגעפאַלען הינטערווייליגען און זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד.

דער כּהן האָט געפּרובט זי אויפשטעלען און האָט נישט געקאָנט, ווייל ס׳איז אין איהר מעהר קיין אָטעם פון לעבען נישט געווען.

איעֶזֶר האָט זיך פּלוצלינג אַ וואָרף געטהון אויפ׳ן קערפּער פון דער פרוי און זי אַרומגענומען שרייענדיג מיט אַ אונמענשליכער שטים: „זיי מיר מוחל! איך בין דער שולדיגער און דו די אונשולדיגע. מיר אַלע האָבען געזינדיגט געגען דיר, און דו זיי אונז מוחל!״

דאָס געזעמעל איז זיך בּיסלעכווייז פונאַנדערגעגאַנגען.

אָבער דער כּהן איז געשטאַנען מיט אַנ׳אויפגעריכטען קאָפּ און האָט אויפגעהויבען די הענד צום הימעל, זאָגענדיג: „גאָט האָט געגעבען און גאָט האָט צוגענומען. זאָל גאָט׳ס נאָמען געבענטש זיין!״ דאַן האָט ער זיך אויסגעדרעהט און איז לאַנגזאַם, מיט געמאָסטענע שריט, אַוועקגעגאַנגען.

די עֶגְלָה עֲרוּפָה

די זאַך האָט פּאַסירט אין נײַנאונדרײַסיגסטען יאָהר פון די אידישע וואַנדערונגען אין דער מִדְבָּר, אין צווייטען חודש פון יענעם יאָהר, נאָכדעם ווי זיי זענען צוריקגעקעהרט פון שלאָגען די פינף קעניגען פון מִדְיָן אין דער גרויסער שלאַכט בײַ אָבֵל-מְחוֹלָה. דרײַ טאָג האָט געפלאַקערט דער קאַמף, פון עֲרוֹעֵר וואָס בײַם טײַך אַרנוֹן ביז צום גלעד וואָס בײַם יַבּוֹק האָט ער זיך געצויגען, און ערשט אויפ'ן דריטען טאָג קעגען אָוונד איז געקומען די מפּלה פון די מִדְיָנִים. די פינף קעניגען פון מִדין האָט מען געפאַנגען לעבעדיגערהייט, אֱוִי און רֶקֶם און דור און חור און רֶבַע זענען געווען זייערע נעמען, און מ'האָט איבער זיי שפּאָט געטריבען אַ גאַנצע נאַכט, און ווי נאָר עס איז געקומען דער פריהמאָרגען, האָט מען זיי אויפגעהאָנגען און זיי זענען אַזוי געבליבען הענגען ביזן אָוונד. דאַן האָט מען זיך אַ לאָז געטהון אויף די אַלע, וואָס זענען נאָך איבערגעבליבען פון דעם קריעג, אויף יעדען מאַנסביל, און מען האָט זיי פערטיליגט און דערשלאָגען, נישט איבערלאָזענדיג קיין איינציגען. דערנאָך זענען די קריגער געקומען, פון בלוט פערשיכורטע, אין די פערוויסטע שטעדט און האָבען זיך געוואָרפען אויף יעדען הויז און אויף יעדען פערשטעקטען ווינקעל, אַרויסשלעפּענדיג דעם רעשט פון דער ענטרינונג פון אַלע בעהעלטענישען, וואו זיי האָבען זיך בעהאַלטען, יעדען קראַנקען פון זיין בעט אַרויס און יעדען אָבגעשטאַנענעם פון זיין ווינקעל און יעדען אַלטיטשקען פון זיין רוה-פלאַץ, און האָבען זיי פערטיליגט, און די שטעדט האָבען זיי פערברענט און די לאַגערען צעשטערט און די הויפען צעטרימערט, און אין איין טאָג איז קיין צייכען נישט געבליבען, אַז דאָרט זענען אַמאָל שטעדט געווען. אָבער די ווייבער פון מִדְיָן מיט זייערע קינדער און פיה און האָב און פערמעגען האָבען זיי צוגענומען, דאָס גאָלד און דאָס זילבער, דאָס קופּער און דאָס אייזען, דאָס צין און דאָס בליי, אַלצדינג

האָבּען זיי צוגענומען און אװעקגעפיהרט אין די סטעפּעס פון מוֹאָב וואָס ביים יַרְדֵן נעבען יְרִיחוֹ.

און דאָס רויב איז געווען יענעם טאָג זעהר גרויס: פיערהונדערט און פינפאונצוואַנציג טויזענד בויגענס, ניינהונדערט און אַכציג טויזענד פיילען-טאַשען, און דרייהונדערט און פינפאונפופציג טויזענד שליידער-פאַנען, און אויך די רייטוואָגענס, וואָס זיי האָבען גענומען, זענען געווען זעהר פיעל, אויסער די שווערדען און לאַנצען און שפּיזען. און די צאָהל פון די ווייבער, וואָס זיי האָבען מיט זיך געפיהרט אין געפאַנגענשאַפט, איז געווען דרייהונדערט און זעקסאונצוואַנציג טויזענד, אויסער־דעם שאָף און רינדער און אייזלען. דאַן האָבען זיי נאָך אויסגעקליבען פון די געפאַנגענע יעדע פרוי, וואָס האָט שוין אַ מאַן דערקענט, און האָבען מיט זיי געשטיפּט אַ גאַנצע נאַכט און דערנאָך זיי דערשלאָגען איי־דער דער פריהמאָרגען איז אויפגעגאַנגען, אין עס זענען איבערגעבלי־בען בלויז די קינדער פון צווישען די ווייבער, וואָס האָבען נאָך נישט געקענט דעם ביישלאָף פון אַ מאַן, און זייער צאָהל איז געווען נאָר צוויי־אונדרייסיג טויזענד. — צווישען די דאָזיגע געפאַנגענע, וואָס זענען לעבען געבליבען, איז אויך געווען אַ פערצעניעהריג מיידעל, מיט אַ וואונדערליך ווייסער הויט, נאָך כּמעט אַ קינד, און איהר נאָמען איז געווען חָגְלָה. די האָר פון איהר קאָפּ זענען געווען זעהר לאַנג, דערגריי־כענדיג ביז צו דער ערד, און געקרייזעלט און צוזאַמענגעדרעהט, אַז זיי האָבען אויסגעזעהען ווי נישט צעקעמטער פלאַקס. ווען די גאַזלען האָבען זי געזעהען, האָבען זיי אָנגעהויבען צו לעכצען און דאַן צוגעגאַנגען צו איהר און איהר געלעקט די הענד. און איהר האַלז איז געווען ווי דער האַלז פון אַ קעמעל, לאַנג און אויפגעריכט ביז גאָר, אַז ווער עס האָט איהם דערזעהען האָט זיך אַ ווײלע אָבגעשטעלט און געקוקט.

די קריעגער זענען נאָך געבליבען זיבען טאָג אויסערהאַלב פון דעם לאַגער, יעדער וואָס האָט אַ מענש דערשלאָגען אָדער ער האָט זיך צוגעריהרט צו אַ געפאַלענעם. אויפ׳ן דריטען טאָג האָבען זיי זיך געריינינגט און אויפ׳ן זיבעטען טאָג האָבען זיי געוואַשען יעדעס לעדער־קלייד און ציגען־פעל, וואָס זיי האָבען אויפ׳ן לייב געטראָגען, און ערשט דאַן זענען זיי צוריקגעקומען אין לאַגער אַריין. און אויפ׳ אַכטען טאָג פריהמאָרגענס האָבען זיי גענומען די געפאַנגענע, יעדער

די צאָהל געפאנגענע וואָס ער האָט געבראַכט, און האָבען זיי אַרויסגע־פיהרט אויף דעם באַרג פִּסְגָּה וואָס אויפ׳ן צוֹפים-פעלד, דען דאָרט איז געוועזען דער מאַרק, וואו מ׳האָט געפלעגט די געפאַנגענע פערקויפען.

און דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך פערזאַמעלט אויפ׳ן באַרג פִּסְגָּה איז געוועזען צאָהלרייך ביז גאָר. פון נאָהנט און פון ווייט איז מען גע־קומען, פון יַעְזֵר און פון קָדֵש-בַּרְנֵעַ, פון דיבון און פון דִי־זָהָב, הונ־דערטער הונדערטער מענשען, דען דאָס פאָלק איז אויסגעהונגערט גע־ווען צו די מִדְיָנִישע מיידלעך, און זיי האָבען זיך געשטופּט איינער דעם אַנדערען און עס איז געווען אַ זעהר גרויסער ליאַרם און אַ גע־וואַלדיג געדראַנג. די מיידלעך זענען געווען אויסגעשטעלט רייהען־ווייז, נאַקעטערהייט, און בלויז אַ דינע לייווענט-דעק האָט צוגעדעקט זייער לייב. אַלע ווילע איז עמיץ צוגעקומען קויפען, און דער כּוּשִׁי, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען ביים פערקויף, האָט אין יענעם מאָמענט אַראָבגענומען די דעק און האָט געלויבט פאַר׳ן קויפער זיין סחורה, די גלידער פון איהר קערפּער און איהרע מוסקולען און איהר געשטאַלט און איהר גאַנצען רייץ. די זון האָט געברענט אין הימעל און האָט אַראָבגעשיקט איהרע שטראַהלען אויף דעם גלאַטען נאַ־קעטען לייב און די גלידער האָבען אַ ווילע געפלאַטערט אינ׳ם גאָל־דענעם ליכט און געבלישטשעט און געגלאַנצט. איין אויגענבליק האָבען די ליכט-כוואַליעס געציטערט און זיך געבאָדען אין דער פראַכט פון די ענטפּלעקטע וואונדער פון דער שעהנהייט, באַלד אָבער האָט די דעק צוריק איינגעהילט דאָס מיידעלשע לייב. ביים ראַנד פון די רייהען איז געשטאַנען אויך חָגְלָה, עטוואָס אָבגעקעהרט אָן אַ זייט, און איהרע צעשראָקענע גרויסע אויגען זענען געווען ברייט צעעפענט — געזעהן האָט זי אָבער גאָרנישט. זי איז געווען ווי פערגליווערט, און האָט נישט געוואוסט וואו זי איז און וואָס דאָ קומט-פאָר. אָבער ערשט איצט, ווען זי איז געשטאַנען צווישען איהרע חבר׳טעס, האָט מען געזעהן, ווי קליין געוואַקסען זי איז. זי איז נאָך אַ קינד געווען. און דאָך איז אין איהרע אויגען און איהר בליצעדיגען לייב געווען עטוואָס, וואָס האָט געררייצט יעדען מאַנסביל. ווי דער שניי, וואָס אויפ׳ן שפּיץ פונ׳ם באַרג שְׂנִיר, אַזוי האָט איהר לייב געבליצט און גע־גלאַנצט מינוטענווייז. און זי איז געשטאַנען פון גאָרנישט ווויסענדיג —

און נאָר איהרע האָר זענען אַראָבגעפלאָסען ביז צו דער ערד און נאָך איז דער רעשט פון זיי געווען אויסגעשפּרייט אויפ׳ן באָדען, און זייער פאַרב איז געווען ווי פון צעשמאָלצען גאָלד. בלויז ווען מ׳האָט אַראָבגענומען אַ ווײַלע די דעק פון איהר לייב, אָדער ווען עמיץ פון די קויפער האָט אויסגעשטרעקט זיין גראָבע האַנד צו בעטאַפּען איהר נאַקעטען קערפּער, האָט זי אַ קורצע ווײַלע אַ פלאַטער געטהון און האָט האַסטיג צוגעדעקט איהרע ברוסטען מיט ביידע הענד — צווי ווייסע און צאַרטע הענד ביז גאָר — און דעם קויפערס בליק איז דאַן געבליבען רוהען אויף איהרע הענד. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך אומגעקעהרט איהר פערגליווערטקייט, און אַראָבלאָזענדיג די הענד, איז זי געבליבען שטעהן אונבעוועגליך.

אין יענעם אויגענבליק איז אַרויפגעשטיגען אויף די פּסגה דער כהן אֱלִיצָפָן דער זוהן פון עוּזִיאֵל דער זוהן פון אִיתָמָר. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און געקוקט פונדערווייטענס — און פּלוצלינג איז זיין בליק געפאַלען אויף חָגלה׳ן. די קויפערס זענען אַלע גיך אָבגעטרעטען אָן אַ זייט, דען ער איז אַ נָשִׂיא און אַ פאָרנעהמער מאַן אינ׳ם פאָלק, וועלכער האָט אַ קאַמער מיט די שענסטע פרויען פון דעם גאַנצען לאַגער, צווי מוֹאָבישע און איין אֱמוֹרִישע פרוי און דער רעשט יודישע, — זיי האָבען דעריבער געוואוסט, אַז זיי וועלען זיך איהם נישט קענען אַקעגענשטעלען און קאָנקורירען מיט איהם ביים איינקויף. אליצפן איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען און דער קנעכט, דער כּושי, האָט פונאַנדערגענומען די דעק פון ביידע זייטען — און דער נשיא האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט. נאָר זיינע אויגען האָבען זעהר געבלישטשעט און זענען גרין געוואָרען, און די אָדערען פון זיין שטערען זענען פּלוצלינג אויפגעשוואָלען אונטער דער הויט. בלויז נאָך איין אויגענבליק האָבען זיינע אויגען געפאָרשט איהר האַלז און איהר נאַקען און דעם געבוי פון איהר געניק ביז צו די לענדען — און דאַן האָט זיך אויף זיינע ליפען דאָס שפּייעכץ בעוויזען. פּלוצלינג האָט ער גענומען און האַסטיג בעצאָהלט דעם פּרייז, הונדערט און זעכציג זילבערנע שקלים, און ער האָט זי צוגענומען און איז אַוועקגעגאַנגען. געהענדיג האָבען זיינע פיס זיך עטוואָס געוואַקעלט.

און אַ געוואַלדיגע מענגע האָט אַראָבגענידערט פון דעם באַרג, גאַנצע

מַחנות זענען געגאַנגען, יעדער מיט זיין איינקויף, און דער טומעל איז געווען זעהר גרויס.

און ביי דער זייט פונ׳ם באַרג איז געשטאַנען אַ כּהֵן אויף אַ צווייג פון אַ בוים און גערעדט אויף אַ קול צו דעם געזעמעל. זיין שטים האָט געהילכט פון איין עק לאַגער ביז צום אַנדערען עק, און ס׳מאָל האָט זיך עמיץ פון דעם געזעמעל אָבגעשטעלט אַ ווײלע און צוגעהערט:

„— ווען דו וועסט ציהען אין קריעג געגען דיינע פיינד און דער הערר, דיין גאָט, וועט זיי איבערגעבען אין דיינע הענד און דו וועסט נעהמען פון זיי געפאַנגענע, און דו וועסט זעהן צווישען די געפאַנגענע אַ שעהן ווייב און דו וועסט זי גלוסטען און זי דיר נעהמען פאַר אַ ווייב — זאָלסטו זי ברענגען אין דיין הויז אַריין, — און זאָל זי דעם קאָפּ אָבשערען און די נעגעל אָבשניידען און אויסטהון די קליידער, וואָס אין זיי איז זי געפאַנגען געוואָרען״.

מענשען זענען אַוועקגעגאַנגען און מענשען זענען אָנגעקומען. מאַנכע זענען פאַרבייגעגאַנגען און גאָרנישט געמערקט, מאַנכע האָבען זיך אָבגעשטעלט און צוגעהערט. דער כּהֵן אָבער האָט ווייטער גערעדט:

„— און זי זאָל זיצען אין דיין הויז און בעוויינען אַ חודש לאַנג איהר פאָטער און איהר מוטער; דערנאָך זאָלסטו קומען צו איהר און זי בעמאַנען און זי זאָל דיר זיין אַ ווייב — —״

מענשען האָבען פערקעהרט און זענען אוועק, און נייע מענשען זענען געקומען.

„— און ווען דו וועסט אָבער נישט האָבען קיין לוסט צו איהר — זאָלסטו זי אַרויסלאָזען, וואוהין זי וויל, אָבער דו זאָלסט זי נישט פאַר געלד פערקויפען, ווייל דו האָסט זי געקוועהלט — —״

און דאָס פאָלק פערקעהרט און געהט אַוועק.

און אויך אֱלִיצָפָן דער זוהן פון עוזיאֵל נידערט אַראָב פונ׳ם באַרג און געהט לאַנגזאַם און נעבען איהם געהט דאָס מיידעל, אָבער זיינע ליפּען האָ־בען זיך זעהר פערקרומט. נאָך אַ גאַנצען חודש צייט — אויף זיין שלייף האָט זיך פלוצלינג בעוויזען אַ בלויער גראָבער אָדער, וואָס איז שטייף געוואָרען ווי אַנ׳אייזערנע שנור. געהענדיג האָט ער געהאַלטען זיין

שטעקען אין דער האַנד — פּלוצלינג האָט ער צאָרניג אויפגעהויבען דעם שטעקען אויף אַ פערצווייגטען ווילדען פייגענבוים, וואָס איז געשטאַנען אויפ׳ן וועג און ער האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט קראַפט, אַז ס׳האָט אַ ווײַלע אָבגעהילכט אַרום אַ מעכטיגער קנאַל, דער בוים האָט זיך איג־גאַנצען אַ טרייסעל געטהון מיט אַ גערויש, און די יונגע צווייגען זע־נען אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד.

•

ווי אַ פערחלומטע איז זי געזעסען איינע אַליין אין דער קאַמער וואָס אינ׳ם ווינקעל פונ׳ם געצעלט, און איהרע אויגען האָבען נאָר גע־קוקט גלייך פאַר זיך און געקלעבט אָן די ציגען־טעפּיכער, וואָס האָבען צוגעדעקט די זייטען פון דער קאַמער. זי האָט מורא געהאַט זיך אַ ריהר צו טהון פונ׳ם אָרט אָדער צו בעוועגען אַ האַנד אָדער אַ פוס. ביי־טאָג האָט דאָס ליכט אַריינגעדרונגען פון דרויסען דורך דעם פענסטערעל און אויך פאַקעלען זענען געשטאַנען אין קרוגען און האָבען געלויכטען, אָבער אויף איהרע אויגען איז געלעגען אַ גרויסע און טיעפע פינסטערניש, און זי האָט גאָרנישט געזעהן. דער פלאַם פון די פאַקעלען האָט שטיל געצשעט, און זי האָט נישט געהערט. די וועגד אַרום זענען איהר אַזוי פרעמד, און דער באָדען איז פרעמד און דער באַלקען, און יעדער נאָגעל און יעדער האָק איז איהר פרעמד געוועזן. מאַנכע מאָל האָט זי זיך גענומען מוט און איז אַ ווײַלע אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען און אָנגעטאַפּט מיט אַ פינגער אַ העקעלע אָדער אַ שלייף, אָבער באַלד האָט דער פינגער מיט אַ ציטער זיך צוריקגעצויגען, און דאָס מיידעל האָט זיך דערשראָקען און איז גיך צוריקגעקעהרט און זיך אַוועקגעזעצט אויף איהר אָרט. אָבער ביינאַכט, ווען אַרום און אַרום איז געשטאַנען די פינסטערניש ווי אַ מויער, אַז מ׳האָט זי מיט די הענד געקאָנט אָנטאַפּען, איז איהר פּלוצלינג ליכטיג געוואָ־רען אין איהר געמיט און זי האָט געזעהן פונדערווייטענס. זי פלעגט דאַן מיט אַ געוואַלדיגער לוסט שליסען די אויגען און קוקען: —

אָט איז אַ גרויסער ווייטער סטעפּ. קליינע הייזעלעך זענען צעשפּרייט איבער׳ן פעלד און די זון גליהט. ס׳איז קיין געוויקס און קיין גע־שטרויך נישטאָ, און נאָר אַ איינזאַמער דאָרן קוקט אַרויס פון אַ פעלזען־

שפּאַלט. פאַרוואָס עפּעס דערמאָהנט זי זיך איצט אָן דעם דאָזיגען דאָרן? — און זי מיט דעם קליינעם יובֿב לויפען איבער׳ן פעלד האַנד ביי האַנד. און זי איז נאָך אַזאַ קליינע, אינגאַנצען פינף יאָהר אַלט, און דאָס יונגעל איז עטוואָס עלטער פון איהר. וואוהין זיי לויפען ווייס זי נישט, אָבער קיין פּאָטער און קיין מוטער האָט זי דאָך נישט, און עס איז איהר גאָרנישט מעהר געבליבען אין דעם גאַנצען ווייטען סטעפּ אויסער דעם דאָזיגען קליינעם יובֿב. און שפּעטער איז זי שוין אַ גרויסע, אַכט יאָהר איז זי שוין אַלט אָדער ניין, און נישט דעם סטעפּ זעהט זי איצט פאַר זיך, נאָר דעם פּלוין. אָט איז דאָסביידעל. אָט זענען די גרינע בוימער וואָס פאַר דעם ביידעל. אָט איז דער שטיין, וואָס זי זיצט אויף איהם. און אויפ׳ן שטיין אַקעגענאיבער זיצט יובֿב און רעדט. פאַרוואָס דערמאָהנט זי זיך איצט גראָד אָן דעם דאָזיגען שטיין? און פּלוצלינג זעהט זי שוין נישט דעם פּלוין, נאָר די גרינע לאָנקע, וואָס ביים אָבהאַנג פונ׳ם באַרג. דאָס גראָז איז צוגעקלעבט צום באַרג, און עס איז אַזוי גרין. און די שאָף פּיטערט זיך. און יובֿב ליגט אויפ׳ן גראָז צווישען די שאָף, און אויך זי ליגט אויפ׳ן גראָז צווישען די שאָף. דאַן כאַפּט זי פּלוצלינג אַרום אַ שטיפערישע שטימונג, און זי וואַרפט זיך אויף איהם אומגעריכטערהייט און טוליעט זיך צו איהם און פּרעסט איהם צו צו איהר האַרץ, און ער טהוט זי נאָר קושען, קושען, קושען... וואו זענען איצט די שאָף? — — —

ווי אַ פערחלומטע איז זי געזעסען אין דער קאַמער, וואָס אינ׳ם ווינקעל פונ׳ם געצעלט. אָבער אויפ׳ן דריטען טאָג פריהמאָרגענס איז געקומען די דיענסט, וואָס אליצפן האָט בעשטימט זי צו בעדיענען, און איז געפאַלען פאַר איהר אויפ׳ן פּנים צו דער ערד.

— מיין האַרינטע!

חגלה איז אויפגעציטערט, דערהערענדיג דאָס דאָזיגע וואָרט.

אָבער די דיענסט האָט צוגעגעבען: — מיין האַרינטע! צי ווילסטו נישט איצט אָבגאָלען דיין קאָפּ?

און נישט וואַרטענדיג אויף קיין ענטפער, האָט זי גענומען שטיל איהר שעהר און גאָלמעסער און אַלעס אַנדערע געשיר, און אין אַ מינוט אַרום האָט זי דורכגעפיהרט דאָס גאָלמעסער איבער׳ן קאָפּ פון דעם מיידעל. די האָר האָבען אָנגעהויבען ביסלעכוויז אַראָבצופאַלען אויף דער

ערד. גאַנצע לאָקען זענען אונטערגעשניטען געוואָרען, גאַנצע צעפּ זענען אַראָבגעפּאַלען. אַ גרויסער הויפען געלייטערט גאָלד איז געלעגען אויף דער ערד. חָגלה האָט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד. דאַן האָבען איהר פלוצלינג גענומען פליסען די טרעהרען פון די אויגען, זיי זענען געפלאָסען פאַמעלעך, און זי האָט זיי נישט אָבגעווישט. אַז מ׳האָט נאָכ-געפּאָרשט דאָס געוויכט פון די האָר, האָבען זיי געוואויגען דרייהונדערט און פינפאונזיבעציג שְׁקָלים לויט דעם געוויכט פון דער געמיינדע.

און אויפ׳ן פינפטען טאָג איז געקומען די דיענסט און מיטגע-בראַכט איהרע מעסערלעך און קאַנען און צווענגלעך און שאָלען און איין לוג אייל, זאָגענדיג: „מיין הארינטע! צי ווּעסטו נישט איצט בע-פעהלען דיר די נעגעל צורעכטצומאַכען?" און זי האָט גלייך אָנגעהויבען זיי צורעכטמאַכען. די ראַנדען פון די נעגעל האָט זי געמאַכט לאַנג און שמאָל און זייערע שפּיצען פון אויבען שאַרף און ווייס, און דאָס ווייסע אונטער די נעגעל-וואָרצלען איז געווען דין און צעשוואומען. דאַן האָט זי זיי בעשמירט מיט אייל און בעמאָלט מיט דורכזיכטיגע רויטע פאַרב און אַרויפגעטהון דערויף שמינקע פון אַמבער-געווירץ.

אויפ׳ן זיבעטען טאָג האָט די דיענסט פון איהר אַראָבגענו-מען די קליידונג פון איהר געפאַנגענשאַפט, דעם זאַק מיט׳ן שטריק, און זי אָנגעטהון אין פראַכט-קליידער: אַ העמד און אַ געקעסטעלט איבער-העמד און אַ בונט-געשטיקטען ראָק און אַ זילבערנעם גאַרטעל.

און אין אָוונד איז געקומען אֱלִיצָפָן.

צום ערשטען מאָל האָט חָגְלָה זיך צוגעקוקט צו זיין געשטאַלט און געזיכט: ער איז געווען ריעזענהאַפט, הויך און שווער און ברייטלייביג, אַז זי האָט איהם דערלאַנגט בלויז עטוואָס העכער איבער דער העלפט. אָבער קוקענדיג אויף זיין געזיכט, האָט זי זיך דערשראָקען: זיינע נאָז-לעכער זענען געווען שטאַרק אויפגעבלאָזען און האָבען זיך געטרייסעלט, און אין זיינע אויגען האָט געפלאַמט אַ פייער וואָס האָט זי אויפגעשוי-דערט. ווען ער איז צוגעטרעטען צו איהר און האָט אָנגענומען איהר האַנד, האָט זי צוגעפרעסט געוואַלדיג די ליפען אום נישט צו שרייען אויף אַ קול פון דעם גרויסען וועהטאָג, וואָס האָט איהר פערשאַפט דער דרוק פון זיין קרעפטיגער האַנד.

און פון דאַמאָלס אָן פלעגט ער קומען יעדען טאָג, און מאַנכע

טעג צו דריי, פיער און פינף מאָל איבער׳ן טאָג—און ער פלעגט יע־דעסמאָל רעדען אָהן אויפהער :

„צי האָט זי אַ פאָטער, וואָס זי זאָל איהם בעווײנען אַ חודש צייט ?״ — און דאָס מיידעל האָט שווייגענדיג געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ: „ניין״. — „צי בעווײנט זי איהר מוטער ?״ — אַ שטילער שאָקעל מיט׳ן קאָפּ : „ניין״.—„צי האָט זי אַ געליעבטען, וואָס פאַר איהם איז זי גע־ווען בעשטימט, און איהם טהוט זי איצט בעווײנען?״—„מען האָט דאָך מיין יוֹבבֿ׳ן דער׳הרג׳עט פאַר מיינע אויגען !״ — האָט פלוצלינג דאָס מיידעל אויסגעשריען מיט אַ געוואַלדיג קול.

אֶלִיצָפָן האָט אויפגעהויבען די אויגען. ער האָט זיך אַרומגע־קוקט אויף אַלע זייטען און האָט אין ערשטען אויגענבליק נישט גע־וואוסט, וועמענס שטים דאָס איז. ער האָט געשטוינט. פון וואַנען האָט זיך צו דעם קליינעם און אָרימען בעשעפעניש גענומען די קראַפט צו שרייען מיט אַזאַ קול ? פון וואַנען האָט זיך צו איהר גע־נומען אַזאַ שטאַרקע און מעכטיגע שטים ? ווען ער האָט אַ קוק גע־טהון אין איהר פנים אַריין און דערזעהן איהרע אויגען, האָט ער אָנגעהויבען צו ציטערען פאַר איהר.

אָבער דעם טאָג דערויף איז ער געקומען און האָט זיך אָנגענו־מען מיט מוט : —„זאָל זי דאָך פערגעסען יענעם יונגענמאַן. די טוי־טע וועלען דאָך מעהר נישט לעבעדיג ווערען. און ער וועט צו איהר זיין אַ פאָטער און אַ פריינד און אַ מאַן, בעסער פון צעהן חֲתָנים...״

דאָס מיידעל, וואָס האָט תמיד געשוויגען, איז פלוצלינג בערע־דעווידיג געוואָרען, און גערעדט האָט זי, אַז זיינע אויערען האָבען אַזעל־כעס קיינמאָל נאָך נישט געהערט. ווי דער שטראָם פון אַ פלייצענדען געוויסער האָבען געשטורעמט די ווערטער און זי האָט זיי מעהר נישט געקאָנט אין זיך איינהאַלטען. אָבער זיינע אויערען האָבען בלויז איינס געהערט : „זי וועט קיינמאָל נישט געהערען צו קיין אַנדערען, קיינמאָל וועט זי נישט ערלויבען עמיצען אַנדערש זי אָנצוריהרען, זאָגאַר ווען ער וועט זי אויף צעהן שטיק צעשניידען. מיט איהרע לאַנגע נעגעל וועט זי איהם די אויגען אויסשטעכען. מיט איהרע שפיציגע פינגער וועט זי איהם דעם האַלז דורכלעכערען און דערשטיקען״...

אליצפן האָט נישט געקאָנט איינהאַלטען דעם לייכטען שמיי־

כעל, וואָס האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען. דאָס גאַנצע בילד און איהר געוואַלדיגער גרימצאָרן האָבען איהם אָנגעהויבען צו מאַכען שפּאַס. דאָס דאָזיגע קליינע און שמאַכטיגע מיידעל, וואָס מיט איין פינ־גער קאָן ער זי בעהערשען און טהון מיט איהר וואָס זיין האַרץ גלוסט, ווערט גאָר מיט איהם אַ קאַמף פיהרען!

און פּלוצלינג האָט זי שטיל אַ זאָג געטהון: „— און אויב ער ווערט פאַרט זיין שטאַרקער פון איהר און זי ווערט איהם נישט קאָנען בייקומען, זאָל ער אָבער וויסען, אַז קיין גאַנצען מעת-לעת דערנאָך ווערט זי נישט לעבען”. ווען ער האָט אַ קוק געטהון איהר אין די אויגען אַריין, איז ער פערציטערט געוואָרען.

און דאַן האָט זי ווייטער געזאָגט: „וואָס ווערט איהם אַרויסקומען ווען ער ווערט איהר לייב בעצווינגען? עס איז דאָך פאָרט נישט מעהר ווי פלייש, אָבער איהר זעל ווערט קיינמאָל צו איהם נישט געהערען”.

און אומגעריכט האָט זי ווידער אַ זאָג געטהון: „זאָל ער נאָר וואַרטען”.

און טאָג-איין טאָג-אויס, ווען עס איז געקומען דער אָווענד, האָט ער פערקעהרט צו איהר אין געצעלט. האָט ער צו איהר גערעדט צערט־ליך און זיך געבעטען ביי איהר — האָט זי איהם געענטפערט האַרט און שאַרף; האָט ער מיט איהר גערעדט פרעך און בעפעהלעריש — האָט זי געוויינט פאַר איהם און זיך געבעטען ער זאָל זי צורוה לאָזען; האָט ער געפּרובט זי איינגעהמען מיט זיסע רייד און ליסטיגקייט — האָט זי איהם אָבגעווענדט מיט אויפריכטיגקייט און עהרליכע ווערטער; האָט ער געוואָלט מיט קראַפט און שטאַרקער האַנד זי בעצווינגען — איז זי פלוצלינג געוואָרען ווי אַ קליין לעמעלע און האָט איהם אָבגעהאַלטען. אַזוי איז אַריבער אַ טאָג און אַ וואָך, און צוויי וואָכען און דריי. באַלד ווערט אויך מיידען דער חודש, וואָס איז איהר בעשטימט לויט'ן געזעץ. אָט איז שוין די דריטע וואָך צו ענדע...

און אין ערשטען טאָג פון דער פערטער וואָך האָט ער זיך שוין מעהר נישט געקאָנט בעהערשען. וואָס דאַרף ער אַ חודש? וואָס דאַרף ער דאָס געזעץ? זי האָט דאָך נישט קיין פאָטער און נישט קיין מוטער, וואָס זי זאָל זיי בעווינען אַ חודש לאַנג! — די אָדערען פון די שלייפען זענען איהם אויפגעשוואָלען. אין זיינע אויגען האָט גע־

ברענט אַ ווילד פייער. אַ פינסטערער פחד האָט געהערשט אַרום און איז געפאַלען אויף יעדען מאַן אָדער פרוי, וואָס האָט זיך ביי זיי בעוויזען.

און די נאַכט איז געווען שטאָקפינסטער. דרויסען האָט געווילדע-וועט דעם שטורם, און דאָס געוויטער האָט געפייפט פונ׳ם באַרג אַראָב, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי אַ געהייל. די הינד האָבען געבילט און די פוקסען האָבען געוואָיעט אַ גאַנצע נאַכט.

און ווען ער האָט זי אַ נעהם געטהון, האָט זי געוואוסט, אַז דאָסמאָל איז שוין קיין רעטונג נישטאָ. עס איז געקומען דער לעצטער אויגענבליק. מיט איהרע ווייסע און לאַנגע נעגעל האָט זי איהם צעש-ניטען די הויט פונ׳ם פנים און צעשטאָכען די אויגען — און ער האָט גאָרנישט געפיהלט. מיט איהרע שאַרפע צייהן האָט זי איהם געביסען די הענד, אַז בלוט איז גערונען — און ער האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. מיט פעסטע הענד האָט זי איהם אָבגעשטויסען פון זיך, ווי זי האָט נאָר געקאָנט — און איהרע הענד זענען דאָך געווען אַזוי קליין און שוואַך. און פלוצלינג איז זי אָהנמעכטיג געוואָרען. — —

און דער שטורם איז אַריבער און דאָס געוויטער האָט אויפגע-הערט. די הינד האָבען מעהר נישט געבילט און די פוקסען האָבען אויפגעהערט צו וואָיען. דאַן האָט די לבנה אַרויסשפּאַצירט איבער דעם הימעלס-קרייז...

אינדערפריה האָט מען בעמערקט, אַז דאָס מיידעל איז פערשוואונדען. מען האָט זי דאַן געזוכט אין דעם גאַנצען געמאַרק און נישט געפונען. דריי טאָג און דריי נעכט האָט מען זי געזוכט, און זי איז געבליבען פערשוואונדען — דערנאָך האָט מען זי אויך פערגעסען און מעהר נישט דערמאָהנט.

•

אָבער אין פערציגסטען יאָהר פון די יודישע וואַנדערונגען אין דער מדבר, אין דעם ערשטען חודש פון יענעם יאָהר, אין ערשטען טאָג פון דעם חודש, פריהמאָרגענס, האָבען די פאַסטוכער, פיטערענדיג זייער פיה אין פעלד צווישען עֲטָרוֹת און דִיבוֹן, געפונען אַ מענשלי-

כען קערפּער, וואָס איז געלעגען אין פעלד צווישען די געשטרויכער, אַ קליינע שטרעקע לאַנד ביז דעם ברעג פונ׳ם יַבּוֹק-טייך. דאָס לייב איז געווען אינגאַנצען צעריבען, אַז מ׳האָט מעהר נישט געקאָנט דערקענען די גלידער און דאָס געזיכט, און בלויז מיט מיה האָט מען געקאָנט פעסטשטעלען, אַז עס איז אַ פרויען-קערפּער. נישט אַנדערש, נאָר דאָס וואַסער האָט דעם דאָזיגען קערפּער אַרויסגעשפּיגען נאָכדעם, ווי ער איז לאַנגע חדשים אין טייך געלעגען.

און ווען די נאַכריכט איז דורכגעלאָפען דורך די מחנה, איז אויפגעבראַוזט געוואָרען די גאַנצע געמיינדע. אָט איז פאַרהאַן אַ געהרג׳עטער אין פעלד און קיינער ווייס נישט, ווער עס האָט איהם דערשלאָגען. דאַן זענען געקומען די שוֹטְרִים און די שוֹפְטִים פון יעדען ווינקעל, און האָבען אָנגעהויבען די זאַך צו פאָרשען. דריי טעג האָבען זיי געפאָרשט, אָבער קיין מענש האָט עס נישט געזעהן און קיין מענש האָט נישט געוואוסט, און מ׳האָט די אויספאָרשונג אָבגעשטעלט. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען אַ גרויסע בעוועגונג: עס זענען אָנגעקומען די זְקֵנִים פון די שטעדט, וואָס זענען נאָהנט צו דעם אָרט, וואו עס איז געלעגען דער געהרג׳עטער, און צוזאַמען מיט זיי זענען געקומען די כֹּהֲנִים און די פיעלע לְוִיִּים-שילער, וואָס גאָט האָט זיי אויסגעוועהלט צו טהון זיין דיענסט און צו בענשען אין זיין נאָמען. און עס האָבען געמאָסטען די זְקֵנִים די שטרעקע ביז די פיעלע קליינע שטעדט פון אַרום. מיט אַ נייעם פלאַקס-שטריק האָבען זיי געמאָסטען ביז יַעְזֵר און ביז חֶשְׁבּוֹן, ביז אֶלְעָלֵה און ביז נִמְרָה, ביז עֲטָרוֹת און ביז דִּיבוֹן, ביז שְׂכֶם און ביז בְּעוֹן — ביז אַלע שטעדט פון אַרום. אָבער ביז נְבוֹ האָבען זיי נישט געמאָסטען, דען זי איז געווען עטוואָס ווייטליך פון דעם אָרט, וואו דאָס איז געשעהן. אַזוי האָבען זיי געמאָסטען, וואַרפענדיג דעם שטריק יעדעסמאָל אין אַנ׳אַנדערע ריכטונג, און עס איז זיי אַרויסגעקומען אֶלְעָלֵה, דען זי איז געווען די נאָהנטסטע פון אַלע שטעדט, מיט דרייסיג איילען נעהנטער צו דעם געהרג׳עטען ווי דיבון. און אַז די זְקֵנִים פון אֶלְעָלֵה האָבען דאָס דערזעהען, האָבען זיי גיך געבראַכט אַ יונגע קוה, אַ קאַלב, וואָס איז נאָך קיינמאָל אין דער אַרבייט נישט געווען און האָט נאָך נישט געצויגען קיין יאָך, און זיי האָבען גענומען דאָס קאַלב און עס אַרויסגעפיהרט אויפ׳ן וועג, וואָס געהט צום יַבּוֹק-טייך, דען ער איז געווען קיזעלהאַפט,

וואָס אין זיין אומגעבונג ווערט דער באָדען נישט בעאַרבייט און נישט בעזייהט. און די פרויען זענען אַרויס פון אַרום אין בעציהרט דאָס קאַלב מיט שמוק, איינהילענדיג איהם אין אַ ווייסער דעק, וואָס פיער פיאָלעט־פּראַנדזען זענען אַראָבגעהאָנגען פון אַלע איהרע פיער עקען און אַ פּורפּור־באַנד האָט אַרומגענומען דעם האַלז פון דעם קאַלב, און צוויי לְוִיִים־שׁוּי־לער, איינער פון דער זייט און איינער פון דער זייט, האָבען געפיהרט דאָס קאַלב, און עס האָט געבלעקעט אַ גאַנצען וועג. מ׳האָט איהם אַלע ווײַלע געגעבען אַביסעל גראָז צום עסען, אָבער עס האָט נישט אויפגע־הערט צו בלעקען. דאַן זענען זיי געקומען ביז׳ן ברעג פון דעם טייך, און די כֹּהֲנִים, וואָס זענען שוין דאָרט געשטאַנען און געוואַרט, זענען האַסטיג אַקעגענגעלאָפען דעם קאַלב און עס אָנגענומען און אַראָבגעגני־דערט ביז דעם עקסטען ברעג פונ׳ם טייך. און זיבעציג זְקֵנִים זענען געשטאַנען אויפ׳ן ברעג טייך, פינפאונדרייסיג פון איין זייט און פינפ־אונדרייסיג פון דער אַנדערער זייט, און אינמיטען זענען זיבען כֹּהֲנִים געשטאַנען און זייערע פיס האָבען זיך געטונקען אין וואַסער, בלויז דער כֹּהֵן־גָדוֹל איז געשטאַנען אויף אַ שטיין און זיין פנים איז געווען גע־ווענדעט צו דעם געזעמעל. און הינטער די זְקֵנִים איז געשטאַנען אַ מַחֲנֶה לְוִיִים, האַלטענדיג אין די הענד קופּערנע בעקענס, אָנגעפילט מיט וואַסער צום וואַשען. דאַן זענען די שׁוֹטְרִים דורכגעצויגען צווישען דעם געזעמעל און אויסגערופען דריי מאָל: הייליגט אייך — זייט צוגע־גרייט, הייליגט אייך — זייט צוגעגרייט, הייליגט אייך — זייט צוגעגרייט: און דאָס פאָלק האָט געענטפערט: מיר האָבען זיך געהייליגט — מיר זענען גרייט!

אין דעם אויגענבליק איז דאָס קאַלב צוגעפיהרט געוואָרען צום כֹּהֵן־גָדוֹל. מיט אַ פעסטער האַנד האָט דער כֹּהֵן אָנגענומען דאָס קאַלב און אין איין מינוט פון איהם אַראָבגעריסען די דעק און דעם האַלז־באַנד. איין אויגענבליק האָט דאָס שלאַכטמעסער אין זיין האַנד אַ פונ־קעל געטהון אינ׳ם זונען־שיין איבער דעם קאַלב אַקעגען זיין געניק, און באַלד דערויף איז עס מיט איינמאָל קרעפטיג אריינגעדרונגען אינ׳ם געניק פון דעם קאַלב. דאָס קאַלב האָט איין מינוט אַ בלעק געטהון מיט אַ געוואַלדיגער אויסגעצויגענער שטים און דערנאָך אַ הייזעריגען לאַנגען זיפץ בעגעבען. דאַן איז פלוצלינג אַ גרויסע שטילקייט איינגע־

טרעטען — און אַ שטראָם הייס בלוט האָט אַ שפּריץ געגעבען אין דער הויך און דאַן גלייך גענומען פליסען אין טייך אַריין.

די לְוִיִים זענען אין דעם אויגענבליק צוגעשפּרונגען פון דער זייט מיט די בעקענס אין די הענד, און די כֹּהֲנִים און אַלע זְקֵנִים האָבען געוואַשען די הענד איבער דעם געקעפּטען קאַלב, און דאָס וואַסער האָט זיך צונויפגעמישט מיט דעם בלוט-שטראָם און איז צוזאַמען געפלאָסען אין טייך אַריין. דאַן האָבען זיי אויפגעהויבען אין הייליגקייט די געוואַשענע הענד און אויפגעגלאָצט די אויגען צום הימעל און געזאָגט מיט אַ הויכער שטים איינער צום אַנדערען: „אונזערע הענד האָבען נישט פערגאָסען דאָס דאָזיגע בלוט און אונזערע אויגען האָבען נישט געזעהען". און איינער דעם אנדערען האָט געענטפערט אויף אַ קול: „אונזערע הענד האָבען נישט פערגאָסען דאָס דאָזיגע בלוט און אונזערע אויגען האָבען נישט געזעהען". און דער כֹּהֵן-גָדוֹל האָט, גלאָצענדיג מיט די אויגען צום הימעל, געזאָגט: „פערגיב דיין פאָלק ישראל, וואָס די האָסט אויסגעלייזט, גאָט, און לאָז נישט קיין אונשולדיג פערגאָסן בלוט צווישען דיין פאָלק ישראל". און זעקס כֹּהֲנִים האָבען געענטפערט נאָך איהם: „און עס זאָל זיי פערגעבען ווערען דאָס בלוט!"

און צווישען די כֹּהֲנִים אָן אַ זייט איז געשטאַנען אֱלִיצָפָן דער זוהן פון עוּזִיאֵל און זיין פּנים איז געווען עטוואָס בלייך, און אויך ער האָט מיט אויפגעהויבענע אויגען געוואַשען די הענד איבער דעם געקעפּטען קאַלב און זיינע ליפּען האָבען געפליסטערט: „אונזערע הענד האָבען נישט פערגאָסען דאָס דאָזיגע בלוט און אונזערע אויגען האָבען נישט געזעהען" — אָבער די ווערטער זענען אָבגעשטאָרבען אויף זיינע ליפען און מ'האָט זיי נישט געהערט.

אין איין אויגענבליק האָט ער זיך אָבער ערמוטיגט: — עס איז דאָך נישט מעהר, ווי אַנ'עֶגְלָה עֲרוּפָה.

דאָס געקעפּטע קאַלב האָט מען אַוועקגעטראָגען און פערברענט, און דעם טויטען קערפּער האָט מען גענומען און בעגראָבען אויפ'ן אָב-האַנג פונ'ם באַרג.

די עִיר־הַמִקְלָט

ווען די בְּנִי־ישראל זענען געקומען קיין עֶצְיוֹן־גֶבֶר, אין דעם זעקסאונדרייסיגסטען יאָהר פון זייערע וואַנדערונגען אין דער מִדְבָּר, האָט זיך בעוויזען אין דער מחנה א יונג מיידעל, קליינגעוויקסיג און מאָגערלייביג, וואָס אַז עמיץ האָט זי געזעהן און איז אַוועקגעגאַנגען פון איהר, האָט ער מעהר נישט געדענקט איהר געשטאַלט און אויך נישט איהר אויסזעהן און קיין זאַך נישט. בלויז איהרע אויגען האָט ער געדענקט און זיי האָבען געשוועבט פאַר איהם. ער האָט געוואוסט, אַז זיי זענען גרויס ווי צוויי פיסטאַציען־ניס און שוואַרץ ווי דער אָבגרונד פונ׳ם אַרנון און פלאַקערדיג ווי דאָס פייער פונ׳ם מזבח וואָס פאַר׳ן אוהֶל־מוֹעֵד. קיין מענש האָט נישט געוואוסט, ווער זי איז און פון וואַנען זי איז געקומען. ווי אַ שטורמישער צוג־ווינד האָט זי זיך אַריינגעריסען אין די מחנה פלוצלינג אין אַ פריהמאָרגען צוזאַמען מיט די וואַכטעל־פייגעל, און מ׳האָט בלויז געוואוסט איהר נאָמען, אַז זי הייסט נוֹעָה. און האָט די עמיץ אַמאָל געפרעגט וועגען איהר פאָטער אָדער וועגען איהר מוטער, פלעגט זי ענטפערען: מיין פאָטער איז די מדבר און מיין מוטער איז דער סטעפ—און זי האָט דערביי זיך צעלאַכט אויף אַ קול, אַז איהרע ווייסע צייהן האָבען אַ ווייל אַ שימער געטהון ווי אַ בליץ, וואָס צעפלאַקערט זיך פלוצלינג, און זי האָט אַ קלימפער געגעבען מיט די גרויסע רינגען וואָס אין איהרע אויערען און אין אַ מינוט אַרום איז זי אַנטלאָפען און פערשוואונדען. און די יונגעלייט און די קינדער פון דעם יודישען אַדעל און יעדער מאַן אַרום האָבען וועגען איהר וואונדער דערצעהלט: פאַלט איהר בליק אויף אַ מאַן, ווערט אויף דעם אָרט פונ׳ם לייב, וואו איהר אויג האָט גערוהט, אַ בראַנד־וואונד, און גיט זי אַ הויך מיט איהר אָטעם, איז

עס ווי די הייסע גלות פון דעם ווינד, וואָס קומט פלוצלינג אָן פון דרום-זייט, און ריהרט איהר האַנד אָן, די האַנד פון אַ מאַן, ווערען זיינע מוסקולען אין איהם ווי אַ פלייצענדער פייער-שטראָם. און ווירקליך איז דאָס מיידעל געווען, ווי די מדבר: איהר פּנים איז געווען ווי קופּער, וואָס איז אָבגעבערענט פון דער זונען-היץ, איהר געביין איז געווען ווי צעגליהטע שפּיציגע פעלזען, און ווילד איז זי געווען ווי דער ווינד, וואָס פליהט-אָן פון צפון-זייט. אָבער ווי דאָס טרוקענע פעלד צווישען פּאָרן און תֹּפֶל, אַזוי האָט דאָס מיידעל געדורשטעט טאָג און נאַכט נאָך אַ פּאָר טראָפּען טוי — און זי האָט געוואַרט...

אין יענע ווייטע צייטען האָט די זון געגליהט זיבענמאָל היי-סער ווי איצט, און די מדבר איז געווען זיבענאונזיבעציג מאָל פירכטערליכער און גרעסער ווי איצט, און אויך די ליעבע איז געווען מיליאָנען מאָל מעכטיגער און שטורמישער ווי איצט.

אין אַ שפּאַלט פון אַ הייל איז געבוירען געוואָרען די קליינע נועה מיט פערצעהן יאָהר צוריק, אינ'ם צוויאונצוואַנציגסטען יאָהר זינט דעם, ווי די אידען זענען אַרויס פון מצרים. זיי האָבען דאַ-מאָלס געלאַגערט אין רמון-פֶּרֶץ. און נישט מיט קיין מעסער האָט מען איהר דעם נאָפּעל אָבגעשניטען, נאָר מיט אַ שאַרפען שטיין. איהר מוטער איז געווען אַ וועשערין און איהר פאָטער — אַ האָלץ-קלויבער, און ער פלעגט אויפקלויבען אין פעלד רויטע טרויבען און זיי אויסקוועטשען אין אַ לעפעל, וואָס ער האָט זיך געמאַכט, און האָט יעדען טאָג געטרונקען דעם זאַפט פון די ווילדע יאַגדעס. און אין קִבְרוֹת-הַתַּאֲוָה זענען געשטאָרבען דער מאַן מיט דער פרוי אין איין טאָג, אינ'ם טאָג פון דער גרויסער פּלאָג, ווען זיי האָבען גע-געסען פון די וואכטעל-פייגעל צעהן הויפענס. דאָס מיידעל איז דאַן געוואקסען און קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער עס האָט זי אויפגעצויגען. ווער ערציהט דען די שוואַרצע קאַץ און די ווייסע אַנגאָראַ וואָס אין דער מדבר? ווי דער דאָרן אין פעלד איז זי גע-וואַקסען און ווי די שלאַנג אין דער נאָרע ביי די זומפּען. אינ'ם הויף פון דעם געצעלט און ביי דער שוועל פון דער טיר, וואו זי האָט איין נאַכט גענעכטיגט, האָט זי מעהר נישט גענעכ-

טיגט אין דער צווייטער נאַכט, און פון דעם ברויט, וואָס עמיץ האָט איהר איין טאָג געשאָנקען, האָט זי נישט מעהר געגעסען אויפ'ן צווייטען טאָג. פלעגט זי געפינען עטוואָס מַן אויפ'ן פעלד און עטליכע קאָריאַנדער-קערנער און אַ פּאָר אונרייפע טרויבען, האָט זי דערפון געגעסען און נאָך איבערגעלאָזט — און איז תמיד פרעה־ליך געוועזן. זי איז נאָך נישט אַלט געוועזן קיין גאַנצע צוועלף יאָהר, כמעט נאָך גאָר אַ קינד, ווען אַ מאַנסביל האָט זי אויפ'ן פעלד בעגעגענט און זי געכאַפּט און געפּייניגט — און עס איז זי גאָרנישט אָנגעגאַנגען. ווי דער שטויב-ווירבעל אונטער'ן ווינד האָט זי זיך גע־קייקעלט איבער די גאַסען פון איין לאַגער צום אַנדערען, פון איין וואוינפּלאַץ פון די בני-ישראל צום אַנדערען וואוינפּלאַץ.

ווען זי איז אָנגעקומען קיין עֶציון-גֶבֶר, איז זי געוועזן אַ קליי־נינקע און מאָגערלייביגע און האָט נישט געבראַכט מיט זיך מעהר, ווי די אויגען. אָבער אין דריי חדשים אַרום איז זי פּלוצלינג אויפ־געוואַקסען און שעהן געוואָרען. כמעט איבערנאַכט איז עס געשעהן. אָוועגדס האט זי זיך געלעגט שלאָפען אָהן געשטאַלט און אָהן פאָרם, און אינדערפריה איז דאָס פערצעהניעהריגע מיידעל פּלוצלינג געוועזן שוין אַ גענצליך אויסגעפאָרעמטע דערוואַקסענע פרוי. עפּעס אַ נע־פעל האָט זיך פערצויגען איבער איהרע מאַנדעלפאָרמיגע אויגען, וואָס האָט ווי אַ פאָרהאַנג פונאַנדערגעשיידט צווישען דעם צושויער און דעם פערבאָרגענעם גלאַנץ, און איהרע אויגען זענען פּלוצלינג גע־וואָרען ווי שטענדיג פערחלומטע. ווער עס האָט זי געזעהן, איז שטעהן געבליבען איבערראַשט. עס איז נישט געוועזן צו איהר קיין גלייכען אינ'ם גאַנצען געמאַרק פון ישראל און אין דער גאַנצער געגענד אַרום. און די גאַנצע מחנה, יונגעלייט און בעיאָהרטע מע־נער, רייכע און אָרימע, די פאָרנעהמע לייט און דאָס פּעבעל, האָ־בען זיך אַלע מאַסענוויז געיאָגט נאָך איהר, און וואו זי איז נאָר געוועזן, האָבען זיי זיך געזאַמעלט אַרום איהר. עפּעס אַ פער־שיכורענדער רויש האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע מחנה. און פון נאָהנט און פון ווייט איז מען געקומען, פון אַלע ווינקלען, וואָס די בני־ישראל האָבען דאָרט געלאַגערט. און דאָס מיידעל האָט קיינעם נישט אָבגעזאָגט, אַלע האָט זי דערנעהנטערט צו זיך צוגלייך, אַלע אָהן

אויסנאַהם און האָט פון קיין מאַן נישט פערמיטען איהר מיידעלשע גנאָד — און האָט כסדר נאָר געלאַכט אויף אַ קול.

בייטאָג, ווען די זון האָט געברענט, האָט זי געהויערט אויפ׳ן פעלד אינ׳ם פלאַקערדיגען זאַמד, שפיעלענדיג זיך מיט צוויי יונגע שלאַנגען, וואָס זי האָט זיי פערהיימישט. זי פלעגט דאַן ענטבלויזען איהרע ברוסטען און אַוועקזעצען די שלאַנגען אויף איהר לייב, און זיי האָבען זיך געוויקעלט אַרום איהר ברוסט און איהר קיין בייז נישט געטהון, און זי האָט געקוקט אין הימעל אַריין אַקעגען דער זון, חלום׳ענדיג מיט אָפענע אויגען. און ביינאַכט אין דער שטאָקפינסטערניש איז זי געלעגען אויפ׳ן פעלד און נעבען איהר עמיץ פון די יונגעלייט — און עס איז זי גאָרנישט אָנגעגאַנגען. די יונגעלייט האָט זי געטוישט, ווי אַ מענש טוישט דאָס העמד אויפ׳ן לייב — און עס האָט זי גאָרנישט געאַהרט. ווי די שוואַרצע קאַץ וואָס אין דעם סטעפ און ווי די ווייסע אַנגאָראַ, פלעגט זי זיך בע-העפטען מיט איהר פאָר, ווי עס האָט זיך נאָר געמאַכט, און זי האָט פון קיין בייז נישט געוואוסט און קיין אונרעכט נישט געזעהן — און האָט כסדר נאָר געלאַכט אויף אַ קול.

בייטאָג, ווען די היץ אַרום האָט געבאַקען ווי אַנ׳אויווען, איז זי געזעסען אויפ׳ן פעלד, ביז זי איז אין חלשות געפאַלען, און אָפט-מאָל האָט זי פלוצלינג א לוסט אַרומגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע און זי האָט גיך אויסגעטהון אַלע איהרע קליידער און זיי אַוועקגעשלײ-דערט ווייט פון זיך, בלייבענדיג זיצען אויפ׳ן פעלד נאקעט ווי אין איהר געבוירען-טאָג. און דאַן פלעגט זי טיילמאָל ווידער נעהמען איהרע לאַנגע האָר, וואָס האָבען איהר ביז צו די קניה דערלאַנגט, און זיי צונויפוויקלען אין אַ קנויל, צודעקענדיג דער-מיט איהר גאַנץ לייב, און עס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי אַ געדיכטע וואָלקען-שיכט וואָלט צוגעדעקט די זון. אָבער ווען עס איז געקומען די נאַכט, האָט זי זיך אויסגעוועהלט עטליכע פון איהרע ליעבהאָ-בער און זיי פלעגען נאָכגעהן נאָך איהר זאַלבענאַנד אָדער זאַלבעט-דריט — און עס האָט זי גאָרנישט געאַהרט. ווי אַ וועלפין אין דער מדבר האָט זי געהונגערט נאָך רויב — און נאָר זי האָט געלאַכט אויף אַ קול

בייטאָג, ווען די בלויקייט איז געשטאַנען אין דער מיט פונ׳ם לויטערען הימעל, פלעגט זי אַראָבנידערען צום אַרנון-טייך זיך באָדען, און אַרויסגעהענדיג פונ׳ם וואַסער אַ קלאָרע און איינגאַנצען פעררויטעלט, פלעגט זי זיך אַוועקשטעלען נאַקעטערהייד פאַר׳ן טייך און קוקען אויף איהר בילד, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אינ׳ם וואַסער און זי האָט זיך נישט געקאָנט זאַט קוקען. זי האָט דאַן געוואוסט, אַז זי איז די שעהנסטע פון אַלע פרויען, וואס זענען ווען עס איז אויף דער ערד געווען. און טיילמאָל האט אין איהר פלוצלינג אַ געוואַלדיגע לוסט אויפגעפלאַקערט אַנידערצוקניהען און אויסצוקושען אין דעם וואַסער־שפּיגעל איהר גאַנץ לייב און אַלע איהרע גלידער און אַלע מוסקולען. אָבער ווען עס פלעגט קומען די נאַכט, פלעגט זי פערטרייבען פון זיך די אַלע רייכע און אדעליגע זיהנדלעך און די הויכגעשטעלטע לייט, וואָס זענען איהר נאָכגעלאָפען, און זי פלעגט זיך אויסוועהלען גראָד יונגלעך פונ׳ם פעבעל, יעדען פלאַטערקאָפּ און לעדיג-געהער און יעדען אָבגעריסענעם און אָבגעשליסענעם, גאָר אַ גרויס געזעמעל, און זיי מיטנעהמען מיט זיך — און זי איז דערביי זיבענמאָל אַזוי פרעהליך געווען. ווי אַ שטורמישער וואַסערפאַל, וואָס רייסט זיך באַרג-אַראָב, אַזוי האָבען אין איהר די געבליטען געשריען און זי געצויגען נאָר באַרג־אַראָב, באַרג־אַראָב — און זי האָט כסדר נאָר געלאַכט אויף אַ קול.

און די טעג זענען געווען וויסט און די נעכט זענען געווען שטורמיש, מאָהלצייטען און פערוויילונגען און שטיפערייען. און נאָר מינוטענווייז, ווען זי איז אַליין געבליבען און קיין מאַן איז מיט איהר נישט געווען, איז דאָס געלעכטער פערגליווערט געוואָרען אויף איהרע ליפּען און זי האָט פלוצלינג אָבגעזיפצט. דאָס זיידענס און דאָס בונטע צייג און די האַנד-קייטעלעך, וואָס זי האָט אין געשענק בעקומען פון איהרע ליעבהאָבער און דער באַלדאַכין, וואָס זיי האָבען איהר געמאַכט, זענען איהר עקעלדיג געוואָרען. אַלע איהרע יונגעלייט און ליעבהאָבער זענען איהר לעסטיג געוואָרען. זי האָט דאַן גענומען דעם גרויסען אָניקס-שטיין, וואס זי האט בעקומען פון קְנַז, דעם זוהן פון דעם נָשִׂיא איבער׳ן שטאַם בִּנְיָמִין, און האט איהם אַרויסגעווארפען דרויסען. און די ברוסטשילד פון איהר וועסט, וואס

אֱלִידָד, דער זוהן פון דעם נָשִׂיא איבער׳ן שטאַם נַפְתָּלִי, האט איהר געמאַכט פון בונטען צייג, האט זי גענומען און צעריסען אויף הונ־דערט שטיקער. איהר האַרץ איז געווען הויל — און עס האָט גע־דורשטעט אָהן אויפהער... ווי די געזאַלצענע באַדען־שטרעקע צווישען פּאָרָן און תּוֹפֶל, וואס איז נאך קיינמאל נישט בערעגענט געווארען, אַזוי האט זי געדורשטעט נאך אַ טוי־געשאַנק — און נאַר זי האט געוואַרט און געוואַרט.

•

און איינמאָל איז זי געקומען ביז פאַר׳ן משכן און איז שטעהן גע־בליבען אינ׳ם איינגאַנג. פלוצלינג האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ לוסט אַריינ־צוגעהן אויף אַ ווײַלע אינעווייניג. דער וואָלקען האָט אָנגעפּילט דאָס הייליגטום און עס איז געווען אַ פינסטערניש, וואָס מ׳האָט געקאָנט מיט די הענד אָנטאַפּען. און אַ פורכטזאַמקייט האָט געהויערט אויף יעדען ווינקעל און איז אויפגעגאַנגען פון הינטער יעדער זייל, און זי האָט קיין זאַך נישט געזעהן. ערשט ווען איהרע אויגען האָבען זיך צוגעוועהנט ביסלעכווייז צו דער פינסטערניש, האָט זי אָנגעהויבען אונטערצושיידען צווישען איין זאַך און דער אַנדערער. אויף דער טרעפּ וואָס ביי דער בימה פאַר דעם הייליגטום איז געשטאַנען דער יונגער כֹּהֵן, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דעם דיענסט, כמעט נאָך אַ יונגעל, און ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ ליינען־מאַנטעל און אַ חוֹשֶׁן אויף דער ברוסט מיט שלייפלעך און אַנ׳אֵפוֹד, און לאַנגע לאָקען האָבען איהם אַראָב־געהאָנגען איבער׳ן גענייק הינטער דער הויב, און דער יונגער כֹּהֵן האָט גערעדט צו דעם פערזאַמעלטען פאָלק. נוֹעה האָט געקוקט אויף איהם איבערראַשט און ערשטוינט. זיין פנים איז געווען בלייך און די לאָקען שוואַרץ. די אויגען זענען געווען בלוי און דער חוֹשֶׁן רויט. אין דעם אויגענבליק האָט אויך דער כֹּהֵן אויפגעהויבען זיינע אויגען און אומגעריכט אַ קוק געטהון אַקעגען זיך און ער האָט זי דערזעהן. זיין בלייך פנים איז איין אויגענבליק געוואָרען זיבענמאָל בלייכער און די בלויקייט פון זיינע אויגען איז פלוצלינג געוואָרען זיבענאונזיבעציג מאָל טיעפער. ער האָט אויף אַ ווײַלע די שפּראַך פערלוירען און איז ענטשווי־

נען. נאָר איין אויגענבליק. און אויך די אויגען האָט ער געשלאָסען. דאַן האָט ער זיך געשטאַרקט; זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט צאָרן און זיין שטערען האָט זיך בעדעקט ווי מיט אַ שטורמישען וואָלקען, און ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבען רעדען צו דעם געזעמעל וועגען דעם געבאָט פון משה'ן: „און עס זאָל דיין לאַגער הייליג זיין". ער האָט געדונערט מיט זיין שטים און געוואָרענט דאָס פאָלק פאַר יעטוועדער אויס-געלאַסענקייט און אונווירדיגקייט, אַז „ער זאָל אין דיר קיין שענדליכע זאַך נישט זעהן..." און ער האָט גיך געענדיגט זיינע רייד און איז אַראָב פון דעם געשטעל.

אָבער נאָכמיטאָג, ווען דער טאָג האָט זיך גענייגט, האָט דער יונגער כּהן געבלאָנדזשעט איבער'ן פעלד אהין און אַהער. דער שאָטען פון דעם מיידעל איז נישט אָבגעטרעטען פון פאַר זיינע אויגען, סיי ווען זיי זענען אָפען געווען און סיי ווען זיי זענען געווען געשלאָסען. ער האָט אַזוי לאַנג געוואַנדערט איבער'ן פעלד, ביז ער האָט זי ענדליך געפונען. ער איז דאַן שטעהן געבליבען אויף זיין אָרט און נישט צו-טרעטענדיג צו איהר, האָט ער אויף איהר אַ קוק געטהון פונדערווייטענס און דאַן ווידעראַמאָל געקוקט. אָבער צוגעגאַנגען צו איהר איז ער נישט.

•

און טאָג-טעגליך נאָכמיטאָג, ווען דער טאָג האָט זיך גענייגט, פלעגט דער כּהן זיך לאָזען אין פעלד אַריין און צוגעהן ביז פאַר דער הערליכער שלאָפקאַמער און דאָרטען שטעהן בלייבען פונדערווייטענס און קוקען. און האָט ער איהר געזיכט דערזעהן, האָט ער אָבגעקעהרט זיין פּנים נאָך הינטען און זיך אַוועקגעדרעהט, און דאַן האָט ער זיך ווידער אומגעקעהרט און אַוועקגעשטעלט, אָבער צוגעהן צו איהר איז ער נישט צוגעגאַנגען.

אין ראש-חודש אדער יום-טוב צי שבת, ווען ער איז געשטאַנען אויף זיין אַמט אין מִשְׁכָּן, פלעגט ער דונערען מיט זיין שטים צום פאָלק און איהם בעפעהלען, אַז „עס זאָל דיין לאַגער הייליג זיין" און וואָר-נען, אַז „ער זאָל ביי דיר קיין שענדליכע זאַך נישט זעהן" — נאָר יע-

דענסמאָל ווען ער האָט אַזוי בעפויהלען אָדער געוואָרענט, פלעגט ער דעם קאָפּ אַראָפּלאָזען צו דער ערד, ווי ער וואָלט זיך געשעהמט פאַר זיך אַליין, און ער האָט דערביי אָבגעזיפצט.

איינמאָל האָט ער זי געפונען הינטער אַ געשטרויך, וואו זי האָט זיך געהאַט בעהאַלטען, און די נאַכט האָט זי איינגעהילט אַרום און אַרום. ער האָט דאַן אַנידערגעקניהט צו איהרע פיס אויף דער ערד און בעקושט דעם זוים ביי איהר קלייד, ווי עס קושט דער קנעכט דעם זוים פונ'ם קלייד פון אַ קעניגין. איז ער דאָך אַנ'אומריינער מענש, מיט אומריינע ליפּען און אַנ'אומריין האַרץ, זי אָבער איז הייליג, הייליג...

און זי האָט אויפגעציטערט מיט אַלע גלידער פון איהר לייב — צום ערשטען מאָל זינט איהר לעבענסטאָג.

צי דאָס איז ער? — ווי דער וויסטער בּאָדען וואָס צווישען פאָרן און תּוֹפֶל האָט זי דאָך געלעכצט צו איהם תמיד.

און די טעג זענען געוועזן וואונדערליכע און די נעכט זענען געוועזן הערליכע, טרוימען און פאַנטאַזיעס מיט אַ זיסער האָפנונג — און דאָך האָט זי האַרט געמאַכט איהר האַרץ צו איהם ווי נאָך צו קיין אַנדערען. וואָס זי האָט נישט פערמיטען פון דעם לעצטען פונ'ם פעבעל, האָט זי פערמיטען פון איהם. נאָר פון איהם אַליין — און זי האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס. אָפטמאָל פלעגט זי אויך אָנשרייען אויף איהם און טיילמאָל זאָגאַר זיך בייזערען און האָט מיט איהם גערעדט תמיד שטרענג — און זי האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס.

און ער פלעגט קומען יעדען טאָג, און יעדען טאָג האָט ער געקניהט פאַר איהר און געקושט דעם זוים פון איהר קלייד און זיינע אויגען האָבּען געגליהט—און זי פלעגט יעדען טאָג אויף איהם אָנשרייען און רעדען מיט איהם האַרב און אָבזאָגענדיג איהם אַוועקשיקען פון זיך. אָבער ביינאַכט, ווען זי פלעגט ליגען מיט געשלאָסענע אויגען אין די אָרעמס פון איינעם פון איהרע ליעבהאָבער, פלעגט זי זעהן נאָר איהם און נאָר וועגען איהם פלעגט זי טראַכטען. זיין שאָטען האָט נישט אָבּגעטרעטען פון איהרע אויגען סיי ווען זיי זענען געוועזן אָפען און סיי ווען זיי זענען געוועזן געשלאָסען.

און איינמאָל האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנד און איהר צוגעשוואוירען אַזויצוזאָגען: די האָר וועט ער אָבגאָלען, און די

הייליגע הויב פון קאָפּ וועט ער אויסטהון און דעם חוֹשֶׁן און דעם אֵפוֹד וועט ער פון זיין לייב אַראָבציהען און ער וועט ווערען ווי איינער פון דעם פאָלק, און דאַן וועט ער אַוועקגעהן פון דער מחנה העט ווייט, אין אַ ווייטען סטעפּ, אין די וויסטעניש, וואו קיין מענשען-פוס האָט נאָך נישט גע־טרעטען, דאָרט וועט ער זיך מיט איהר בעזעצען, און זי וועט איהם אַ ווייב זיין — אָבער דאָסמאָל האָט זיך זיבענפאַך שטאַרקער צעפלאַקערט איהר צאָרן געגען איהם און זי האָט איהם געענטפערט שטרענג און פערביטערט. נאָר זי האָט זיך אליין נישט געשפּירט און האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס. פּלוצ-לינג אָבער האָט זי דערפיהלט: אָט דעם דאָזיגען מאַן האָט זי דאָך ליעב...

און דער יונגער כֹּהֵן קניהט נאָך אַלץ פאַר איהר יעדען טאָג און קושט דעם זוים פון איהר קלייד.

•

אין יענער צייט איז אַ קלאַנג דערגאַנגען קיין עֶצְיוֹן־גֶבֶר, אַז משה האָט אויסגעטיילט דריי שטעדט אויף יענער זייט ירדן צו מזרח-זייט, ענטרינונגס־שטעדט, וואָס זאָלען זיין אַנ׳ענטרינונג פאַר יעדען מער-דער, וואָס ערמאָרדעט אַ מענש אונגערן, אַז ער זאָל אַנטלויפען דאָרט-אַהין פאַר דעם בלוט-מאָהנער פון דעם ערמאָרדעטענס פאַמיליע און זיך דאָרט בעהאַלטען ביז דער כהן-גדול וועט שטאַרבען, און נאָכ׳ן טויט פונ׳ם כהן גדול וועט ער מעגען אַרויס פון דאָרט און דער בלוט-מאָהנער וועט שוין קיינמאָל מעהר נישט האָבען קיין רעכט איהם אָנצוריהרען.

שוין אַרום דריי חדשים האָבען די זקנים פון פאָלק גע-אַרבייט ביים צוגרייטען די דריי אויסגעטיילטע שטעדט און זיי האָבען בעשטימט זייער רעכט. זיי האָבען געמאָסטען מיט שטריק די שטרעקע ביז די שטעדט וואָס אַרום דעם לאַגער, דאַן האָבען זיי געמאָסטען אויסערהאַלב פון די שטעדט, אָנגעצייכענט די גרעניצען, מאַרקירט די וועגען, און די בעוועגונג איז געוועזען זעהר גרויס. עס זענען זיי אַרויסגעקומען דריי שטעדט: בֶּצֶר אין דער מִדְבָּר, רָאמוֹת אין גִלְעָד און גוֹלָן אין בָּשָׁן. אין יענעם טאָג זענען געקומען די זקנים און מיט זיי אַלע כהנים, אָנגעטהון אין זייערע

דיענסט-קליידער מיט די חושנ'ס און די אֵפוד'ס און די ליינען-הויזען און הויבען און מאַנטלען, און ביים זוים פון די מאַנטלען מילגרוי-מען און גלעקלעך, און דער כהן-גדול איז געגאַנגען אָן דער שפּיץ מיט זיין גרויסען שטאָק אין דער האַנד, און נאָך איהם זענען געגאַנגען די לויים, און נאָך זיי די לויים-שילער, אַלע אָנגעטהון אין די דיענסט-קליידער, און הינטער זיי האָט זיך געצויגען אַ צאָהלרייכע מענגע, מענער און ווייבער און קינדער — אַלע זענען זיי געגאַנגען קיין בֶּצֶר, דען זי איז געווען די ערשטע פון די דריי שטעדט. דאַן האָט דער בעפעהלסהאָבער פון דער מחנה אויפגעפאָדערט די זקנים פון דער שטאָדט אַרויסצוגעהן צו זיי, און עס זענען ארויסגעקומען אַלע זקנים, איינאונזיבעציג אין דער צאָהל, און האָבען זיך אויס-געשטעלט אינ'ם טויער פון דער שטאָדט, און דער כהן-גדול איז אַרויף אויף דער בימה, וואָס מ'האָט צוגעגרייט פאַר איהם, און האָט אויסגעשטרעקט זיין גרויסען שטאָק און נאָך איהם האָבען אויך אויסגעשטרעקט זייערע שטעקענס אַלע כהנים פון אַרום, און דער כהן-גדול האָט ערקלערט די זקנים פון דער שטאָדט דאָס געזעץ פון דער גאַנצער זאַך, וואָס משה האָט געבאָטען צו טהון: — „אויב מיט אַנ'אייזערנער כלי וועט איינער דעם אַנדערען שלאָגען און ער וועט שטאַרבען, איז ער אַ מערדער: טויטען זאָל געטויט ווערען דער מערדער!" — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט זאָגענדיג: „אמן!" — „און אויב ער האָט איהם געשלאָגען מיט אַ שטיין אין האַנד, וואָס מ'קאָן דערפון שטאַרבען, און ער איז גע-שטאָרבען, איז ער אַ מערדער, טויטען זאָל געטויט ווערן דער מערדער!" — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט זאָגענדיג: „אמן!" — „אָדער אַז ער האָט איהם געשלאָגען מיט אַ הילצערנער זאַך אין האַנד, וואָס מ'קאָן דערפון שטאַרבען, און ער איז געשטאָרבען, איז ער אַ מערדער, טויטען זאָל געטויט ווערען דער מערדער, דער בלוט-מאָהנער, ער זאָל טויטען דעם מער-דער; ווען ער טרעפט איהם זאָל ער איהם טויטען!" — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט זאָגענדיג: „אמן!" — און אויב מיט שנאה האָט ער איהם אַ שטויס געטהון, אָדער ער האָט געשליידערט אויף איהם עפּעס מיט אַ כיוון, און ער איז געשטאָרבען, אָדער ער האָט איהם אין פיינדשאַפט געשלאָגען מיט דער האַנד, און ער איז

געשטאָרבען, זאָל געטויט ווערען דער שלעגער, אַ מערדער איז ער!"— און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט זאָגענדיג: „אמן!" — „אויב אָבער... איינער וועט זינדיגען צו ׳ן חבר אונגערן, אויב ער האָט איהם אונגעריכט, אָהן פיינדשאַפט, אָ שטויס געטהון, אָדער ער האָט געשליידערט אויף איהם עפּעס אַ זאַך אָהן אַבזיכט, אָדער מיט עפּעס אַ שטיין, וואָס מ׳קאָן דערפון שטאַרבען, האָט ער געוואָרפען אויף איהם אונגעזעהן, און ייר איז געשטאָרבען, און ער איז איהם נישט געוועזען קיין שונא און נישט אויסען געוועזען זיין בייז, — זאָל די געמיינדע רעטען דעם טויטשלעגער פון דעם בלוט-מאָהנערס האַנד און די געמיינדע זאָל איהם אויפנעהמען אין זייער שטאָדט, אין דער שטאָדט פון זיין ענטרינונג, וואָס ער איז אַהין אַנטלאָפען, און ער זאָל זיצען אין איהר ביז׳ן טויט פונ׳ם כהן-גדול. אַלצדינג, וואָס ער דאַרף, זאָל מען איהם געבען, ברויט צום עסען און וואַסער צו טרינקען און אַ שטוב צום וואוינען, קיין זאַך זאָל איהם נישט פעהלען, און עס זאָל דאָרט זיצען דער אונגערנדיגער מערדער ביז דער כהן-גדול וועט שטאַרבען". — און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענטפערט נאָך איהם אויף אַ קול: „אָמֵן אָמֵן!" — דאַן האָט דער כהן אויפגעהויבען זיינע אויגען צום הימעל און צעשפרייטענדיג די הענד תפילה געטהון. זיין שטים האָט מען נישט געהערט, ווען ער האָט מתפלל געווען, און נאָר זיינע ליפּ׳ען האָבען זיך געשאָקעלט, און ווען ער האָט געענדיגט תפילה טהון, האָבען איהם די יונגע לְוִיִים דערלאַנגט דעם בעקען און דער כהן גדול האָט געשפּרענגט פון דעם בעקען ריינינגונגס-וואַסער אויפ׳ן טויער פון דער שטאָדט אום זי צו הייליגען. און די כהנים האָבען געדעמפט אין די פאַנען, און אַ וואָלקען איז אויפגעגאַנגען און צוגעדעקט די גאַנצע געמיינדע, און די לְוִיִים און לויים-שילער האָבען געזונגען און געשפּיעלט פונ׳ם וואָלקען אַרויס. — דאָסזעלבע האָט מען געמאַכט דער שטאָדט רָאמוֹת אין גִלְעָד און דאָסזעלבע דער שטאָדט גוֹלָן אין בָשָן.

און די מענשען אין עֶצְיוֹן-גבר פון איין עק ביז צום אַנדערען עק האָבען גאַנצע טעג געשמועסט צווישען זיך נאָר וועגען די דריי שטעדט, וואָס זענען אויסגעטיילט געוואָרען פאַר אונגערנדיגע מער-דער. און ווען דאָס פאָלק איז געווען אויפגעלעגט, פלעגען זיי שפּאַ-

סען איינער צום אַנדערען זאָגענדיג: „די דאָזיגע שטעדט וועלען דאָך פריהער פערוויסט ווערען און אָבגעמעקט ווערען פון דער ערד. איידער ס'וועט צו זיי קומען אַ מערדער זיך בעזעצען. זענען דאָך קיין מערדער נישטאָ אין ישראל און וועלען אויך קיינמאָל צווישען איהם נישט זיין".

נאָר אין יענעם טאָג אָוועגדס, ווען אַרום און אַרום איז געווען פינסטער, איז נועה געלעגען אויף איהר געלעגער אין דער שלאָף-קאַמער וואָס אויפ'ן פעלד, און דער יונגער כהן האָט געקניהט צו איהרע פיס אויף דער ערד. ווי אַ הונד איז ער געלעגען און האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. אָבער דאָס מיידעל האָט כמעט קיין בליק נישט געטהון אויף איהם און איהם כמעט נישט בעמערקט. ווי פערחלומט איז זי געווען און איהר געמיט האָט געשוועבט אין דער ווייטעניש. פלוצלינג האָט זי זיך אויפגעכאַפּט. דאַן האָט זי געזאָגט צו איהם מיט אַ לייכטען שמייכעל, און איהר שטים האָט דערביי עטוואָס געציטערט: „זעה, איך ווייס, ווער עס וועט זיין דער ערשטער מערדער, וואָס וועט קומען זיך בעזעצען אין איינער פון די ענטרינונגס-שטעדט: דאָס וועט געוויס זיין דער, וואָס וועט מיך הרג'ענען, אָדער איך וועל איהם הרג'ענען און דאַן וועל איך זיין די ערשטע צום ענטרינען ווערען דאָרט אַהין..." דערויף האט זי זיך צעלאַכט אויף אַ קול און איז ווידער געוואָרען זעהר לוסטיג און פרעהליך, נאר פלוצלינג איז זי ענטשוויגען און האט מעהר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

און דער יונגער כהן האט געוואַרט ביז שפעט און דאַן האט ער זיך אויפגעהויבען און איז לאַנגזאַם אַוועק — אבער זיינע קניה האבען שטאַרק געציטערט און געהענדיג, האט ער זיך געוואַקעלט ווי אַ שיכור.

*

עטליכע טעג האָט מען דעם כהן נישט געזעהען אין דער גאַנצער מחנה, און דאַן האָט ער אין איניגע טעג אַרום ווידער פערקעהרט צו דעם מיידעל. צום לעצטען מאָל איז ער געקומען, אָבער זי האָט איהם נישט דערקענט: די קרוין פון זיין קאָפּ האָט ער אַראָבגענו-

מען, זיינע האָר זענען געווען אָבגעגאָלט, און די הייליגע טראַכט האָט ער אויסגעטהון, דעם מאַנטעל און דעם אֵפוֹד און דעם גאַרטעל. אַ געוועהנליכען וואַכעדיגען כאַלאַט האָט ער געטראָגען אויפ׳ן לייב און אַ טורבאַן אויפ׳ן קאָפּ, און זיין פּנים איז געוואָרען זיבענמאָל בלאַסער ווי פריהער. און דאָס גאַנצע פאָלק אַרום האָט גערעדט וועגען איהם און אויף איהם געטייטעלט מיט די פינגער, און די אויפרעגונג איז געווען זעהר גרויס, דען עס האָט נאָך אַזעלכעס נישט פּאַסירט זינט עס זענען געווען כּהנים ביי יודען, אַז אַ כּהן זאָל פערשוועכען זיין קרוין. אָבער ווען דאָס מיידעל האָט איהם דערזעהן, האָט זי איהם אויסגעלאַכט און מיט אַנ׳ענטשלאָסענער שטים און דייטליכע ווערטער האָט זי צו איהם געזאָגט: „איך וועל דיר קיינמאָל קיין ווייב נישט זיין, און דו זאָלסט עס וויסען.״ — ער האָט דאָס אויסגעהערט, און קיין וואָרט נישט זאָגענדיג, איז ער אַ רוהי־גער און מיט זיכערע טריט אַוועק פון איהר.

אין יענער נאַכט האָט נוֹעה איהר געלעגער נישט בעשטיגען. ביז צום בעגינען האָט זי געוואַנדערט אין פעלד, איינזאַם און עלענד. „איך קאָן דאָך נישט, איך קאָן נישט... איך האָב שוין קיין זאַך נישט מעהר איהם צו געבען אויסער מיין פעראומרייניגט לייב — און דאָס קאָן איך איהם נישט און וועל איהם קיינמאָל נישט געבען. ער איז פאַר מיר הייליג אויך ווען ער האָט אויסגעטהון זיין קרוין, און הייליג וועט ער מיר בלייבען אייביג...״

און אין דער דאָזיגער נאַכט האָט דאָס מיידעל צום ערשטען מאָל אין איהר לעבען געוויינט.

ווי אַ פרוי, וואָס וואַרט אויף די עפענונג פון איהר טראַכט, אַזוי האָט זי געוואַרט אויף די דאָזיגע ערשטע טרעהר. צעהן יאָהר, פופצעהן יאָהר האָט זי געוואַרט, און אָט איז זי ערשט געקומען. דאַן האָט זי אַרומגענומען אַ פּלוצלינגע רוה, וואס נאָך קיינמאָל האָט זי אַזעלכע נישט געקענט.

פריהמאָרגענס אָבער איז אָנגעקומען די נאַכריכט, אַז מען האָט פונ׳ם טייך זֶרֶד אַרויסגעצויגען אַ טויטען מענשען־קערפּער, און מ׳האָט דערקענט, אַז דאָס איז דער קערפּער פון דעם יונגען כּהן. ווען נוֹעה האָט דאָס דערהערט, האט זי בלויז אַרויסגערעדט

די ווערטער: „איך האב איהם דערהרג׳עט״ — און דערויף איז זי פערשוואונדען און עס האט זי קיין מענש מעהר נישט געזעהן. טעג און וואכען לאַנג האט זי קיינער נישט געזעהן. צווישען די בערג, אין די וויסטעניישען פון דער פירכטערליכער מדבר, וואו עס האָט נאך קיין מענשען-פוס נישט געטרעטען, האט זי אַרומגעבלאָנדזשעט אַליין טאג און נאַכט, און אויף איהרע ליפען זענען געווען נאָר די ווערטער: „איך האָב דאָך נישט געקאָנט, איך האָב נישט געקאָנט״. און אַז זי האָט זיך אין זעקס וואָכען אַרום אומגעקעהרט קיין עֶצְיוֹן-גֶבֶר, האָט זי קיין מענש מעהר נישט דערקענט. איהר שטאָלצער רוקען איז געווען געבויגען ביז דער העלפט און פון איהר אַמאָליגער שעהנער געשטאַלט איז שוין גאָרנישט געבליבען.

און אַז ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט, האָט זי צעריסען אַלע איהרע קליידער און בונטע געוועבען און קאָסטבאַרקייטען, נישט אי־בערלאָזענדיג קיין גאַנצען פאָדים, און וואָס עס האָט זיך נישט גע־לאָזט צערייסען אָדער פערברענען, האָט זי געוואָרפען אין וואַסער אַריין.

און אין זעקסטען חודש, אינ׳ם ערשטען טאָג פון דעם חודש, אין פערציגסטען יאָהר זינט די בְּנֵי-יִשְׂרָאֵל זענען אַרויס פון מצרים, איז געקומען אַ באָרוועס און אָבגעריסען מיידעל ביז פאַר׳ן טויער פון דער שטאָדט בֶּצֶר און געקלאַפּט אין טויער:

— „נעהמט מיך אויף. איך האָב אַ מענש ערמאָרדעט אונגערן...״

די זקנים פון בֶּצֶר האָבען זיך דערשראָקען און זיי זענען אַלע געקומען און געקוקט. אָט איז דער ערשטער „מערדער״! און זיי האָבען אויפגענומען דאָס מיידעל און איהר געגעבען אַ פּלאַץ צו וואוי־נען צווישען זיי. אין דער הויפּט-גאַס פון דער שטאָדט, וואו עס איז די גרעסטע בעוועגונג, האָבען זיי איהר דעם פּלאַץ בעשטימט. דאָס מיידעל אָבער האָט זיך ביי זיי געבעטען, אַז מ׳זאָל איהר גע־בען עפּעס אַ פערוואָרפען ווינקעל, ווייט פון מענשען, אַז זי זאָל קיין מענשען-געזיכט פאַר די אויגען נישט אָנזעהן. דאַן האָט זי זיך פערשטעקט אין אַ הינטער-שטוב און איז מעהר אין דרויסען נישט אַרויס.

און די ווייבער האָבען איהר יעדען טאָג געבראַכט ברויט און פרעסטע פייגען און וואַסער, אַז זי זאָל זיך דערמיט דאָס האַרץ

אונטערלעהנען, זי אָבער האָט גאָרנישט געגעסען אויסער אַ שטיקעל טרוקען ברויט.

און די מוטער פונ'ם כהן-גדול פלעגט איהר ברענגען געשמאַ-קע און פעטע עסענוואַרג און איוועז-געבעקס, וועלענדיג איהר גוטס טהון, אום זי זאָל נישט בעטען אויפ'ן טויט פונ'ם כהן-גדול — אָבער דאָס מיידעל האָט שטיל געלאַכט, ווען זי האָט דאָס געהערט, און האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

און ווי מערקווירדיג: זאָגאַר ווען דער כהן-גדול איז גע-שטאָרבען און מ'האָט איהר געעפענט דאָס טויער אַרויסצוגעהן, איז דאָס מיידעל נישט אַרויס. זי איז געבליבען וואוינען אין בֶּצֶר, אין דער ענטרינונגס-שטאָדט, ביז איהר טויט, און זי איז דאָרט געשטאָר-בען און דאָרט בעגראָבען געוואָרען.

דער האלץ־קלויבער

מיין מאַמע האָט עס איבערגענומען פון איהר מאַמע, איהר מאַמע פון דער באָבע, די באָבע פון דער עלטער-באָבע, אַ דור פון אַ דור — און מיין מאַמע האָט עס איבערגעגעבען צו מיר.

געווען איז עס אין דער מדבר פּאַרן אינ׳ם ערשטען יאָהר נאָכדעם ווי די קינדער פון ישראל זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, אינ׳ם אַכ־טען חודש פון יענעם יאָהר, דענסמאָל ווען די מחנה איז געלעגען צע־שפּרייט איבער דעם גאַנצען גאָלען סטעפּ, נאָכדעם ווי זיי זענען געקו־מען פון תבערה און האָבען גערוהט אין געצעלטען און אין פלעכט-הייזלעך האַרט ביי קָדֵש, אַנטקעגען דעם אָנבליק פון דער ווילדער וויסטעניש; — דענסמאָל איז געווען צווישען די אַרויסגעגאַנגענע איינער פון נידעריגען פאָלק, פון יענע מענשען, וועלכע האָבען געאַרבייט אין רַעְמְסֵס אויף דער מויער, מיט׳ן נאָמען גוג דער זוהן פון בֶּכֶר, אַ גרוי־סער, גרויסער אָרימאַן, וועלכער האָט פערמאָגט נאָר אַ קראַנק ווייב און פיער קליינע קינדער, און געוואוינט האָט ער אין אַ קליין פלעכט-הייזעל, וועלכעס ער האָט זיך אַליין אויפגעשטעלט, דען ער איז געווען אַ טיש־לער. אָבער איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג איז דער דאָזיגער מאַן אַרויסגע־גאַנגען פון דער מחנה דעם פעלד צו, און האָט זיך נישט מעהר צוריק־געקעהרט צו דער מחנה דעם גאַנצען טאָג. אין דער פאַרנאַכטיגער שעה, ווען די טונקעלהייט האָט אָנגעהויבען ביסלעכווייז אויפצושטייגען און האָט געלעקט דעם שטויב פון דער ערד און איז ביסלעכווייז געקראָכען הע־כער און העכער אויף די ווענד פון די פעלזען, און פון דער שטילקייט אַרויס האָט זיך געהערט פונדערווייטענס דאָס געזשום פון אַ וועספּ, וועלכע איז געפלויגען, דענסמאָל איז דאָס קליינע מיידעלע פון יענעם מאַן געשטאַ־נען פאַר דער טיר פונ׳ם פלעכט־הייזעל, אַ קינד פון אַ יאָהר פיער, יַעֲקֹבָה האָט זי געהייסען, און זי האָט געקוקט און געקוקט אַרויס אויף

די שטעגען, דאָרט וואו זיי שיידען זיך, און האָט געוואַרט אויפ'ן פאָ-
טער, און ווי זי האָט געזעהן, אַז ער קומט נישט, האָט זי פּלוצלינג
אָנגעהויבען הויך צו וויינען...

און געווען איז עס אין דער צייט פון דער נייער כהנים-הער-
שאַפט, וועלכע איז ענטשטאַנען אָט דאָ ערשט מיט עטליכע חדשים צו-
ריק אין דער געגענד פון באַרג סיני, און די דאָזיגע כהנים-הערשאַפט
האָט זיך נאָך געשאָקעלט און געוואַקעלט און איז פעסט נאָך נישט גע-
שטאַנען. אַ גאַנצע עדה כהנים און הויפּטלינגע און בעפעהלסהאבער און
אויפזעהער האָבען געאַרבייט גאַנצע טעג און האָבען געזוכט מיטלען צו
בעפעסטיגען זי און זי קרעפטיג אָוועקצושטעלען. צייכענס האָבען זיך בע-
וויזען און וואונדער זענען געשעהען אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד,
אום דאָס פאָלק דערמיט צו נעהמען — אָבער דאָס פאָלק איז געשטאַנען
פונדערווייטענס און האָט געצויגען מיט די פּלייצעס. געזעצען זענען
געגעבען געוואָרען און בעפעהלען זענען געבראַכט געוואָרען אויף שטיי-
נערנע טאָוולען פונ'ם הימעל, אום דאָס ניי-געבאַקענע פאָלק אָבצושיי-
דען פון די אַנדערע פעלקער און אום שטרענג אָבצוגרעניצען זיי פון
די איבעריגע — אָבער דאָס פאָלק האָט אַ מינוט זיך צוגעהערט, און
שוין אַ מינוט שפּעטער האָט עס ווידער אַלץ געהאַט פערגעסען. פער-
שפּרעכונגען זענען געגעבען געוואָרען און שעהנע רייד, גוט און זיס,
האָבען זיך געלאָזט הערען, אום דעם פאָלק האָפנונגען צו געבען אויף
אַ שפּעטערע צוקונפט — אָבער דאָס פאָלק האָט זיך אַ מינוט איינגע-
הערט און איז געשטאַנען פונדערווייטענס און האָט נישט געגלויבט.
דאַן האָט מען מיט אַ גאַר נייעם וועג געפּרובט: מיט אַ שטאַרקער
פויסט און מיט אייזערנע ריטער און מיט שווערע שטראָפען — און אַ
געמערמעל ווי דאָס מערמלען פון אַ ווילד געוואָרענעם טייך איז דורכ-
געפאָהרען די גאַנצע מחנה פון עק ביז עק.

פון עק מחנה ביז עק מחנה זענען אַרומגעוואַנדערט די כהנים
און די לויים, און אויך די אויפזעהער, וועלכע האָבען די מאַכט געהאַט
אין זייערע הענד, און פאַר יעדער שוועל און נעבען יעדער הויז, אויף
בערג און אויף בערגלעך, האָבען זיי טאָג-טעגליך נייע אויסרופונגען
ועגען נייע געזעצען געלאָזט הערען. אָבער נאָך איז דאָס פאָלק געווען
פריי ווי דער שטורם אין דער מדבר, אונגעבענדיגט און נישט געפּרובט

נאָכצוגעהן אין עפּעס אַ יאָך, און די רייד זענען נאָר דערגאַנגען ביז צום אויער און האָבען דאָס אינערליכע נאָך גאָרנישט בעריהרט.

און אָט פּלוצלינג אַ ניי געזעץ: — „זעקס טעג זאָל געטהון ווערען אַרבייט און אין זיבעטען טאָג זאָל אייך זיין הייליג דער שבת, אַ רוה־טאָג, אַ גרויסער רוה־טאָג פאַר גאָטס וועגען, ווער עס וועט טהון אין איהם אַרבייט, דער וועט ווערען געטויט". — גע-טויט?! — דאָס פאָלק האָט געהערט און געלאַכט.

אַ יונג כּהנ׳דעל, ביי וועלכען דאָס זאַלבונגס-אייל איז נאָך נישט גע-ווען אָבגעטרוקענט פונ׳ם לעפּעל פון זיין רעכט אויער און פון דעם גראָבען פינגער פון זיין רעכטער האַנד און פונ׳ם גראָבען פינגער פון רעכטען פוס, האָט ביים אויסרופען נאָך צוגעלעגט עטליכע ווערטער און האָט געזאָגט: „איהר זאָלט נישט אָנצינדען קיין פייער אין אַלע אייערע וואוינערטער אין טאָג פון שבת". נאָך איהם איז אויפגעשטיגען אַ שווער-פליישיגער און דיק-בויכיגער כהן מיט אַ קאָפּ-באַנד אויפ׳ן קאָפּ און מיט אַ שטערען-פּוץ אויפ׳ן שטערען, און אויפ׳ן לייב האָט ער געהאַט אַ גאָלד-גע-שטיקט העמדעל מיט קוואַסטען ביי די עקען, און גערעדט האָט ער מיט זיין טיעפער באַס-שטימע און האָט געזאָגט: „אָבער מיינע שבתים זאָלט איהר אָבהיטען, דען עס איז אַ צייכען צווישען מיר און צווי-שען אייך אויף אייערע דורות אַרויס, אום צו וויסען, אַז איך בין אייער הערר, וועלכער הייליגט אייך — ווער עס וועט איהם פער-שוועכען, דער זאָל געטויט ווערען: דען ווער עס טהוט אין איהם איין ארבייט, זאָל יענס נפש פערשניטען ווערען פון זיין פאָלק — איטליכער, וועלכער טהוט איין אַרבייט אין טאָג פון שבת, טויטען זאָל ער געטויט ווערען" — און דאָס פאָלק האָט עס געהערט און האָט נישט געגלויבט. ווער זאָל געטויט ווערען? ווער וועט טויטען? און פאַרוואס?

און עפּעס איינער פון די יונגע לֵוִיִים, אַ זעהר איידעלער און זעהר פיינער, מיט זעהר ווייסע נעגעל אויף די פינגער פון זיינע שעהנע הענד און מיט אַ שווערען האָר-געפלעכט ווי אַ בלאָנדער וואַלד אויף זיין קאָפּ, האָט זיך אַוועקגעשטעלט און האָט נאָך צוגע-לעגט — „און אבהיטען זאָלען די קינדער פון ישראל דעם שבת — צווישען מיר און צווישען די קינדער פון ישראל איז עס אַ צייכען אויף

אייביג. אַז זעקס טעג האָט דער הערר געמאַכט דעם הימעל און די ערד און אין זיבעטען טאָג האָט ער גערוהט". — דאָס פאָלק האָט געצויגען מיט די פּלייצעס און איז זיך צעגאַנגען.

און אָט האָבען זיי איינמאָל — אַ שבת איז עס געווען — גע־פונען אויפ'ן פעלד איינעם, אַ מענש, וועלכער איז געשטאַנען איינ־געבוקט, און האָט געהאַט דעם אָנבליק פון אַ מענשען, וואָס זוכט אויף דער ערד אַ זאַך, וועלכע איז איהם פערלוירען געגאַנגען. אין דער דאָזיגער מינוט האָט דער מאַן גראָד אויפגעהויבען אַביסעל דעם קאָפּ. דאָס פּנים איז געווען זעהר בלאַס און די באַקען איינ־געפאַלען, אָבער די ליפּען זענען געווען בלוי. ווי זיי זענען נעהנ־טער צו איהם צוגעקומען, האָבען עטליכע פון זיי איהם דערקענט און האָבען געזעהען, אַז עס איז גוג, בֶּכֶר'ס זוהן, דער טישלער. אָבער שוין אַ מינוט שפּעטער האָט דער מאַן זיך ווידער אַראָבגעבויגען צו דער ערד. דאָ האָבען זיי דערזעהען, אַז ער קלויבט־אויף פון דער ערד שפּענדלעך האָלץ — און זיי האָבען איהם אַ נעהם געגעבען פעסט.

גוג האָט נישט פערשטאַנען, וואָס זיי ווילען פון איהם, דעם קאָפּ האָט ער כמעט נישט אויפגעהויבען, און נאָר מיט די ליפּען האָט ער שטיל און אונגעדולדיג געמאַכט:

„ברידער, לאָזט אָב, שטערט מיר נישט. די צייט איז זעהר קורץ. און די פּאָר שפּענדלעך האָלץ האָב איך היינט זעהר און זעהר נויטיג...

די שטים איז געווען ווי פון אַ זעהר דערשלאָגענעם און צע־בראָכענעם מענשען... כמעט אַז זי האָט גערירט די מענשען, וועל־כע האָבען זי געהערט און זיי האָבען רחמנות בעקומען.

„אָבער שבת איז דאָך היינט!"—האָבען די מענשען אויסגערופען.

גוג האָט געהערט און האָט נישט פערשטאַנען. דאָס דאָזיגע וואָרט איז איהם עטליכע מאָל שוין אויסגעקומען צו הערען אין די לעצטע וואָכען, נאָר וואָס עס בעדייט האָט ער שוין ווידער געהאַט פערגעסען און האָט עס נישט מעהר געוואוסט. און אָט האָט ער צונויפגעצויגען דעם שטערען אין קנייטשען און איז געשטאַנען.

ווען זיי האָבען איהם אַוועקגעפיהרט פונ'ם פעלד צום פאָרהויף פאַר'ן אוהל־מועד האָט ער נישט אויפגעהערט צו שטוינען קיין איינציגע

מינוט. פאַרוואָס פיהרען זיי איהם עפּעס דאָ אַהער צום פּאָרהויף, און ער בעדאַרף דאָך גאָר זיך אומקעהרען אַהיים אויף דער גיך צו זיין קראַנק ווייב און צו די קראַנקע קינדערלעך, וועלכע וואַרטען אויף איהם איגדערהיים? — אין אַ ווינקעל פונ'ם אינעווייניגסטען הויף האָט ער דערבליקט צוויי יונגע קיה, וועלכע זענען געשטאַנען צוגע-בונדען צו די האָרען-שפּיצען פון מזבח און האָבען געוואַרט אויפ'ן כהן, וועלכער וועט קומען און וועט זיי אָפּפערען אויפ'ן מזבח מיט'ן אויפגאַנג פון דער אָפּפער-גאָב און פון זייער בלוט וועט ער שפּרענ-גען אויף די האָרען-שפּיצען זיבען מאָל. די קיה זענען געשטאַנען אָהן אַ שום זאָרג. עטליכע זונען-שטראַהלען האָבען זיך פּערכאַפּט צווישען זייערע הערנער און האָבען געטאַנצט און האָבען בעדעקט זיי מיט בליצענדיג גאָלד, און די קיה האָבען אַזש געמעקעט פאַר נחת. דאַן האָט זיך דאָס טאַנצעדיגע גאָלד פערכאַפּט אויך ביי גוג'ס קאָפּ און האָט זיך געשפּיעלט אויף זיינע האָר.

*

אַ וואָלקען איז געלעגען אויסגעגאָסען איבער דעם פּאָרהויף פאַר'ן אוהל-מועד, דענסמאָל ווען די מענשען זענען מיט גוג דעם זוהן פון בֶּכֶר אָנגעקומען פונ'ם פעלד, און אין דעם הייזעל ביים איינגאַנג אינ'ם פּאָרהויף זענען געזעסען עטליכע יונגע אויפזעהער און עטליכע יונגע בעפעהלסהאָבער און עטליכע יונגלעך-שרייבערס און עס איז זיי אַ פּנים נישט געווען גאַנץ רעכט, וואָס מען האָט זיי פּלוצלינג געשטערט. שווער און פויל האָבען זיי אָנגעהויבען זייער אויספרעגעניש: — „ווי הייסטו?" גוֹג האָט געענטפערט. — „מיט וואָס בעשעפטיגסטו זיך?" גוֹג האָט געענטפערט. — „פון וואָס פאַר אַ שטאַם ביזטו?" דעם שטאַם האָט גוֹג דער זוהן פון בכר אין דער דאָזיגער מינוט גראָד געהאַט פּערגע-סען. דאַן האָט ער געקלערט און געקלערט און מיט גרויס אָנשטרענ-געניש האָט ער זיך דערמאָהנט, און גאַנץ שטיל האָט ער גע-ענטפערט: „פונ'ם שטאַם זבולון". אָבער ביי זיך אין האַרצען האָט ער זיך שטאַרק געוואונדערט: „צו וואָס מוזען דען די דאָזיגע מענשען דאָס אַלץ דורכאויס וויסען? — באַלד דערויף

האָט מען זיך אָבער צו איהם שוין ווידער געווענדעט און איהם גע־פרעגט: „ביי וואָס האָבען זיי דיך געכאַפּט און וואָס איז דיין פער־ברעך?" אָבער דערויף האָט נישט דער טישלער געענטפערט, נאָר די מענשען, וועלכע האָבען איהם געטראָפען אויפ'ן פעלד ביים קלויבען האָלץ אום שבת, האָבען געענטפערט אָנשטאָט איהם. די בעפעהלסהאָ־בער, הערענדיג די דאָזיגע קלייניגקייט, האָבען זיך געוואונדערט און האָבען זיך איבערגעקוקט איינער מיט דעם אַנדערען. זיי האָבען קיין שום פערברעך דערביי נישט געזעהען. אָט דאָ ערשט מיט וואָכען אָדער מיט אַ חודש צוריק האָבען זיי אַליין אָדער זייערע ברידער און זייערע טאַטעס דאָסזעלבע געטהון, און קיין זינד איז עס נישט גע־ווען. זיי האָבען אויף די אויפזועהער אָנגעשריגען, ווייל זיי האָבען אַ מענשען אומזיסט בעלעסטיגט און די בעפעהלסהאָבער האָבען זיי בע־מיהט פאַר גאָרנישט, און גוג'ן האָבען זיי געהייסען געהן. גוג האָט זיך אויפגעהויבען און איז געגאַנגען. קוים איז ער אָבער געווען אויפ'ן הויף, נאָך איידער ער האָט פערלאָזט דעם פאָר־פּלאַץ, איז מען איהם שוין נאָכגעלאָפען און מען האָט איהם געהייסען זיך אומקעהרען. אַנ־אַנדער ווינטעל האָט פלוצלינג אַ בלאָז געטהון ביי יענע דאָרט אינ'ם הייזעל. עפּעס איינער פון די בעפעהלסהאָבער האָט אַ מינוט געצויגען מיט די פּלייצעס, דען ער איז פלוצלינג אונזיכער געוואָרען. ווער ווייסט? אפשר איז עס פאָרט נישט רעכט, אַ געכאַפּטען צו לאָזען גלאַט אַזוי לויפען. אפשר וועט עס זיין בעסער, דערמיט נאָך צו וואַרטען אַבי־סעל, ביז דער אויבער־כהן אָדער דער וויצע־אויבער־כהן וועט קומען און וועט ערקלערען, וואָס עס איז צו טהון, און דערווייל וועט מען דעם מענשען איינזעצען אין דער וואַך. יעדענפאַלס איז דאָך געזעצליך די פראַגע נאָך נישט פעסט אַוועקגעשטעלט געוואָרען, וואָס אייגענטליך האָט צו געשעהן מיט אַ מענשען, וועלכער האָט געקליבען האָלץ אום שבת.

און אַזוי האָט מען גוג'ן אַוועקגעפיהרט אין דער וואַך אַריין. און גוג איז געווען מיעד און אָבגעהעצט און האָט נישט געוואוסט, וואָס מען וויל דאָ פון איהם און איז געזעסען און האָט געוואַרט און איז ענטשלאָפען געוואָרען.

*

אין מיטען נאַכט האָט מען איהם אויפגעוועקט פלוצלינג. פאַקעלען

זענען געווען אַריינגעשטעקט אין לעכער און אין שפּאַלטען פון די ווענד און האָבען בעלויכטען דאָס זיילען־געבוי אינ׳ם פאָרהויף פאַר׳ן אוהל־מועד. אויף די פעל, וועלכע זענען געלעגען אויסגעשפּרייט אויף דער ערד, זענען געזעסען אַרום און אַרום מענשען מיט ערנסטע פּנים׳ער, מיט צאַרניגע אויגען און מיט אַ פינסטערען אָנבליק — און אַ גרויסע שרעק איז אָנגעפאַלען אויף גוג׳ן. אין דער מיט האָט ער געזעהן דעם אויבער־כהן, אָנגעטהון דאָס כהונה־קלייד מיט אַלע שלייפען און בע־פוצונגען, און די ברעמען איבער זיינע אויגען זענען געווען מאָדנע ברייט און מאָדנע פינסטער, און נאָר געקוקט האָט ער מיט זיינע שאַרפע שפּיציגע אויגען און גערעדט האָט ער קיין וואָרט נישט.

דאָס אויספרעגען האָט זיך אָנגעהויבען:

און נאָכאַמאָל: „ווי הייסטו?", „פון וואָס פאַר אַ שטאַם ביזט דו?" און „וואָס איז דיין בעשעפטיגונג?" — אָבער דאָסמאָל האָבען זיינע ביינער מאָדנע געציטערט ביי איטליכען וואָרט, וואָס ער איז געפרעגט געוואָרען.

און ווען זיי האָבען איהם געפרעגט, ווי האָט ער געקאָנט אַזאַ פערברעכען טהון, צו קלויבען האָלץ אויפ׳ן פעלד אום שבת, האָט ער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זוכען ביי עמיצען הילף. ער האָט נישט אינ׳ם מינדעסטען פערשטאַנען, וואָס ווילען זיי פון איהם און פאַרוואָס דאַרף אַ מענש נישט געהן אין פעלד אַריין קלויבען האָלץ און ווי אַזוי איז עס אַ פער־ברעכען, ווען ער האָט עס געקליבען אום שבת. דעם שבת האָט ער נאָך גאָרנישט געקענט. אַ מינוט איז ער געשטאַנען אַ דערשראָקענער.

„אָבער!" — האָט ער געפרובט ענטפערען — און פּלוצלינג האָט ער אָבגעהאַקט און האָט געשוויגען.

דאַן האָט ער זיך געשטאַרקט. ווי ער וואָלט רעדען צו זיך אַליין, האָט ער גאַנץ שטיל געשעפּטשעט, אַז מען האָט איהם כמעט נישט גע־הערט: — מיין ווייב איז קראַנק, פיער קינדער האָב איך, און דריי פון זיי זענען קראַנק. שוין עלף טעג זענען זיי קראַנק. אינ׳ם הויז האָב איך דאָס מינדעסטע נישט. די שכנים זאָגען: ס׳איז „חַרְחוּר" — די ברען־קראַנהייט. די גאַנצע נאַכט בין איך ביי זייער געלעגער געזעסען. איך האָב געקוקט אויף די גליהענדיגע

ליפּען און די גליהענדיגע אויגען און ווי דאָס פייער פלאַקערט אין זייערע ביינער, איך האָב געמיינט, אז אָט אָט ווערען זיי פערברענט. און די שכנים זאָגען: אַביסעל וואַרים וואסער און אַביסעל אַזוב גע-קאָכט אויף וואַסער מוז מען זיי דערלאַנגען. אַזוב האָב איך געפליקט פון די שפּאַלטען אין די ווענד, אָבער האָלץ אויף צו קאָכען האָב איך נישט געהאַט. אַ טישלער בין איך, אָבער האָלץ האָב איך נישט געהאַט. דאָ בין איך אַרויס אין פעלד, אום צו קלויבען אַ פּאָר שפּענדלעך האָלץ פאַר׳ן ווייב מיט די קינדער, אָבער די מענשען אויפ׳ן פעלד זענען שלעכט און האָבען מיך נישט געלאָזען קלויבען...

דאָ איז דער ריכטער דערצערענט געוואָרען: — ווען עמיצער איז קראַנק, רופט מען דעם כהן...

גוג האָט דערויף נישט געענטפערט. ער האָט נאָר דאס איינע גע-וואוסט, אַז פאַר אַ כהן האָט ער מורא. בלויז ווען ער הערט דעם נאָ-מען כהן, שרעקט ער זיך אַביסעל. און נאָך דערצו, ווען עס געפינט זיך אַ קראַנקער אין הויז. מען זאָגט: ווען אַ כהן קומט צו אַ קראַנקען אין הויז אַריין, האָט ער דאָס רעכט פונאַנדערצוגעהמען די בוי-שטיינער און די געפלעכטען פון די ווענד און זיי אַרויסצוואַרפען פון דער אַנ-דערער זייט פון דער מחנה, און דאַן קראַצט ער אַוועק אַלץ אַרום דעם הויז און די אָוועקגעקראַצטע ערד שיט ער אויס אויף אַנ׳אומריינעם אָרט, און אָפט צעלעגט ער דאָס גאַנצע הויז און צעשטערט עס. אַ שרעק האָט אַרומגעכאַפּט גוג׳ען, ווען ער האָט זיך אָן דעם אלעם דערמאָהנט. אַלצדינג איז ער גרייט צו טהון, און נאָר מיט די דאָזיגע לייט וויל ער נישט האָבען קיין שום עסקים. עלף טעג האָט זיך זיין ווייב אַרומגע-וואָרפען אויף איהר געלעגער און האָט געקרעכצט און געזיפצט און גע-אויקעט, און די קינדער זענען געלעגען שטיל מיט דעם בראַנד-פייער אין די ביינער, אַז די צונג אין מויל איז אַזש טרוקען געוואָרען, און דעם כהן האָט ער נישט גערופען — אָבער דאָס אַלץ קאָן ער זיי דאָך דאָ נישט זאָגען.

און גוג האָט געשוויגען און האָט נישט געענטפערט.

דאָס אויספרעגען האָט זיך געענדיגט. גוג האָט אָבגעאָטעמט. אָט וועט ער באַלד זיך אומקעהרען אַהיים צו זיין ווייב מיט זיינע קינ-דער. אפשר וועט ער נאָך קאָנען זיך אַרויסכאַפּען אויף אַ מינוט אויך

אין פעלד אַריין, אום צו נעהמען דאָס ביסעל שפענדלעך, וואָס ער האָט אָנגעקליבען, און וועלכעס ער האָט געלאָזט ליגען אויפ'ן פעלד, ווען יענע לייט זענען אָנגעקומען און האָבען איהם צוגענומען.

נאָכדעם ווי מען האָט איהם אַרויסגעפיהרט פונ'ם ויילען-געבוי, האָט זיך אָנגעהויבען די בעראַטונג פון די ריכטער. דער ערשטער האָט גערעדט דער פאָרזיצענדער: — איך גלויב, אַז מיר דאַרפען דעם דאָזיגען שלימזל לאָזען לויפען, אַ לויתן האָבען מיר דאָסמאָל אינ'ם נעץ נישט אַרויפגעצויגען.

און אויך די אַנדערע האָבען צוגעשטימט דערצו.

דאָ אָבער האָט זיך אַ הויב געטהון פון זיין אָרט דער אויבער-כהן, פִּינְחָס דער זוהן פון אֶלְעָזָר. די ברעמען איבער זיינע אויגען זענען צווייִמאָל אַזוי ברייט געוואָרען, ווי זיי זענען געוועזן, און דער בליק איז געוועזן מאָדנע פינסטער.

„ניין!" — און דאָס דאָזיגע וואָרט האָט ער נישט גערעדט, נאָר געשריגען. דאָס וועלען מיר נ י ש ט טהון! דאָס וועל איך אייך נישט לאָזען טהון! עס איז גאָט'ס שבת — און איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוזען מיר אַ מעשה אָבטהון, כדי דאָס גאַנצע פאָלק אַרום זאָל עס ענד-ליך וויסען, און וויסען זאָל עס, וואָס שבת בעדייט און ווי וויכטיג ער איז אונז! דעם דאָזיגען מענשען מוזען מיר פאַר אַ ביישפּיעל געבען, אַ בעווייז און אַ צייכען פאַר אַלע ווידערשפעניגע, כדי דאָס פאָלק פון איין עק מחנה ביז צום אַנדערען עק זאָלען עס הערען און זאָלען זיך פאָרכטען און זאָלען זיך נישט דערוועגען מעהר אַזעלכעס צו טהון. דער דאָזיגער מענש מוז געטויט ווערען... גאָט וויל עס!".

די איבעריגע ריכטער האָבען זיך פערוואונדערט איבערגעקוקט איי-נער מיט'ן אַנדערען — אַ מינוט שפּעטער אָבער האָבען זיי שוין צוגע-שטימט צום אויבער-כהן.

און פינחס דער זוהן פון אלעזר דעם כהן האָט זיך רוהיג אויפ-געשטעלט און האָט אַראָבגעזאָגט דעם שפּרוך פון געריכט:

„אין גאָט'ס נאָמען און אין משה'ס נאָמען! — אינ'ם אַכטען חודש, דעם פערצעהנטען אין איהם, אינ'ם ערשטען יאָהר פון דער כהנים-הערשאַפט זענען מענשען געקומען אויפ'ן פעלד, און אָט זענען זיי עדות, אַז זיי האָבען געפונען דעם טישלער גוֹג דעם זוהן פון בֶּכֶר, פונ'ם שטאַם

זבולון, קלויבענדיג האָלץ אויף דער ערד, און דער טאָג איז געווען אַ שבת-טאָג. און זיי האָבען איהם פעסטגענומען און האָבען איהם געבראַכט צום פאָרהויף, דעם פאָרהויף פון משה און אהרן, און האָבען אויף איהם עדות געזאָגט, אַז דאָס און דאָס האָט ער געטהון: דעם שבת האָט ער פערשוועכט, וואָס גאָט האָט געזאָגט, דו טאָרסט איהם נישט פערשוועכען, דען אַ צייכען איז ער צווישען מיר און צווישען דיר אויף אייביג; ער האָט אין איהם אַנ'ארבייט געטהון, וועלכע טאָר נישט געטהון ווערען, דען ער האָט געקליבען האָלץ אויפ'ן פעלד, און פאַר גאָט דעם הערר האָט ער נישט געפאָרכטעט, וועלכער האָט געזאָגט, אַז שווער וועט בעשטראָפט ווערען איטליכער, ווער עס וועט טהון אַנ'אַרבייט אינ'ם דאָזיגען טאָג; געטויט וועט ער ווערען און ער וועט ווערען פערשניטען פון זיין פאָלק! און דעריבער זענען דאָס די רייד, וואָס גאָט האָט גערעדט היינט צו משה'ן פונ'ם וואָלקען אַרויס, אַזוי צו זאָגען: געטויט זאָל ווערען דער מאַן, גוג דער זוהן פון בכר זאָל געטויט ווערען, פערשטייניגען איהם מיט שטיינער זאָל דאָס גאַנצע פאָלק פון דרויסען פון דער מחנה, און איך דער כהן פינחס דער זוהן פון אלעזר דער זוהן פון אַהרן דער זוהן פון עמרם, איבער'חזר אייך דאָ ווערטליך די דאָזיגע רייד: געטויט זאָל ווערען דער מאַן, דער דאָזיגער גוג דער זוהן פון בֶּכֶר זאָל געטויט ווערען.

און אַלע אַרום, וועלכע האָבען עס געהערט, האָבען געענטפערט צוויי מאָל: אמן! אמן!

און גוג דער זוהן פון בֶּכֶר איז געזעסען די גאַנצע נאַכט אין דער וואַך און אַקעגען טאָג האָט איהם פלוצלינג אָנגעכאַפּט אַ שרעקעניש — באַלד אָבער האָט ער זיך ווידער בערוהיגט.

*

ווען די ערשטע זונען-שטראַהלען זענען אַרויס, האָבען איהם די אויפזעהער איבערגעבראַכט דעם געריכטס-שפּרוך: — געטויט זאָל ער ווערען — פערשטייניגען איהם מיט שטיינער זאָל דאָס גאַנצע פאָלק — פון דרויסען פון דער מחנה.

אַ נאַריש געלעכטערל האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אויף גוג'ס געזיכט. ער האָט געגלויבט, אַז די דאָזיגע מענשען טרייבען מיט איהם אַ שפּאַס, האָט ער מיטגעלאַכט.

אָבער דאַן האָבען זיי איהם אָנגעטהון דאָס ווייסע, לאַנגע העמד, און האָבען איהם פערבונדען די אויגען, כדי ער זאָל גאָרנישט זעהן, און האָבען גענומען אַ נייעם וואָגען, וועלכער איז געמאַכט געוועז פון פיער ווייסע ברעטער, און האָבען איהם דאָרט אַרויפגעזעצט, און צוויי יונגע קיה, אינגאַנצען ווייס, האָבען געצויגען דעם וואָגען אַרויס אין דרויסען פון דער מחנה — — דאָס האַרץ האָט אין איהם אָנגעהויבען פּלוצלינג שטאַרק צו קלאַפּען. אָבער ווי אַזוי דאָס? וואָס האָט ער געטהון? זיין ווייב איז דאָך קראַנק, די קינדער זענען דאָך קראַנק, „חַרְחוּר" איז עס, און ער איז אַרויס אויפ׳ן פעלד נאָר אום צו קלויבען פאַר זיי עטליכע העלצלעך, אָנצוצינדען אַ פייערל און אויפצוקאָכען אַ ביסעל וואַסער מיט אַביסעל אֵזוֹב פאַר די ליידענדע, וועלכע האָבען אַזוי געליטען די גאַנצע נאַכט. — —

פּלוצלינג האָט זיך געהערט דאָס קול פון אַ שופר, און דאַן צוויי טראָמפּייטען און דאַן איז אָנגעקומען אַ גרויסע עדה מענשען, מענער און פרויען און קינדער. און די כהנים זענען געגאַנגען פייערליך, אָנגעטהון אין די אוניפאָרמען, און די לויים זענען געגאַנגען אָנגעטהון אין די ווייסע העמדלעך מיט גלעקלעך און מיט מילגרוימען, ביסלעכווייז האָט זיך צונויפגעזאַמעלט דאָס גאַנצע פאָלק פון דער מחנה פון איין עק ביז צום אַנדערען, צעהנטויזענדער מענשען.

אַזוי זענען זיי אָנגעקומען אין דרויסען פון דער מחנה, ביז צו דעם ווייטען, גאָלען סטעפּ, אַנטקעגען דער גרויסער, ווילדער וויסטעניש.

און דאָס קול פון דעם שופר איז געגאַנגען אַלץ שטאַרקער און טראָמפּייטען האָבען געהילכט אַלץ העכער — פּלוצלינג אָבער האָבען זיי זיך איבערגעריסען און עס האָט אַ מינוט לאַנג געהערשט אַ מורא׳דיגע שטילקייט. דאָ איז פינחס דער זוהן פון אלעזר דער כהן אַרויפגעשטיגען אויף אַ זאַמד-בערגעל און האָט גערעדט צום פאָלק און האָט געזאָגט:

„אין נאָמען פון גאָט און אין נאָמען פון משה׳ן! — אָט אַזוי טהוט מען מיט אַ מענשען, וועלכער האָט פערשוועכט דעם שבת און האָט דעם צייכען, וועלכער איז צווישען גאָט און צווישען אונז אויף אייביג, נישט געהיטען: געטויט זאָל ווערען אַזאַ מענש און פערשניטען זאָל ווערען זיין נשמה פון זיין פאָלק, דען ווער עס טהוט אַנ׳אַרבייט אינ׳ם טאָג פון שבת מוז געטויט ווערען — און דערום ווערט געטויט דער מאַן גוג,

דער זוהן פון בֶּכֶר, ווּעלכער האָט פערשוועכט דעם שבת, דען אַזוי האָט גאָט געבאָטען דורך משה'ן!"

און דאָס פאָלק אַרום האָט עס געהערט און אַ פורכט איז אַריבער־געגאַנגען איבער זייערע ביינער.

און פון גרויס ביז קליין האָט דאָס פאָלק גערופען ווי פון איין מויל אַרויס: געטויט זאָל ער ווערען! געטויט זאָל ער ווערען!

די מענער האָבען גערופען, די פרויען האָבען גערופען, און אויך די קינדער —

און צווישען די קינדער איז געווען אַ קליין מיידעלע, וואָס איז געקומען גאָר צולעצט און האָט כמעט שוין אַלץ פערשפעטיגט, דען זי האָט געהאַט אַ ווייטען וועג צו לויפען, פון דערהיים ביי איהר מאַמען אינ'ם צווייטען עק מחנה פון דער צוויטער זייט ביז אַהער — און גע־ווען איז עס די קליינע יַעֲקָבָה. ווען זי איז אָנגעקומען צום אָרט פון דער פערשטייניגונג, האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבען אַ גרויסער שטיין־הויפען הויך איבער דער ערד און דער געשטייניגטער מענש איז שוין געווען טויט.

זי האָט פון דעם, וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהון, דאָס מינדעסטע נישט געוואוסט, און האָט נישט געוואוסט, ווער עס איז.

דאָס מיידעלע האָט צונויפגעקליבען פון דער ערד קליינע שטיינד־לעך, און שפּיעלענדיג זיך מיט זיי, האָט זי זיי אויך צוגעוואָרפען צום גרויסען שטיין־הויפען.

סיני

צוויי פּאַסטוכער: תּחפּנס און משה.

און יעדעס קינד אין די דערפער אַרום גושן האָט געקענט די דאָזיגע ביידע: דעם הויכען שטאַרקען תחפנס מיט דער גראָבער שטימע און די נאָך גרעבערע ווערטער, און דעם בלייכען ווייכען משה מיט די לאַנגע לאָקען און די פער'חלומ'טע אויגען. ביידע זענען געווען פון דער יודישער קאָלאָניע, וועלכע איז געוואָרען עגיפּטיש; אָבער דענס-מאָל האָבען נאָך גאָרנישט עקזיסטירט אַזעלכע גענויע גרעניצען צווישען איין שטאַם און דעם אַנדערען. צווייסאָל איז דער פּאַסטוך משה שוין געווען אין מוף און איינמאָל אויך אין נוא-אָמון אויף דער פערזאַמלונג פון די חרטומים און האָט דאָרט געהאַלטען זיינע רעדעס, און מען האָט דאָרט דערצעהלט פּראָסט וואונדער פון דעם דאָזיגען יונגען רעדנער. תחפנס ווידער האָט געפּלעגט מאַכען אויפזעהען דורך זיין גבורה און זיין איבערמענשליכע מוסקול-קראַפט; דריימאָל שוין, בשעת דעם יום-טוב פון דעם נילוס-אַרויסשטייגען, איז ער געווען אין צוען אויף דעם צוזאַמענפאָהר פון די שטאַרקסטע מענשען און האָט זיך געראַנגעלט מיט זיי און איז יעדעסמאָל אַרויס אַ זיעגער.

די ביידע פּאַסטוכער זענען געווען פון איין און דעמזעלביגען דאָרף און זענען געווען בעפריינדעט; זיי האָבען צוזאַמען די סטאַדעס זייערע געפיהרט ביז אין די מדבר אַריין צווישען די בערג און האָבען געפּלעגט קומען ביז צו דעם סיני און ביז צום חורב און אַזש ביז דעם באַרג מור. און ביידע האָבען זיי ליעב געהאַט דאָס דאָזיגע וואַנדערען; איינער — כדי די בערג-לופט איינצואָטעמען און די שטאַרקע

מוסקולען נאָכמעהר צו שטאַרקען, און דער צווייטער — כדי צו קענען פריי חלומ׳ען שטענדיג אונטער דעם פרייען, בלויען, ווייטען הימעל.

איינמאָל זענען זיי ביידע געווען מיט די סטאַדעס אין דער מדבר.

„הער נאַר", האָט תחפנס געזאָגט, צוקומענדיג פלוצלינג צו משה׳ן. „יעצט מוזען מיר געהן זוכען די ציעג. קום, וועסטו מיר העלפען".

„די ציעג?" האָט משה געזאָגט ווי פון מיטען אַ חלום אַרויס.

„וואָס פאַר אַ ציעג?"

„די שוואַרצע ציעג, די פון רַעְמְסֵס דעם בעקער. די דאָזיגע ציעג פעהלט מיר שוין זינט אינדערפריה. איך האָב שוין, צוזאַמען מיט די הינד, דורכגעזוכט דאָס גאַנצע טאָל ביז אַנטקעגען דעם סיני, איך האָב אָבער מורא, אַז איך האָב נישט דעם ריכטיגען וועג גענומען. און יעצט, זעהסטו, וועט באַלד צופאַלען די נאַכט און די וועלף וועלען זיך נעהמען צו דער ציעג. מיר מוזען זיך איילען און זי זוכען צווישען די בערג-אָבהאַנגען".

משה איז האַלב-פערשלאָפען און מיט פוילע טריט פאַמעליך נאָכגעגאַנגען נאָך זיין חבר. די סטאַדעס האָבען זיי איבערגעלאָזען ביי די יונגלעך און זייערע הינד, און זיי האָבען מיטגענומען נאַר דעם גרויסען שאָף-הונד און זענען אַרויף אויפ׳ן באַרג.

זיי האָבען געזוכט אַ שעה און האָבען נישט געפונען. און תחפנס האָט געזאָגט: „מיר וועלען זיך צעשיידען. איך וועל געהן אַרויף, און דו פרוב לאָז זיך אַראָב צו די שטרויכען פון מור ביז צום סְנֶה, און אויך דעם הונד קענסטו מיטנעהמען מיט זיך, דען איך בעדאַרף איהם נישט".

משה איז אָבגעגאַנגען עטליכע טריט צו דער זייט פונ׳ם סְנֶה, און דאַן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט. דער הונד האָט אויף איהם געוואַרט עטליכע מינוט און האָט זיך געדרעהט אַהין און אַהער און האָט אָהן אויפהער געשנופעלט מיט דער נאָז און איז יעדעסמאָל צוגעגאַנגען אונגעדולדיג צו זיין הערר, צו זעהן, אויב ער געהט שוין. ווי אָבער ער האָט געזעהן, אַז ער ריהרט זיך נישט, האָט ער מיט איינמאָל דערלאַנגט אַ ווייטען שפרונג און האָט אַרויסגעלאָזען אַ משונה׳דיגען ביל און מיט גרויסע שפרונגען איז ער אַרויף אויפ׳ן באַרג, אום צו דעריאָגען תחפנס׳ן.

דערווייל איז זיך תּחפּנס אַרויף אויפ׳ן באַרג און האָט דורכגעזוכט צווישען אַלע פעלזען און הינטער יעדען שטרויך, און אַזוי זענען אין זוכעניש פאַרביי עטליכע שעה. ווי ער איז צוריקגעקומען, האָט ער גע-טראָפען משה׳ן זיצענדיג נאָך אויף דעמזעלבען אָרט, וואו ער האָט איהם געלאָזען.

„וואָס איז דאָס אַזעלכעס? מיך וועסטו לאָזען זוכען און דו וועסט דיר דאָ זיצען און שלאָפען?"

„איך בין נישט געשלאָפען", האָט משה געענטפערט.

תּחפּנס האָט קיין וואָרט מעהר נישט גערעדט און איז ווייטער אַוועק, אַהין צום סנה. נאָך עטליכע שעה האָט דער הונד דערשמעקט די שוואַרצע ציעג פון רעמסס דעם בעקער., און תּחפּנס האָט זי גענו-מען אויף די פּלייצעס און האָט זיך מיט איהר אומגעקעהרט.

דאָ האָט ער געפונען זיין חבר זיצענדיג נאָך אויפ׳ן שטיין, וואו ער האָט איהם געלאָזען.

„שטעה אויף, דאָ איז די ציעג!"

משה אָבער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט, דען דאָסמאָל איז ער געווען ווירקליך איינגעשלאָפען. תּפּנחס האָט איהם געמוזט וועקען.

„אָט דאָ איז די ציעג! שטעה אויף, וועלען מיר געהן. באַלד הויבט אָן צו טאָגען".

שטיל, אָהן אַ וואָרט אַרויסצורעדען, זענען זיי אַראָב אין טאָל אַריין. משה׳ס פּנים איז געווען זעהר בלייך און זיינע קניה האָבען גע-ציטערט. דער שטאַרקער תּחפּנס, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, וואָס הייסט מיעד זיין, האָט איהם געמוזט האַלטען.

דער מאָרגענשטערען איז גראָד אויפגעגאַנגען, ווי זיי זענען אָנגע-קומען צו די סטאַדעס.

II

אין צוען-מִצְרַיִם האָט מען געפייערט דעם נילוס-יום-טוב. דער דאָזיגער יום-טוב איז אַ קליינער אין פערגלייך צו דעם איזיס- און אָזי-ריס-יום-טוב אין מוף אָדער צו דעם אַפּיס-יום-טוב אין נוא-אָמון. נאָר די איינוואוינער פון די נאָהנטסטע שטעדט און דערפער אַרום, די אַר-

בייטער און די פּאַסטוכער און די בויער פון פרעה'ס מאַגאַזין-שטעדט, קומען צו דעם דאָזיגען יום-טוב צוצוקוקען זיך צו די טענץ און די שפּיעלערייען, צו די שפּרינגער און לויפער און צו די קעמפער, וועלכע ראַנגלען זיך נאַקעטערהייט. טיילמאָל קומען פון די ווייטערע ערטער אויך די מבינים, אום צו זעהן, אויב עס איז עפּעס דאָ צווישען די זיעגער איינער אַ רעכטער קעמפער, וועלען זיי איהם אַוועקפיהרען אין די גרויסע שטעדט צו די גרויסע ימים-טובים, כדי צו ווייזען זיינע שטיק פאַר די גאָר גרויסע אין לאַנד.

פערצעהן יונגעלייט זענען אַרויס אויף דעם קאַמף-פּלאַץ, די טראָמפּייטערס האָבען געטראָמפּייטערט און די אויפזעהער האָבען געגע-בען אַ סיגנאַל: די קאַמפען האָבען זיך אָנגעהויבען. דריי מאָל האָט יעדער שפּרינגער דאָס רעכט זיך צו פּרובען, און ווען עס געלינגט איהם נישט אַריבערצושפּרינגען דעם אָרט, וועלכער איז אָנגעצייכענט, מוז ער אַראָב פון קאַמפּס-פּלאַץ. איינער אַ שפּרינגער מיט דעם נאָמען פּיתום איז געשפּרונגען און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען; אַ צווייטער, מיט דעם נאָמען און, איז דעסגלייכען געשפּרונגען און אויך איהם האָט עס זיך איינגעגעבען, און דאַן איז אויך תחפנס געשפּרונגען און עס האָט זיך איהם איינגעגעבען באַלד ביים ערשטען מאָל, און נאָר דער שפּריינ-גער פּוטי איז געפאַלען און האָט זיך אַ פוס אויסגעלענקט. דאַן האָבען די טראָמפּייטערס צום צווייטען מאָל טראָמפּייטערט און די אויפזעהער האָבען געגעבען אַ סיגנאַל: די לויפער האָבען אָנגעהויבען. דאָסמאָל זענען עס נאָר געווען זיבען יונגע מענשען, וועלכע האָבען זיך גע-שטעלט אויפ'ן קאַמפּס-פּלאַץ; די איבעריגע זענען נישט מעהר געווען פעהיג צו דעם לויף-קאַמף. און איז געווען דער ערשטער, וועלכער איז שיער-שיער נישט צוגעקומען ביז צום ציעל, און נאָך איהם איז געווען פּיתום און דאַן ערשט תחפנס; תחפנס'ענס פריינד אָבער, וועלכע האָבען שטאָלצירט מיט איהם, האָבען איהם אונאויפהערליך אויפגעמונטערט און האָבען אַלע ווייזע געשריען: בראַוואָ, און אין דער לעצטער סעקונדע איז תחפנס פאָרט געווען דער, וועלכער איז צוגעקומען און געשטאַנען דער ערשטער ביי דעם ציעל. דאַן האָבען די טראָמפּייטערס ווידער טראָמ-פּייטערט און די כהנים האָבען געגעבען דעם סיגנאַל: די קעמפער, וועלכע ראַנגלען זיך, זענען אַרויסגעטרעטען. דאָסמאָל זענען עס געווען

בלויז נאָך צווי, און די איבעריגע האָבען זיך גאָרנישט מעהר געשטעלט; און און תַּחְפְּנֵס זענען געווען די צוויי קעמפּער. די אויפזעהער האָבען אַרומגעוואַשען זייערע קערפּער מיט וואָלענע טיכער און האָבען זיי געשמירט מיט אייל, און דאַן האָט זיך דער קאַמף אָנגעהויבען. און האָט אָנגעכאַפּט תּחפּנס'ן פאַר זיינע שענקלען און האָט איהם דערלאַנגט אַ וואָרף און האָט איהם געוואָלט אוועקלעגען אויף הינטערוויילעכטס. תּחפּנס אָבער האָט איהם אָבגעשטופּט מיט זיין פעלזען-פעסטען שטערען און דאַן האָט ער איהם אָנגעכאַפּט פאַר דער לינקער האַנד און האָט איהם די פינגער צונויפגעקוועטשט, אַז יענער האָט אַזש אָנגעהויבען צו שרייען פאַר גרויס ועהטאָג, און אַזוי האָט ער איהם אַוועקגעלעגט אויף דער ערד. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דער קאַמף צום צווייטען, און דאַן צום דריטען מאָל, און יעדעסמאָל איז תּחפּנס אַרויס אַ זיעגער. די מענשען פון תּחפּנס'עס דאָרף און אַלע זיינע בעקאַנטע פון די ערטער אַרום האָבען געריטשעט פאַר שמחה און פאַר שטאָלץ און האָבען געפּאַטשט אין די הענד און האָבען געשריען בראַוואָ, און דאַן האָבען זיי איהם אַוועקגעטראָגען אויף די הענד ביז צום אָרט, וואו די אויבער-אויפזעהער זיצען. דער ערשטער כהן האָט איהם אָבגעגעבען אַ ראָל פון פּאַפּירוס-פּאַפּיער געשריבען מיט היעראָגליפען-שריפט, דער צווייטער כהן האָט איהם בעשפּרענגט מיט וואַסער פון הייליגען נילוס, און דער דריטער כהן, דער כהן-גדול, האָט איהם מיט די אייגענע הענד אָנגעטהון די שילף-קרוין אויפ'ן קאָפּ.

אַ גרויסע מחנה האָט אַרומגערינגעלט תּחפּנס'ן און פון אַלע זייטען האָט מען זיך געדרענגט צו איהם, אום אויף איהם אַ קוק צו געבען, און אויך די מבינים זענען געקומען און האָבען אָנגעהויבען בעטאַפּען איהם די מוסקולען פון די אָרעמס און די מוסקולען פון די שענקלען.

„ווען נאָר ער וואָלט נאָך אויך לויפען אַ ביסעל בעסער ווי ער לויפט, וואָלט ער האָבען האָפנונג צוצושטעהן אינ'ם נעכסטען יאָהר צו די גבורים, וועלכע קעמפען אין נוא-אָמון בשעת דעם אַפּיס-יום-טוב", האָט איינער אָבגעזאָגט זיין מבינות. אַ צווייטער אָבער איז צוגעגאַנגען און האָט זיך אַראָבגעזעצט אויף דער ערד און האָט איהם בעטאַפּט דאָס דיקע פלייש פון די פיס און אויך די געלענקען פון די פיס.

„קום מיט מיר", האָט ער איהם געזאָגט, „ביי מיר וועסטו נאָך

לערנען, און דו קענסט זיכער זיין, אַז נאָך אַ זעקסמאָנאַטליכען אונ-טעררינכט, וועלכען דו וועסט ביי מיר נעהמען, וועסטו אין נוא-אַמון קריגען אַפּילו דעם אַפּיס-האָרקראַנץ".

די אויגען פון דעם יונגען קעמפּפער האָבען געלויכטען.

„געה מיט איהם, געה מיט איהם", האָבען אַלע זיינע פריינד און בעקאַנטע גערופען, און אויך ז יי ע ר ע אויגען האָבען געלויכטען.

III

דאַן האָט מען געמאַכט דאָס מאָהלצייט. נעבען די כהנים און די גרויסע הערען אויבענאַן איז געלעגען תּחְפּנֵס אויסגעשטרעקט אויף דער טריבונע; האַרט ביי איהם איז געשטאַנען דער דאָזיגער, וועלכער האָט געוואָלט זיין זיין לעהרער, און איז נישט מעהר אָבגעטרעטען פון איהם. און נעבען זיי זענען געווען די מענשען פון די דערפער אַרום און דאָס איבריגע פאָלק.

פלוצלינג האָט זיך משה בעוויזען מיט דער לירא אין דער האַנד. טריט-ביי-טריט איז ער געגאַנגען, און ווי אין חלום, ביז ער איז צוגע-גאַנגען צו די כהנים. תּחְפּנֵס האָט איהם דערזעהן קומענדיג, און האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט געוואָלט מאַכען אַנ'אָרט פאַר איהם נעבען זיך. מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס האָט ער איהם אַרומגענומען.

„דו ווילסט זינגען?" האָט ער איהם געפרעגט, „גוט! אַהער דאָ!"

און מיט דער שטאַרקער האַנד האָט ער איהם אויפגעהויבען אויף דער טריבונע אַרויף.

„שאַ, דער פאַסטוך משה וועט זינגען דאָס לויב פון תּחְפּנֵס'ן און זיין איבערמענשליכער גבורה!" האָבען גערופען די דאָרפסלייט, די בע-קאַנטע פון תחפנס'ן און זיינע פערעהרער.

און משה האָט אָנגעהויבען — ער האָט אָבער נישט געזונגען דאָס לויב פון תחפנס'ן דעם זיעגער און נישט דאָס לויב פון זיין איבער-מענשליכער גבורה.

ער האָט עפּעס גערעדט ווי אין אַ חלום און האָט דערצעהלט די מעשה פון אַנ'אָוונד, ווען עס איז געווען הייליג-שטיל אַרום און אַרום און ער מיט זיינע שאָף זענען געווען אויפ'ן פעלד נישט ווייט פון סיני.

ער האָט געהאַט איבערגעצעהלט זיינע שאָף און זיינע רינדער און האָט געזעהן, אַז איינס פעהלט. דאָ איז ער געגאַנגען עס זוכען און איז אַרויפגעקלעטערט און געקומען אין די שפּאַלטען פון׳ם באַרג. די נאַכט איז צוגעפאַלען, אַ גרויסער שטורמווינד האָט זיך פונאַנדערגעבושעוועט און די בליצען האָבען געצונדען צווישען די פעלזען און די דונערען האָבען געקלאַפּט צווישען די אונצעהליגע שטיין-היגלען, און ער אַליין איז נישט קיין מינוט שטיל געשטאַנען, נאָר איז געגאַנגען און און געגאַנגען, איבער איילען-ברייטע אָבגרונדען איז ער געשפּרונגען און אויף קרומע פעלזען-ווענד איז ער געקראָכען.

דער שטורם האָט זיך אַ ביסעל געהאַט געלעגט און ער אַליין איז מיט מיה און אַרבייט דורכגעקראָכען דעם אייכענוואַלד; פּלוצלינג — צפּעס אַ מערקווירדיגע ערשיינונג האָט זיך פאַר איהם בעוויזען. אַ גרויסער פייער-פלאַם איז אַרויס פון׳ם סְנֶה, און דער סְנֶה האָט געברענט און געברענט און געברענט, און פערברענט איז ער נישט געוואָרען, און אַ מלאך האָט זיך אַרויסגעהויבען פון דעם פלאַם און אַ שטימע האָט געררופען: „משה! משה!” און ער אָבער האָט מורא געהאַט צוצוגעהן. דאַן ערשט האָט ער אַראָבגעוואָרפען זיינע שיך פון די פיס און איז צוגעגאַנגען אַ צוויי-דריי טריט; ווייטער אָבער האָט ער נישט געקענט. און די שטימע האָט ווייטער גערעדט און ער האָט זיך איינגעהערט און דאָס געזיכט האָט ער זיך פערדעקט און האָט מורא געהאַט צו קוקען.

און אַ רוישען פון פליגלען האָט זיך געלאָזען הערען, אַזעלכעס, ווי אַ מענשען-אויער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט.

און גאָטס כבוד האָט זיך בעוויזען — און ער שטעהט מיט אַ פעסט פערדעקט געזיכט, און פאָרט זעהען איהם זיינע אויגען.

און גאָט רעדט און צו איהם רעדט ער: — געה, קעהר דיך אום קיין מצרים און מאַך מיר אַ פאָלק. ווייסטו, ווי אַזוי ס׳ווערט אַ פאָלק געמאַכט?

די אַרבייטער און די ליידענדע רוף צו דיר, אַלע די דאָזיגע, וועלכע קרעכצען אונטער אַ יאָך און זיפצען פאַר צו גרויסער מיה און ווערען געפּייניגט פון האַרען און פון אויבערהאַרען, און האָבען אין

זייער לעבען גאָרנישט חוץ אַ האַרץ און אין דעם דאָזיגען האַרץ אַ ביסעל געפיהל, די דאָזיגע רוף צו דיר און רעדט מיט זיי, און ציה זיי אַרויס פונ'ם קנעכטען-הויז, און לייז זיי אויס, און גיב זיי געזעצען און רעכט, און מאַך זיי פאַר אַ פאָלק.

און זעהסטו: אַמאָל מאַכט זיך, אַז דער מענש בעשאַפט אַ פּיתום און אַ רַעמְסֵס, און אַמאָל בויט ער ריעזען-בנינים אין הימעל אַריין, פּיראַמידען און אָבעליסקען, און אַמאָל שטעלט ער אַוועק ספינקסען, וועלכע זאָלען בלייבען שטעהן אויף אייביגקייטען; דאָס אַלץ אָבער איז גאָרנישט אַנטקעגען דעם, ווען אַ מענש מאַכט אַ פאָלק. און דו וועסט מיר מאַכען אַ פאָלק!

געה, קום קיין מצרים און קום צו די עלענדע און אומגליקליכע, צו די, וועלכע זיפצען און קרעכצען, און זאָג זיי, אַז זיי זענען קנעכט — און זיי וועלען דאָס נישט פערשטעהן; און זאָג זיי, אַז זיי זענען אומגליקליך — און זיי וועלען דאָס נישט בעגרייפען; און זאָג זיי, אַז זייער קוואַהל איז גרויס און דער דרוק איז שטאַרק און זיי האָבען קיין כח שוין נישט צו איבערהאַלטען עס — און זיי וועלען דאָס נישט גלויבען; און מיט קראַפט מוזט דו זיי אויפרייסען די אויגען, ביז זיי וועלען זעהן און פיהלען און בעגרייפען זייער טיעף עלענד — און וועסט זיי אויסלייזען.

און אַ גרויסע מחנה וועט דיר נאָכגעהן, מענשען פון דער גרויסער פאַמיליע, וועלכער ס'איז שלעכט און ביטער, און דו וועסט זיין זייער טאַטע און וועסט זיי לערנען מענש און פריי צו זיין, און דו וועסט מאַכען פון ווערימלעך — מענשען, און פון מענשען — אַ פאָלק, און פון זעמדלעך — אַ לאַנד.

און פיתום און רעמסס וועלען אָבגעמעקט ווערען פון דער ערד, און די פיראַמידען וועלען איינפאַלען, און די אָבעליסקען וועלען פערזונקען ווערען, און די ספינקסען וועלען אויך נישט מעהר זיין — און דאָס דאָזיגע פאָלק וועט בלייבען אייביג, דען דאָס פאָלק פון די אומגליקליכע קען נישט אונטערגעהן. דען דאָס עלענד האָט זיי געמאַכט אויף אייביג.

און אַ רוישען פון פליגלען האָט זיך געהערט, אַזעלכעס, ווי ס'איז נאָך קיינמאָל נישט געווען.

און דער סנה האָט אַלץ ווייטער געברענט און געברענט און איך האָב מיר בעדעקט מיין געזיכט מיטביידע הענד, און פאַרט האָבע מיינע אויגען געזעהען און געזעהען.

IV

משה איז ענטשוויגען געבליבען. אויך אַלע אַנדערע אַרום און אַרום האָבען געשוויגען, אַלע זענען געווען טיעף ערגריפען.

פלוצלינג האָט זיך אויפגעכאַפּט תַּחְפְּנֵס.

„ליגען!" האָט ער געשריגען רויט פאַר כעס, „אַלץ, וואָס געהט איהם אַרויס פונ'ם מויל, איז ליגען! אַלץ פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף איז אויסגעטראַכט! איך יענער נאַכט בין א י ך דאָך געווען מיט איהם צו־זאַמען, און די שוואַרצע ציעג האָבען מיר געזוכט, רַעְמְסֵס דעם בע־קערס שוואַרצע ציעג! איך מיט איהם זענען מיר אַרויף אויף די בערג. אָבער אַ שטורמווינד איז דענסמאָל נישט געווען! אַדרבה, אַ זעהר שעהנער אָווענד איז געווען. וואו האָט ער געזעהן איילען־ברייטע אָבגרונדען? וואָס פלאַפּעלט ער מיר עפּעס וועגען דונערען צווישען די בערג-פעלזען? וואָס מיר אַ ברענענדיגער סנה? ווער מיר אַ מלאָך און אַ גאָט? שָׁוְא וָשֶׁקֶר! איך שווער ביי פּרעה'ס לעבען, אַלץ פונ'ם אָנהויב ביז'ן סוף איז אויסגעטראַכט! — איך אַליין בין מיר אַרויף צו די פעלזען און איהם מיט דעם הונד האָב איך געלאָזען ביים סנה אַנטקעגען דעם מור, און ווי איך בין צוריקגעקומען, איז ער אַלץ נאָך געזעסען אויפ'ן זעל־ביגען אָרט אויף אַ שטיין און איז געשלאָפען. די גאַנצע נאַכט האָב איך די ציעג געזוכט, און ווי איך בין פאַרטאָגס צוריקגעקומען, האָב איך איהם אַלץ נאָך געטראָפען שלאָפענדיג אויפ'ן שטיין. עס איז אַ חרפּה און אַ שאַנד אַזוי צו זאָגען ליגען!"

אַלע אַרום האָבען געפילדערט און געשריען. משה איז געשטאַנען און האָט זיך קיין ריהר נישט געגעבען, און נאָר זיינע פער'חלומטע אוי־גען האָבען פערוואונדערט געקוקט אויף די דאָזיגע מענשען און ער האָט אויסגעזעהן ווי איינער, וועלכער ווייסט גאָרנישט, וואָס עס טהוט זיך דאָ און פאַרוואָס פילדערט מען און שרייט מען. זיינע אויגען הא־

בען אַרומגעבלאָנדזשעט אַרום און אַרום, ווי זיי וואָלטען וואָס זוכען. פּלוצלינג האָט ער דערזעהן דעם אַלטען כהן; זיי רופען איהם „ברודער״.

„לאָזט איהם צורוה!״ האָט דער דאָזיגער אַהרן גערופען, „איך מוז מיך פאַר זיינעטוועגען אָננעהמען!״

דער עולם אָבער האָט ווילד ווייטער געשריען און האָט אויפגעהויבען קולאַקעס.

— „צו וואָס זיך אָננעהמען פאַר זיינעטוועגען? טויטען זאָל מען איהם, טויטען דעם ליגנער!״

דאָ איז דער כהן צוגעגאַנגען צו משה׳ן און האָט מיט דער לינקער האַנד איהם אָנגעכאַפּט פאַר דער פּלייצע און די רעכטע האָט ער געהאַלטען אויסגעשטרעקט פאַר זיך.

— „גיט איהם אונז אַרויס!״ האָט תּחְפּנֵס גערופען — „ער איז אַ ליגנער!״

— „אַ ליגנער? — ניין, אַ ד י כ ט ע ר איז ער!״

V

און די דיכטונג איז געוואָרען אַנ׳אמת.

פרעג דעם יונגעל, וועלכער געהט אין חדר אַריין מיט דעם ספר אונטער׳ן אָרעם.

פרעג איהם: „וואָס ווייסטו וועגען סיני?״

און ער וועט דיר ענטפערען: „אויף דעם באַרג סיני האָט זיך גאָט ענטפּלעקט צו משה׳ן, דעם הערר פון די נביאים, וועלכער האָט געזעהן גאָט פנים אין פנים, ווי עס האָט איהם נאָך קיין שום ילוד-אשה נישט געזעהן, און איז לעבען געבליבען, און דער סנה האָט געברענט מיט פייער און פערברענט איז ער נישט געוואָרען, און גאָט איז אַראָבגענידערט צו איהם און האָט איהם געשטאַרקט און האָט איהם געהייסען געהן קיין מצרים, אַרויסצוציהען די קינדער ישראל׳ס פון קנעכטען-הויז און זיי צו געבען דאָס לאַנד פון זייערע עלטערן אַברהם און יצחק און יעקב, און עס איז געווען, ווי פרעה האָט האַרט געמאַכט זיין האַרץ״ — — —

איך בין זיכער, אז אַ גאַנצע שעה וועט ער דיר קענען דערצעהלען וועגען דעם באַרג סיני, וואָס גאָט איז אַראָבגענידערט אויף איהם מיט פייער און האָט דאָרט געגעבען תּורה און משפּט פאַר דעם פאָלק ישראל און דאָס לאַנד, וועלכעס ער האָט צוגעשוואוירען זייערע עלטערן.

און טיילמאָל וועט ער אויך וויסען וואָרט פאַר וואָרט דיר צו איבער׳חזר׳ן די ווערטער, וועלכע גאָט האָט גערעדט דורך משה׳ן אויף דעם באַרג סיני!

און נאָך יעצט - נאָך טויזענדער יאָהרען!

ווער ווייסט נישט פון יענעם משה׳ן? ווער ווייסט עפּעס נאָך וועגען יענעם תּחפּנס?...

איז אין דער גאַנצער וועלט פאַראַן איין אָרט, וואָס איז בעריהמטער פון יענעם סיני?

און משה האָט געהייסען יענער דיכטער — און די, וועלכע האָבען איהם געהערט צום ערשטען מאָל, האָבען איהם גערופען ליגנער!

VI

די האָבען איהם אַזוי גערופען — אָבער דאָס וואָרט פונ׳ם דיכטער איז געוועזען שטאַרקער ווי די קראַפט פונ׳ם גבור.

געזיעגט האָט דער דיכטער. דער ערשטער, איבער וועלכען דאָס אומגליק איז געקומען, איז געוועזען תּחפּנס. ווייל ער האָט „געלעסטערט גאָט", האָבען זיי איהם אַראָבגעוואָרפען פון אַ שטיין־פעלזען אין די טיעפּעניש אַריין. שוין נאָך עטליכע טעג, ווי משה האָט געהאַלטען זיין רעדע, האָבען זיי איהם גע׳הרג׳עט. זיי האָבען גע׳הרג׳עט דעם מיאוס׳ען אמת, אום צו קענען לעבעדיג מאַכען דעם חלום פונ׳ם דיכטער.

דאָס איז דאָס לעבען.

VII

ביינאַכט איז געוועזען די פערזאַמלונג.

„זאָל דער חלום ווערען אַנ׳אמת! סיני וועט זיין דער אָרט, פון וואַנען ס׳וועט אַרויס אַ תּורה פאַר אַלע פעלקער און צו וועלכען אַלע

פעלקער פון דער וועלט וועלען זיך קעהרען. מיליאָנען מענשען וועלען זיך בוקען צו סיני", — האָט דער כהן־גדול געזאָגט.

„איך בין דער ערשטער, וועלכער וועט מודיע זיין, אַז איך גלויב מיט'ן גאַנצען האַרצען, און דאָס אַלץ, וואָס דער העברעאישער פאַסטוך האָט גערעדט, איז אמת וצדק!"

„און אויך איך גלויב!" האָט געזאָגט אלעזר דער כהן.

„און אויך איך!" האָט געזאָגט פינחס.

„אויך איך, אויך איך, אויך איך!" האָט מען געשריען פון אַלע זייטען.

און די גאַנצע וועלט האָט געגלויבט — און זיי האָבען יעדען טאָג געזעהען נייע וואונדער.

חוץ תחפנס'ן, וועלכען זיי האָבען גע'הרג'עט, ווייל ער האָט גע־לעסטערט גאָט, איז געווען נאָר נאָך איינער, פאַר וועלכען זיי האָבען מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט אַמאָל מישב זיין און זאָל ווידער אָנהויבען צו רעדען גאָר עפּעס אַנדערש: דאָס איז געווען משה אַליין. און זיי האָבען אויך איהם גע'פטר'ט —

משה איז געשטאָרבען —

און קיינער ווייסט נישט ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג, וואו זיין קבר איז.

II

דאָס קליינע מלאָכ'ל

(אַן אַראַבישע באָבע־מעשה)

אמאָל און אַמאָל איז געווען... נאָר זאָגען מוז איך אייך, אַז אָט די באָבע־מעשה, וואָס איך טהו אייך דאָ דערצעהלען, איז שוין אַ שעהנע עטליכע מאָל דערצעהלט געוואָרען און שעהנע עטליכע פּאָעטען האָבען זי, ווייסט גאָט, וויפיעל מאָל שוין בעשריבען, און איך — זעהט איהר — איך וויל זי אייך היינט נאָר איבערדערצעהלען; איבערדערצעהלען זי מיט מיין שוואַכער פּשוטער שפּראַך.

און ווייסט איהר וואָס נאָך? — גאָר אַמשענסטען און גאָר אַמבעסטען האָב איך זי געהערט אַמאָל אויס דעם מויל פון אַן אַלטער טערקישער באָבע, אָט אין יענער גוטער גאָלדענער צייט, בעת מיין יונג בלוט האָט מיך פערטראָגען צו ווייטע פעלקער און ווייטע לענדער און איך בין אַמאָל געבליבען צווישען אַראַבער אין אַ ווייטער אַראַבישער קאָלאָניע...

און אָט דאַכט מיר גאָר, ווי עס וואָלט זיין ערשט נעכטען געווען: אין גאָרטען אויף דער גראָזבאַנק זיצט די אַלטיטשקע. די זון איז זיך פאַמעליך אונטערגעגאַנגען און די קינדערלעך זיצען אַרום און אַרום, יונגעלעך און מיידעלעך, אייניקלעך און אוראייניקלעך, און אַלע האָרכען מיט גרויס כונה און מיט גליהענדיגע בעקעלעך, אַז עס זאָל נאָר חס וחלילה קיין איינציג וואָרט נישט פערלוירען געהן. — זיס איז דאָס ליכט, וואָס גיסט זיך אַראָב פון די לעצטע שטראַהלען פון דער זון, בלוי איז די לופט אַרום און אַרום און קלאָר ווי קריסטאַל, און אָט זשוזשען גאָלדענע פאַרביגע זומערפויגעלעך אָהן אַ צאָהל דורך יענע לופט, אַז די קינדער פּאַטשען אַזש מיט די הענדטלעך און שרייען, אַז דאָס זענען קליינע, ליעבע מלאָכים'לעך...

און די אַלטיטשקע דערצעהלט און דערצעהלט.

איהר ווייסט דאָך, קינדערלעך – הויבט זי אָן – ווער אַללאָה איז, וואָס וואוינט אויבען אין הימעל, און מסתמא ווייסט איהר אויך, אַז אַ חוץ אַללאָה וואוינען דאָרט אויבען אין הימעל אויך טויזענדער און מיליאָנען מלאָכים, אַזוי אַז ביז צום היינטיגען טאָג קאָן מען דאָס באיין אופן נישט דערגעהן, וואָס איז דאָרט מעהר פאַרהאַנען, צי מלאָכים צי שטערען. און אָט יענע גוטע ליעבע מלאָכים האָבען דעם גאַנצען ליעבען טאָג גאָרנישט וואָס צו טהון אַ חוץ פרעהליך און לוסטיג צו זיין, צו זינגען און צו לויבען, אַללאָה׳ס וואונדער צו דערצעהלען און אַללאָה׳ן אָבצוגעבען זיין שבח און זיין כבוד, און ווען אַללאָה דערהויבט זיך פון זיין אָרט, דאָ דערהויבען זיי זיך אויך און רופען אויס: הייליג! הייליג! הייליג! – דאָס איז די גאַנצע גרויסע תורה, וואָס זיי האָבען צו טהון דעם גאַנצען ליעבען טאָג, און ווען זיי ווערען אַ ביסעל מיעד און אָבגעמאַטערט פון אָט דער דאָזיגער שווערער אַרבייט, דאָ ווערען זיי פריי געלאָזט, און זיי מעגען דאַן טהון, וואָס זיי האָבען נאָר חשק. דאָ נעהמען זיי זיך צו-נויף און הויבען אָן צו שטיפען און צו רעגירען, צו שפרינגען און צו האָפּסען, צו קונדס׳ען און לֵצנות צו טרייבען, און דאָ הויבען זיי זיך אָן אַרומצוקייקלען אויף דעם גאָלדענעם זאַמד און אויף די בערגלעך ווייכע שטערען, אָדער כאַפּען זיך אָן איינס דאָס אַנדערע ביי די פליגעלעך, כדי צו שפּיעלען אין פערדלעך, אָדער קלויבען זיך אָן אַ פולען בוזעם ווייכע, קליינע שטערענדלעך און וואַרפען זיי דאַן איינס דאָס אַנדערע אין קאָפּ אַריין, אָדער כאַפּען אַ פּאָר פעדים לאַנגע דיקע שטראַהלען און בינדען דערמיט איינס דאָס אַנ-דערע אונגעריכטערהייט, און אַז איינעם געראָט אַזאַ מין קונדס׳עריי און חברה דערזעהט עס, דאָ פּלאַצען זיי אַלע אַרויס מיט אַ שטור-מיש געלעכטער און רוישען און קלאַפּען מיט די ווייסע קליינע פליגעל-לעך און פרעהען זיך און רעגירען און רוישען און שרייען, ביז דער הימעל ווערט אַזש נישט צעפלאַצט פאַר גרויס רַעש. יאָ, יאָ, מיינע קינ-דערלעך! דאָ אויף דער ערד, אַז די יונגעלעך ווערען ווילד און מאַכען אָן אַ רעש, דאָ פלאַצט אַמאָל די ערד פאַר גרויס רַעש, אָבער אינ׳ם הימעל אַז עס מאַכט זיך אַמאָל אַזאַ מַעשה, דאָ פּלאַצט

פראָסט דער הימעל. זעדט איהר אָבער: אינ׳ם הימעל, ווען אַ קליין מלאָכ׳ל רעגירט אַביסעל צופיעל אַרום, דאָ רופט איהם אַללאַה אין אַ זייט און הויבט איהם אָן מוסר צו זאָגען און רעדט צו איהם רייד, וואָס נעהמען אָן ביים האַרץ און לייענט איהם פאַר אַ גאַנצע תוכחה, אָדער עס מאַכט זיך אַמאָל אַז ער לעגט אויף איהם אַרויף דאָך עפּעס אַ קליינע שטראָף און שטעלט איהם אין אַ ווינקעלע פונ׳ם הימעל, און דאָרט מוז נעבעך דאָס מלאכ׳ל אַזוי לאַנג שטעהן, ביז זיין זינד ווערט איהם פערגעבען און ביז אַללאַה רופט איהם צוריק און ערלויבט איהם ווידער פאַר זיין הייליגען וואָלקען צו שטעהן. — און יעצט מיינע ליעבע אייניקלעך און אוראייניקלעך, אַז איהר וועט זיין גוטע, אָרענטליכע קינדער און וועט אייביג פאָלגען, דאָ וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה, וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט מיט אַזאַ קליין מלאכ׳ל...

— דערצעהלט! דערצעהלט! דערצעהלט! מיר אַלע דאָ וועלען שוין זיין גוט און אָרענטליך און אייביג פאָלגען!

אַמאָל און אַמאָל איז געווען אינ׳ם הימעל אַ מלאָכ׳ל און זיין נאָמען איז געווען... יאָ, יאָ, דעם נאָמען האָב איך שוין פערגעסען... און דאָס איז געווען אַ קליין שעהן מלאָכ׳ל, קליין ווי אַ חדר-יונגעל און שעהן ווי אַ שפּיעלצייג. מיט פולע, רונדיגע בעקעלעך און מיט בלויע אויגעלעך, וואָס האָבען געלויכטען ווי צוויי זונען, און מיט רויטע ליפּעלעך, ווי די קירשען, און מיט ווייסע פליגעלעך, ווי דער פריש געפאַלענער שניי; און דאָס דאָזיגע מלאָכ׳ל איז געווען אַזוי זיס און אַזוי ליעב פון קאָפּ ביז צו די פיס, אָהן איין איינציגען פעהלער. און אויך זיין הערצעלע אין איהם איז געווען אַזוי זיס און אַזוי ליעב — דען ווען נישט דאָס, דאָ וואָלט ער דאָך גאָר־נישט געקאָנט זיין קיין מלאָך. אָבער עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז אויך דער הימעל האָט אַ פלעק און אויך אַ מלאך האָט אַ חסרון! נאַטירליך זענען דאָס נאָר הימלישע פלעקען און נאָר מלאָכים׳דיגע חסרונות—און שטעלט אייך פאָר, אַז אויך אונזער מלאָכ׳ל איז נישט געווען גאַנץ פריי פון אַ חסרון. אֶמת איז אמת. ער האָט נישט חלילה עפּעס אַנ׳עולה געטהון אָדער אַ אַנ׳עבירה אָדער אַ פערברעך, און נאָר אַ שטיקעל לָץ איז ער געווען און האָט ליעב געהאַט אָפּט קאַטאַ-

וועסלעך צו טרייבען, אזוי אַז די איינוואוינער פון הימעל האָבען געקאָנט שרייען געוואַלד פאַר גרויס קרענקונג. און אַללאַה האָט אַלעס געזעהן און האָט זיך געמאַכט אַוועקקוקען און האָט דעם ליעבען קינד גאָרנישט געטהון דערפאַר, דען ליעב און זיס איז דאָס קליינע מלאכ׳ל געווען אַפילו ביי אַלע זיינע קאַטאָוועסלעך און אַלע זיינע געלעכטערלעך, און אַללאַה האָט איהם ליעב געהאַט און ער איז ביי איהם געווען דאָס מוזינעק׳ל, און אַללאַה האָט געמוזט יעדעס מאָל לאַכען און האָט איהם גערופען: קונדס! — הויפּטזעכליך האָט אונזער מלאכ׳ל נישט געקאָנט ליידען מוסר-ספרים, ווי למשל די ערנסטע פּרקים פונ׳ם קאָראַן, דען ער איז געווען אונגעדולדיג צו זיצען שטיל און אויסצוהערען דעם שטייפען מוסר, און ער פלעגט זאָגען, אַז אַזעלכע הייליגע ספרים זענען נאָר געמאַכט פאַר מלאכים׳ס וועגען אויף דער עלטער, אָדער פאַר מענשען׳ס וועגען וואָס וואוינען אויף דער ערד, און נישט פאַר יונגע קליינע מלאכים׳לעך, וואָס האָבען גאָר ליעב אַ הוליע צו געבען און זיך צו פרעהען מיט דעם לע-בען. — אַמאָל האָט זיך געקאָנט מאַכען, אַז עפּעס אַ רוח האָט אָנ-גענומען אונזער קליין מלאכ׳ל, און עס האָט זיך איהם פער-גלוסט אַ שטיף צו געבען, דאָ האָט ער זיך צוגעכאַפּט שטילערהייט צו דעם אוצר פון שניי און האָט אַזוי לאַנג געלויערט ביז ער האָט אָנגעקריגען דעם שליסעל פונ׳ם אוצר, און דאָ האָט ער פאַמעליך געעפענט דעם אוצר, און אַז ער האָט דערשמעקט, דאָס עס איז נאָך וואַרעמליך אויף דער ערד און די מענשען דרעהען זיך נאָך אַרום אין זייערע לייכטע זומערדיגע מלבושים, דא האָט ער מיטאַמאָל אַראבגעוואָרפען אויף דער ערד גאַנצע בערגלעך שניי, אַזוי אַז עס איז פּלוצלינג געוואָרען אונטען אויף דער ערד אַ פראָסט פון 20 גראַד און די מענשען האָבען אַזש געציטערט און געקלאַפּערט מיט די צייהן און האָבען גאָרנישט געקאָנט קלערען, ווער איז דאָס דער בעל-מלאכה פון דער דאזיגער פּלוצלינגער קעלט. אָדער עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז ער האָט געזעהן ווי די פרומע מאַכמעדאַנער לויפען אין דעם הייליגען חודש ראַמאַזאַן צו די נאַכט תפילות און ריכטען אָב אַ מין גאָטעס-דיענסט אונטער דעם פרייען הימעל, ווי די מצוה איז, דאָ איז איהם אָנגעקומען פּלוצלינג זיין קונדס׳עריי, און ער

איז געלאָפּען גיך ביז צום סַמְבַּטיון הָעֶלְיון – דען אויך אויבען אין הימעל איז דאָ אַ סמבטיון – און האָט גיך געכאַפּט דעם מזל „עמער", און האָט איהם פול געשעפּט מיט וואַסער און האָט דאָס וואַסער אַראָבגעגאָסען גלייך אויף דער ערד, און דאָ איז אונטען גע-וואָרען פלוצלינג אַ שלאַגס-רעגען, און דאָס פרומע פאָלק אין מיטען בעסטען אָבריכטען זייער גאָטעס-דיענסט זענען נעביך משוגע׳נערהייט געלאָפען ווי אין אַ מהומה, מיט די ספרים אין די הענד, און האָבען זיך נעבעך גאָרנישט געקאָנט קיין עצה געבען, און אַז דאָס קליינע מלאָכ׳ל האָט דערזעהן די מהומה, וואָס ער האָט אָנגעשיקט אויף די פרומע מאַכמעדאַנער, דאָ האָט זיין הערצעל געלאַכט אין איהם פאַר פרייד און דאָ האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ מין שטורמיש געלעכטער און האָט געטאָמפּעט מיט די פיסעלעך אויף די בלויע פּאָדלאָגע פונ׳ם הימעל און האָט געשריען אויף אַ קול: הוראַ! – אַמאָל האָט ער געזעהן ווי די ליכטיגע לבנה שיינט אַראָב אויף דער ערד, און דאָ איז איהם אָנגע-קומען פלוצלינג זיין שטיפעריי, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט אומגעדרעהט די גרויסע ליכטיגע שיסעל אויף די אַנדערע זייט, און אויף דער ערד איז פלוצלינג געוואָרען פינסטער, פינסטער ווי אין אַ זאַק, און די אָרימע מענשען האָבען גאָרנישט געוואוסט, וואָס דאָ איז אַזוינס מיט זיי געשעהן, דען דער הייליגער „לוח" האָט דאָך פונקט נביאות געזאָגט, אַז עס וועט זיין ליכטיג. אָדער אַמאָל האָט זיך גע-מאַכט, אַז אַללאַה האָט גענומען די לבנה און האָט זי איינגעשלאָסען אין איהר פוטערפאַס, כדי עס זאָל זיין פינסטער אויף דער ערד און די מיעדע מענשען זאָלען קענען זיס שלאָפען און אויסרוהען אַביסעל פון זייער גאַנצער שווערער פראַצע, און דאָ האָט זיך אונזער זיס, קליין, ווילד מלאכ׳ל אויפגעכאַפּט און האָט זיך שטילערהייט אַריינגע׳גנב׳ט דאָרט, וואו די לבנה ליגט בעהאַלטען אין אַללאַה׳ס שאַפע, און דאָ האָט ער אַרויסגע-נומען די לבנה פון איהר פוטערפאַס און האָט אויסגעבויערט אַ לאָך אין די פּאָדלאָגע פונ׳ם הימעל מיט דעם עגבער׳ל פון זיין פעדער-מע-סער׳ל, וואָס ער האָט געקריגען געשענקט צו דעם טאָג, ווען ער האָט אָנ-געהויבען קאָראַן, און דאָ האָט ער די לבנה אַריינגעשטופּט אין אָט יע-נעם לאָך, און פלוצלינג איז געוואָרען ליכטיג אויף דער גאַנצער וועלט; און דאָס מלאָכ׳ל האָט זיך אַנידערגעשטעלט הינטער דער לבנה און האָט

אַראָבגעקוקט אויף דער ערד, צו זעהן וואָס עס טהוט זיך דאָרט, און דאָ זעהט ער וואָס פאַר אַ געוואַלד, וואָס פאַר אַ געפילדער, וואָס פאַר אַ פערדרעהעניש עס טהוט זיך דאָרט! דען די מענשען האָבען געגלויבט דעם „לוח" און האָבען זיך פערלאָזט, אַז עס וועט זיין פינסטער און דאָ האָבען זיי געהאַלטען אין בעסטען מיטען פון זייערע שמד־שטיק און פערברעכען און עבירות: מענשען, וואָס האָבען גאָרנישט געזאָלט איינס דאָס אַנדערע קושען, זיי האָבען דוקא זיך געקושט און געהאַלזט מיט גרויס ליעבשאַפט, און מענשען, וואָס איינער דעם אַנדערען האָט דוקא געזאָלט ליעב האָבען, זיי האָבען געבעך זיך גאָרנישט ליעב געהאַט, און אדרבא, זיי האָבען זיך גאָר געשלאָגען און געפאַטשט, איינער דעם אַנדערען, און דער אייגענער מאַן האָט געשלאָגען און געפאַטשט זיין אייגען ווייב; און עטליכע פון די מענשען זענען אויפגעשטאַנען אין דער פינסטער אונטערצוגראָבען הייזער און ארויסצוגעהן אויף גנבות און גזלות, און דאָ האָט פלוצלינג די לבנה אָנגעהויבען שיינען און די גאַנצע וועלט האָט געזעהן זייער שענדליך טהון; און דאָס קליינע מלאכ׳ל האָט דאָס דערזעהן און דאָ האָט ער אָנגעהויבען צו פאַטשען אין די הענדטלעך און צו טאָמפּען מיט די פיסלעך און צו שפּרינגען און צו שרייען און צו לאַכען אויפ׳ן קול, אַז דער הימעל האָט אַזש אָנגעהויבען צו פּלאַצען פאַר גרויס רעש.

אָבער נישט בלויז מיט די איינוואוינער פון דער ערד האָט אונזער קליין מלאכ׳ל אַזעלכע קאַטאָוועסלעך געטריבען, דען טיילמאָל האָט זיך איהם גאָר פערגלוסט, זיינע מחזקות אויך מיט די הימעלס-לייט צו מאַכען. — אַמאָל האָט ער געזעהן אַבו-בֶקר, דעם הייליגען גרויסען נביא, זיצען אין אַ ווינקעלע און כאַפּען אַ דרעמעל. דען אַבו-בקר איז אַן׳אַלטער מאַן און איז מיעד און אָבגעמאַטערט, און אַז ער זעצט זיך אַוועק אויף איין מינוט, דאָ בעפאַלט איהם באַלד אַ שלאָף; און דאָ איז אונזער מלאכ׳ל ביי איהם גראָד פאַרבייגעגאַנגען און האָט דערזעהן די טאַבאַק-פושקע, וואָס דער אַלטער האַלט אין האַנד, און אָט איז אונזער מלאכ׳ל זיך אין די הימלישע קיך אַריינגעפלויגען, דאָרט וואו עס קאָכען זיך אַלע גוטע זאַכען פאַר די פרומע וועגען, און די גוטע זאַכען קאָכען זיך אין קעסעל מיט אַ סך פעפער, ווי עס געהערט צו זיין; און דאָ האָט ער אַרויסגענומען זאַלץ און פעפער

און איז גיך צוריק צו אַבּוּ-בּקר׳ן און האָט שטילענקערהייט איהם אַריינ-געלעגט דאָס זאַלץ און דעם פעפער אין די פּושקע אַריין, און אַז דער אַלטער איז דערוואַכט און האָט גענומען אַ שמעק טאַבּאַק ווי דער שטיי-גער איז, דאָ איז איהם דאָס זאַלץ און דער פעפער געשטיגען אין די נאָז אַריין, און דאָ האָט ער אָנגעהויבּען שטאַרק ניסען, איינמאָל און צווייטאָל און דריימאָל, אַז עס האָט גאָר נישט געוואָלט קיין סוף נעהמען, און דער אַלטער נעבּעך איז געוואָרען צו שאַנד און צו שפּאָט בּיי אַלע יונגע מלאָכים׳לעך, און אַלע האָבּען געלאַכט אויפ׳ן קול, און אונזער מלאָכ׳ל האָט געלאַכט מעהר ווי אַלע. אָבּער אַזעלכע געלעכטערלעך, ווי ער האָט זיך געמאַכט מיט אַבּוּ-בּקר׳ן, האָט ער געמאַכט אויך מיט מַחמֶד׳ן און מיט זיין ווייבּ כַּדִידזשאָ אַליין. אַמאָל איז ער זיך שפּאַציערען געפלויגען אין דעם גן-עדן הָעֶליון, און דאָ האָט ער אויף אַ גראָזבּאַנק אין גאָר-טען דערזעהן ווי מחמד זיצט מיט זיין ווייבּ כדידזשאָ, און מחמד האַלט זיין קאָפּ אין זיין ווייבּ׳ס שויס, און איז ענטשלאָפען געוואָרען, און כדידזשאָ האַלט אין דער האַנד אַ קאַם און קעמט איהם זיינע האָר און רייניגט זיי, בּיז זי איז אויך ענטשלאָפען געוואָרען. דאָ איז אונזער מלאָכ׳ל פאַמעליך אויף די שפּיץ נעגעל צוגעגאַנגען, און האָט צוגעבּונ-דען כדידזשאָ׳ס צאָפּ צו מחמד׳ס בּאָרד, און האָט זיי פעסט פערקניפּט, און איז שטילערהייט אַוועק פון דאָרט. ווי אָבּער די אַלטע לייט זענען דערוואַכט און האָבּען געזעהן, אַז זיי זענען צונויפגעבּונדען, האָבּען זיי זיך געוואָלט גראָד אַ בּיסעל צווערטלען, ווי דער שטייגער איז צווישען מאַן און ווייבּ, און האָבּען געוואָלט איינס פון דעם אַנדערען אַנטלויפען, און האָבּען אָבּער נישט געקאָנט, דען זיי זענען דאָך געווען צונויפגעבּונדען, דאָ זענען זיי געוואָרען צום געשפּעט פאַר׳ן גאַנצען הימעל, פון איין עק הימעל בּיז צום אַנדערען, און די מלאָכים און די שְׂרָפִים און די כְּרוּבִים זענען ארויסגעפּלאַצט מיט אַ שטורמיש געלעכטער ווי זיי האָבּען די דאָזיגע זעלטענע ערשיינונג דערזעהען, דען אַזעלכעס האָבּען די איינוואוינער פון הימעל נאָך נישט געזעהן זינט דער הימעל שטעהט.

און אַללאַה האָט געזעהן און געהערט און געוואוסט אַלצדינג, וואָס זיין ליעבּ מלאכ׳ל טהוט, און האָט איהם געשוויגען און האָט איהם קיין בּייז וואָרט נישט גערעדט און האָט איהם געלאָזט ווייטער אַזעלכע

מעשיות אָבאַרבייטען, דען ער האָט איהם זעהר ליעב געהאַט, און טייל־מאָלס האָט ער ביי זיך אין האַרצען שטילערהייט זיך גאָר געפרעהט איבער אַלע יענע קונדס'ערייען און אויסגעלאַסענע מעשה'לעך, וואָס זיין ליעב, ווילד, אויסגעלאַסען מלאכ'ל פערפיהרט, און פלעגט ביי זיך זאָגען: פרעה דיך, קונדס'ל! — דען וויסען זאָלט איהר, מיינע ליעבע אייניק־לעך און אוראייניקלעך, ס'איז אַ ליגען וואָס מען האָט אויסגעטראַכט, אַז אַללאַה איז אַ בייזער און געהט אַ גאַנצען טאָג אַרום מיט גרימצאָרן און רַק ער דונערט און בליצט — אדרבא! אויך ער וויל, אַז דער הי־מעל זאָל אייביג זיין לוסטיג און פרעהליך און אַלעס זאָל זיין אויפגע־רוימט און אַלעס זאָל לאַכען און פרעהען זיך.

אָבער יעדע זאַך האָט אַ מאָס! ווי אונזער מלאָכ'ל האָט איבער־געכאַפּט אַביסעל דאָס שנירעל און זיין אויסגעלאַסענקייט האָט שוין גאָר קיין מאָס און גאָר קיין גרעניץ נישט געהאַט, דאָ האָט אויך אַללאַה נישט מעהר געקאָנט שווייגען און האָט איהם געמוזט אַביסעל בע־שטראָפען.

איהר ווילט וויסען, קינדערלעך, ווי דאָס איז צוגעגאַנגען? — גאַנץ פּראָסט, זאָג איך אייך!

אין איין שעהנעם פריהמאָרגען קומט זיך אונזער מלאכ'ל אין דעם שטאַל אַריין, דאָרט וואו עס שטעהט אַללאַה'ס „וואָגען" און דאָ כאַפּט ער זיך צו דער מלאכה און פיהרט אַרויס דעם וואגען פונ'ם שטאַל, און גיך לויפט ער צו די מזלות און נעהמט פון די צוועלף מזלות אַלץ, וואָס ער קאָן אָט יעצט ברויכען, למשל דעם מזל „לעמעל" און דעם מזל „אָקס" און דעם מזל „ציקעלע" און דעם מזל „לייב" און שפּאַנט זיי אַלע איין אין דעם וואָגען, און דאַן נעהמט ער דעם מזל „בויגען" און הענגט איהם אַריבער פּאָרענט פאַר דעם וואָגען, אַז עס זאָל זיין מיט אַ דוגע פון פאָרענט, און דעם מזל „צווילינג" זעצט ער אַוועק אין וואָגען אַריין און ער אַליין זעצט זיך אַוועק אויף די קעלניע פאָ־רענט, און היידאַ! מיט אַ גרויס געטומעל און געפּילדער און גערויש פאָהרט מען אין איין אימפּעט פון איין עק הימעל ביז צום אַנדערען עק! צום סוף אַז אונזער מלאכ'ל איז אָנגעקומען אין די שעהנסטע און פאָרנעהמסטע גאַס פון דעם הימעלס גאַסען, דאָרט אין די הויפּט-גאַס אַריין, וואָס ווערט אָנגערופען „מילך-גאַס", דאָ האָבען פלוצלינג די

שטילע פאָרנעהמע איינוואוינער פון דאָרט דערהערט דאָס קנאַלען פון אַ בייטש און דאָס געררויש פון רעדער און האָבען זיך אַלע אויפגעכאַפּט אין איין ציטערניש, און די מהומה איז געווען גאָר אומבעשרייבליך, דען אַלע האָבען געמיינט, אַז אַ שונא איז פּלוצלינג בעפאַלען דעם הימעל, כדי מלחמה צו האַלטען, און די געפּלאַסטערטע שטיינער פון דער מילך־גאַס זענען צעזעצט און צעשפּרונגען געוואָרען פאַר גרויס איילעניש פונ׳ם וואָגען, און פון די שטיינער איז געוואָרען ברעקלעך און פון די ברעקלעך איז געוואָרען שטערענדלעך — אָט ווי מיר זעהען עס טאַקי ביז צום היינטיגען טאָג. און אַלע איינוואוינער פון אויבען, פון איין עק הימעל ביז צום אַנדערען עק, האָבען אָנגעהויבען געוואַלד צו שרייען, אַז אַזאַ מעשה־רע האָט נאָך נישט פּאַסירט זינט דער הימעל שטעהט, און די עלטסטעלייט פון הימעל געדענקען נישט, אַז אַזאַ יונג, קליין מלאָכ׳ל זאָל זיך קאָנען אַזוינס אונטערשטעהן, דאָס געשפּעט צו האָבען פון אַלטע בכבוד׳ע לייט, און די אַלטע האָבען אָנגעהויבען זיפצען און קלאָגען און אויקען, אַז „אַפילו אין הימעל האָט מען אויך שוין מישטיינס געזאָגט קיין מנוחה נישט”! און דאָ האָבען זיי געהאַט בדעה אַהין צו געהן ביז צום הייליגען וואָלקען, און צו דערצעהלען אַלצדינג, אַז אַללאַה אַליין זאָל וויסען וואָס זיין מוזיניק׳ל האָט אָנגעמאַכט. נאָר איהר ווייסט דאָך, אַלטע לייט רעדען נאָר מיט דעם מויל און טהוען טהוען זיי גאָרנישט! אָבער, זעהט איהר, דאָרט אין הימעל אויפ׳ן עק פון דער מילך־גאַס אין אַ פערבאָרגענעם ווינקעל וואוינט זיך די „בתולה”, אָט יענע בתולה, וואָס איז אויסגערעכענט צווישען די צוועלף מזלות, און דאָס איז אַנ׳אַלטע, פערגרינטע, אויסגעדאַרטע בתולה, וואָס האָט קיין מאַן נישט געקריגען, און זי זיצט דאָס אַלץ נאָך פעריאַדעט און פערביטערט און וואַרט אויף איהר דערלעזער, און זי האָט אַ געשליפען מיילעכעל און אַ שפּיציג צינגעל, אַז אַלע, וואָס וואוינען אויבען אין הימעל, כאַפּט אָן אַ פחד, ווען מען דערמאָהנט איהר נאָמען. און דאָ איז די דאָזיגע „בתולה” געלאָפען אין איין אימפּעט אַהין ביז צום הייליגען וואָלקען, און אַז אַללאַה האָט זי דערזעהן אָנקומענדיג, דאָ האָט אויך ער, כביכול, אַ ציטער געגעבען, דען ער האָט גוט געקענט די געעהרטע „בתולה” און האָט וואויל געוואוסט, אַז אַפילו דער שטן געהט איהר אויס׳ן וועג. אָבער דאָסמאָל האָט דאָך די „בתו-

לה" רעכט, זעהר זעהר האָט זי רעכט! אַ אונרעכט איז אין הימעל געשעהן, אַ מעשה וואָס זאָל גאָרנישט געדאַכט ווערען, און עס איז גאָר נישטאָ קיין אַנדערע עצה, ווי דעם פערברעכער צו בעשטראָפען, און אַפּילו האַרט, זעהר האַרט, צו בעשטראָפען! — און דאָ האָט אַללאַה גערופען צו זיך דאָס קליינע מלאָכ׳ל און האט גערעדט צו איהם אַזוי: „מאַרש! מאַרש אַרויס פון הימעל און אַראָב אויף דער ערד, און דאָרט וועסטו צווישען די מענשען וואוינען און וועסט נישט מעהר אין הימעל אַרומווירטשאַפטען. זעהסטו, דו ביזט דאָך גאָרנישט ווי אַ מלאָך געווען, וואָס איז רעכטשאַפען און פרום און גוט, נאָר פראָסט ווי אַ מחבל ביזטו געווען, וואָס יעדע הייליגקייט איז ביי איהם אַ געלעכטערעל און וואָס אַפילו אַ „בתולה" איז ביי איהם גאָרנישט קיין מיוחס, איהר אָבצוגעבען דעם געהעריגען כבוד. און דעריבער, מאַרש אַראָב אויף דער ערד, און דאָרט וועסטו וואוינען, ביז דער צאָרן פון דיינע פיינד וועט זיך אַ ביסעל האָבען געלעגט, און דאָ ערשט וועסטו קענען צוריק צו אונז. אָבער וויסען זאָלסטו: נישט איך וועל דיך צוריקנעהמען אין הימעל אַריין, נאָר דו אַליין מיט דיין אייגענעם כוח און מיט דיין אייגענעם פערשטאַנד מוזטו זעהן צוריקצוקומען, און פון הימעל וועט קיינער נישט זיין. וואָס וועט דיר דערביי עפּעס העלפען!"

און אַללאַה האָט געלאָזט אַ שווערען שלאָף פאַלען אויף אונזער מלאָכ׳ל און אין שלאָף האָט ער איהם די שניי-ווייסע פליגעלעך אָבגעשוירען.

ווי דאָס קליינע מלאָכ׳ל איז דערוואַכט געוואָרען, דאָ האָט ער זיך אויסגעריבען די אויגעלעך און האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען, און דאָ האָט ער געזעהן, אַז ער ליגט אויף דער ערד אין אַ גאָרטען אויפ׳ן פעלד, און אַ רויזען-ריח קיצעלט איהם ביי די נאָז-לעכעלעך, און זיסע ליכט-שטראַהלען צעגיסען זיך איבער׳ן גאַנצען פלאַץ, און זומער-פויגעלעך און זשוקעס שווימען אַרום אין דער קריסטאַל-ריינער לופט, און אויבען אין דעם בלויען ים אונטער׳ן הימעל פליהען אַרום די פויגעלעך און זינגען און זינגען, אָהן אַ סוף,

אַהן אַ מאָס. דאָ האָט ער זיך געדרעהט אַהין און אַהער, און פערוואונדערט האָט ער אַלעס אָנגעקוקט, און האָט גאָרנישט געוואוסט, וואו ער איז דאָ אין דער וועלט; און נאָר איינציגווייז, איינציגווייז האָט ער זיך אָנגעהויבען צו דערמאָהנען, און דאָ האָט ער זיך דערמאָהנט און געדענקט אַלצדינג, וואָס האָט זיך מיט איהם אָבגעטהון אין די לעצטע פאָר שעה און דאָ איז איהם פלוצלינג געוואָרען צפעס אַזוי אומעטיג און טרויעריג, און ער האָט אָנגעהויבען צו טראַכטען און צו טראַכטען. אָבער דאָס לאַנגע טראַכטען און די טיעפע מחשבות האָט אונזער מלאָכ'ל פון תמיד אָן נישט ליעב געהאַט, און זיי זענען איהם געוואָרען לעסטיג אויך אַצינד, און דאָ האָט ער געלאָזט דאָס טראַכטען און דאָס קלערען, און האָט אָנגעהויבען מיט כונה בעטראַכטען און בעקוקען אַלעס אַרום און אַרום, און דאָ האט ער געזעהן, אַז דאָס אַלעס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, און אַלעס האָט איהם אָנגעהויבען צו געפעלען. און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך און איז אַהין צום פרישען קוואַל, אין דעם טייך מיט די טאַנצענדיגע וועלען און מיט די קליינע און גרויסע פישעלעך, און די בלומען און די רויזען האָט ער מיט חשק בעטראַכט, און אַרומגעשפּרונגען איז ער פון בלום צו בלום און פון רויז צו רויז, און איז געווען גליקליך און צופריעדען, לוסטיג און אויפגערוימט, ווי נאָך קיינמאָל נישט. „איהר ליעבע זומער־פויגעלעך!" – האָט ער גערופען – „וואו איהר וועט פליהען, וועל איך אויך פליהען און וואו איהר וועט טאַנצען, וועל איך אויך טאַנצען; אַלעס גלייך מיט אייך!" און דאָ האָט ער געפּרובט אויפהויבען זיך פון דער ערד און מיטפליהען, אָבער – אַ צרה איז איהם געשעהן! – אַללאַה האָט ביי איהם דאָך צוגענומען זיינע פליגעלעך און ער האָט עס גאָרנישט געוואוסט, דען אַללאַה האָט זיך געטראַכט: זאָל ער נאָר נישט קיין פליגעל האָבען און זאָל ער נישט צו גיך צוריק אויפ'ן הימעל אַרויף. „גם זו לטובה! זאָל דאָס זיין צום גוטען!" האָט אונזער מלאָכ'ל אויסגערופען און האָט זיך צוויי טרעהרען אויסגעווישט פון זיינע צוויי אויגען, פון דעם רעכטען און פון דעם לינקען אויג, איין טרעהר פאַר גרויס טרויעריגקייט און איין טרעהר פאַר גרויס שמחה – „ווי עס ווייזט זיך אויס, וועל איך שוין נישט קאָנען צוריק אויפ'ן הימעל

אַרויף, ביז מיינע פליגעל וועלען מיר ווידער אָנוואַקסען. אָבער אויך די ערד געפעלט מיר גאָרנישט שלעכט; זי איז גאָרנישט אַזוי שלעכט און אַזוי מיאוס, ווי מען האָט מיר אייביג אָנדערצעהלט אין הימעל! אדרבא, אַלעס איז דאָ אַזוי לוסטיג און אַזוי אויפגערוימט דעם גאַנצען טאָג, און קיינער פערלאַנגט גאָרנישט פון מיר, אַז איך זאָל געהן שטענדיג איינגעשפּאַנט אין דעם כאָמאָנט און זיין פרום און שטיל און געלאַסען פון אינדערפריה ביז ביינאַכט". אַזוי האָט אונזער ווילד, זיס מלאָכ'ל צו זיך גערעדט, און דאַן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרומגעשפּרונגען מיט די זשומעדיגע ביהנען און מיט די רוישעדיגע פליגען און מיט די קוואָקעדיגע פרעש און מיט די שרייעדיגע איידעקסען; און אַללאַה אויבען אין הימעל האָט דאָס אַלץ געזעהן און האָט זיך בעהאַלטענערהייט צוגעקוקט צו אַלעם, וואָס זיין ליעב מוזיניק'ל טהוט, און זיין האַרץ האָט זיך גע-פרייט און ער האָט איהם ליעב געקריגען טויזענדמאָל מעהר ווי פריהער.

צומאָרגענס אינדערפריה, אַז עס איז טאָג געוואָרען, דאָ איז אונזער מלאָכ'ל אויפגעשטאַנען גאַנץ צייטליך און איז זיך אַביסעל געגאַנגען צווישען מענשען און האָט אָנגעהויבען צווישען מענשען צו ווילען זיך — עטליכע טעג און עטליכע וואָכען איז זיך אונזער מלאָכ'ל אַזוי געווען צווישען מענשען, און זיי זענען איהם גאָר נישקשה געפעלען געוואָרען, און ער האָט איינגעזעהן, אַז זיי זענען טויזענדמאָל בעסער ווי זייער שם, וואָס מען האָט זיי געמאַכט אויבען אין הימעל, און דאָ האָט ער זיך זעהר געפרעהט מיט זיי און נאָר שטילערהייט האָט ער געמוזט לאַכען איבער זיי, אַז ער האָט זיך אַמאָל צוגעהערט צו זייערע חקירות און זייערע תורות און זייערע סיסטעמען און פילאָזאָפיעס, וואָס איינער לערנט מיט דעם אַנדערען וועגען גאָט און וועגען הימעל, וועגען גיהנם און וועגען שטן, און יעדער מיינט אַלץ, אַז ער האָט דאָס דעם גאַנצען אמת שוין געפונען, און אַלע צוזאַמען זענען זיך דאָך טועה פון קאָפּ ביז צו די פיס און ווייסען דאָך לחלוטין גאָרנישט, וואָס זיי רעדען; יעדעס מאָל האָט געמוזט אונזער מלאכ'ל שמייכלען — אָבער דעם אמת האָט אויך ער זיי נישט געזאָגט.

און אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען וואכען און חדשים.

און זעהט איהר, מיינע קינדערלעך: איינציגוויז, איינציגווייז האבען די מענשען אָנגעהויבען ביי איהם זייער חן צו פערלירען און האָבען אָנגעהויבען ווערען אַביסעל נאַריש אין זיינע אויגען און זייער גרויסע און שטאַרקע חכמה האָט אָנגעהויבען פּלוצלינג ביי איהם אַ פּנים צו האָבען פון פּראָסטער נאַרישקייט, און אויך די וועלט האָט אָנגעהויבען אויסצוקוקען ביי איהם ווי אַ נאַרישע לעס-טיגע וועלט, און אַלעס איז איהם געוואָרען לעסטיג און לאַנגווייליג, און ער האט דאַן געהאַט נאָר איין וואונש: צו ענטקומען פון דאַ-נען וואָס גיכער — און דאָ איז ער געוואָרען טרויעריג און אומעטיג און איז אַרומגעגאַנגען פערטראַכט און ווי פערחלום׳ט.

„קאָנט איהר מיך נישט אויפהויבען און מיטנעהמען ביז צו אַללאַה׳ן, וואָס וואוינט אין הימעל?“ האט ער געפרעגט די פויגעל וואָס פליהען ביז צו די וואָלקענס. „מהיכא תיתא!“ האבען איהם די פויגעל געענטפערט — „פון אונז ביז צום אָרט, וואו אַללאַה זיצט, איז סך-הכל נאר איין טריט, און ווער נאָך קאָן, אַזוי גוט ווי מיר, דיך הויבען ביז צום הימעל?“ — אָבער די דאָזיגע בעריהמערס הא-בען נאר געקאָנט זיך בעריהמען און מקיים זיין האבען זיי גארנישט געקאָנט. ביז איבער׳ן דאַך פון דעם הויכען „מינאַרעט“ האבען זיי דאס קליינע מלאָכ׳ל געקאָנט הויבען, און דאָ האבען זיי זיך אָבגע-שטעלט און ווייטער האבען זיי שוין נישט געקאנט, און דא האט געמוזט דאס מלאכ׳ל צוריק אַראָב מיט זיי אויף דער ערד, און איז שוין ווייטער געוועזן אויף דער ערד ווי פריהער.

„איז נישט פאַרהאַנען דאָ עפּעס אַ געלעגענהייט, וואָס פאָהרט גראַד אין הימעל אַריין?“ האָט דאָס קליינע מלאָכ׳ל אויסגערופען צומאַרגענס אינדערפריה, ווי ער איז געשטאַנען אין גאַס אויפ׳ן פעלד — „יאָ יאָ, עס איז פאַרהאַנען, דו מוזט אָבער גיך מאַכען און נישט זוימען!“ האָט איהם אַ שטאַרק, מעכטיג קול געענט-פערט, און אין דער אייגענער מינוט איז אַ גרויסער מעכטיגער שטיין-אָדלער מיט לאַנגע מעכטיגע פליעגעל פאַרבייגעפלויגען איבער זיין קאָפּ אין דער הויך, און דאָ האָט אונזער מלאָכ׳ל זיך אַרויפ-געכאַפּט אויף דעם אָדלערס פליעגעל, און אַזוי זענען זיי אַרויף

אין די חאָלקענס אריין און אַזוי זענען זיי צוזאַמען געפלויגען העכער און העכער, העכער און העכער, ביז זיי זענען געווען איבער די שפּיצען פון די העכסטע בערג, וואָס אנ׳אייביגער שניי ליגט אויף זיי; אָבער העכער פון די דאָזיגע בערג האט אויך דער אָדלער זיך נישט דערהויבען, דען ער האָט נישט געקאָנט מעהר, און פון דאָרט ביז צום הימעל איז דאָך פאָרט נאָך אַ שעהן שטיקעל וועג. „אויך דו ביזט נאָר אַ בעריהמער, אַ פלוידער-זאַק!" האט דאָס מלאָכ׳ל אויסגערופען און איז אַראָב פון דעם אָדלער און איז געגאַנגען צופוס און האָט זיך שטאַרק פערטראַכט.

„דו מוזט דיך צו די מענשען ווענדען — ציפּצעריפּ! ציפּצעריפּ!" האָט זיך אַ שוואַלב אָנגערופען, זיך ווענדענדיג צום מלאָכ׳ל — „זעהסטו, איך האָב מיט דעם מענש יאָהרענלאַנג געוואוינט, מיר בייזע האָבען אייגענטליך איין דאָך נאָר געהאַט, און איך קען איהם, זאָג איך דיר, גאַנץ גוט און גאַנץ גענוי, און הער וואס איך זאָג דיר: אַ חכם איז דער מענש, קלוגער פון אַלע בעשעפענישען אויף דער וועלט, און זיין עצה איז פּראָסט געטליך, און דעריבער ראַט איך דיר: געה אַהין צו איהם און ער וועט דיר שוין אַנ׳עצה געבען — ציפּצעריפּ, ציפּצעריפּ!"

„דער מענש?!" האט זיך דאָס מלאָכ׳ל אָנגערופען און האָט זיך צעלאַכט — „דו טרייבסט אַוודאי קאָטאָוועס מיט מיר, ווען דו זאָגסט: דער מענש איז אַ חכם; און איך, זעהסטו, איך האָב דאָך ביי איהם גאר דאס געגענטייל געזעהן!"

„דאס איז מסתמא נאר אַזאַ צופאַל געווען, און טאַקי נאר דעריבער, ווייל געוועהנליך האבען רק נאַראָנים מיט מלאָכים צו טהון", האט די שוואַלב געענטפערט — „אָבער פּרוב דיך נאר און זוך גוט, וועסטו זעהן, וואס פאַראַ חכמים עס געפינען זיך צווישען די מענשען, און דו וועסט איינזעהן, ווי גערעכט איך בין — ציפּצעריפּ, ציפּצעריפּ!"

„אָמן, הלואי זאָל אַזוי זיין ווי דו זאָגסט!" האָט דאָס מלאָכ׳ל געענטפערט און איז אַוועק פון דאָרט און איז געגאַנגען העט, העט, ביז ער איז אָנגעקומען אין אַ גרויסע שטאָדט.

ענדליך איז ער געקומען צו אַ מענש, וואָס וואוינט אין אַ

פרעכטיגען הערליכען פאַלאַץ, און דער דאָזיגער מענש האָט געהאַט אַ גרויסען ברייטען שטערען, און ווי דאָס מלאָכ׳ל האָט דערזעהן אָט יענעם שטערען, דאָ האָט ער ביי זיך געטראַכט: אין אַזאַ שטע-רען וואוינען נאָר גרויסע, הויכע געדאַנקען! און דער דאָזיגער מענש איז געזעסען ביי זיין קאַנטאָר-טיש, און ווי דער מלאָך איז שטילער-הייט צו איהם צוגעגאַנגען, האָט ער גראָד געצעהלט די פעקלעך וואָס זענען געלעגען אָנגעהויפט פאַר איהם: „איין מיליאָן — הונ-דערט מיליאָנען — טויזענד מיליאָנען" — האָט דער מענש גערעדט צו זיך אַליין — „ווי עס ווייזט זיך אויס, האָב איך שוין מעהר מיל-יאָנען, ווי אַללאַה האָט שטערען אין הימעל; מיינע געדאַנקען געהען אַלץ העכער און העכער און זיי שטייגען אַריבער איבער די גאַנצע וועלט און גרייכען ביז צו די ווייטסטע אינזלען, און ווער ווייסט, צי מיט מיין געלד וואָלט איך נישט זיין אימשטאַנד, מיר אַ הויז אויפצובויען אפילו אויף דעם העכסטען שטערען אין הימעל". און אונזער מלאכ׳ל האָט דאָס אַלץ געהערט און האָט ביי זיך געטראַכט: „אויב אַזוי, דאָ האָב איך דאָך פונקט אַריינגעטראָפען צו אַזאַ מענש, ווי איך זוך! ווען דער דאָזיגער מענש האָט באמת אַזעלכע גרויסע און הויכע געדאַנקען, וואָס שטייגען ביז צו די וואָלקענס און וואָס גרייכען ביז אין די ווייטע הימלען אַריין, דאָ ברויך איך דאָך נאָר צו וואַרטען ביז אַזאַ געדאַנק וועט אַרויס פון זיין שטערען, און דאָ וועל איך מיט איהם באַלד אַרויף גלייך אין הימעל אַריין",—און דער מלאך האָט געוואַרט און האָט געלויערט אויף אַזאַ געדאַנק, און ווי אַזאַ געדאַנק איז אַרויס פונ׳ם מיליאָנער׳ס קאָפּ, דאָ האָט זיך דאָס מלאכ׳ל אַרויפגעכאַפּט אויף איהם און האָט אָנגעהויבען רייטען אויף איהם און איז געפלויגען און געפלויגען און איז געשוועבט און געשוועבט — און פון די מינוטען זענען געוואָרען שעה׳ן, און פון די שעה׳ן זענען געוואָרען טעג, און דאָס פליהען האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען. אָבער ווי דאָס מלאכ׳ל האָט אָנגעהויבען זיך גוט אַרומקוקען, דאָ האָט ער דערזעהן, אַז נישט געשטיגען זע-נען זיי, נאָר אַראָבגענידערט, נישט העכער זענען זיי גע-קומען, נאָר נידריגער און עס פעהלט נאָר נאָך אַביסעל און זיי וועלען זיך באַלד אַרומקייקלען אין דער בלאָטע דאָרט אין דער

טיפעניש פון דער העל, אַנשטאָט וואָס זיי האָבען געמיינט צו קו־מען אין הימעל אַריין, און נישט ביז צו די שטערען זענען זיי אָנ־געקומען, נאָר ביז צו די געלד־זעק, וואָס ליגען אויף דער ערד. דאָ האָט זיך אונזער מלאכ׳ל מיט אימפעט אויפגעכאַפּט און האָט געראַטעוועט זיין נשמה און איז ענטרינען געוואָרען, און ביי זיך האָט ער זיך געטראַכט: ניין, מיט עשירות קומט מען נ י ש ט אין הימעל אַריין!

דאַן איז ער געקומען צו אַ מענש, וואָס געהט אָנגעטהון אין גאָלד־געשטיקטע קליידער און וואָס ער טראָגט אַ שווערד אין דער זייט, בעזעצט מיט לויטער ברילליאַנטען און עדעלשטיינער, און דאָס פנים פון דעם דאָזיגען מענש איז פלאַמען־רויט און איז פול מיט שטאָלץ און גרויסקייט און מאַכט און גבורה און זיעג. דאָ האָט אונזער מלאכ׳ל באַלד פערשטאַנען, אַז ער איז דאָ אָנגעקומען צו איינעם עפּעס אַ גרויסען בעריהמטען העלד, וואָס האָט לענדער איינגענומען מיט זיין גבורה און פעלקער אונטערטעניג געמאַכט מיט זיין שטאַרקער האַנד; אַ מענש, וואָס די ווייטסטע אינזלען זענען נישט פאַר איהם צו ווייט און וואָס די הימעלס־זיילען קאָנען זיך נישט בעהאַלטען פאַר איהם, אַזוי אַז אַזאַ מענש וויל נאָר, דאָ שטרעקט ער אויס זיין האַנד און כאַפּט אָן די הימלען ביי זייערע זיילען און שאָקעלט זיי אַביסעל אַהין און אַביסעל אַהער און שאָ־קעלט אַרויס פון זיי די שטערען און די מלאכים און די אַלע געטליכע וועזען — און דאָ האָט עס אונזער מלאכ׳ל שטאַרק אַהינ־געצויגען צו דעם דאָזיגען וואונדערליכען מענש, און ער איז גע־שטאַנען און האָט געוואַרט און האָט געלויערט, און ווי עס איז אַרויס אַ געדאַנק פון דעם קאָפּ פונ׳ם העלד, דאָ האָט זיך אונזער מלאכ׳ל צוגעאיילט און האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איהם און איז געריטען אויף איהם און איז געפלויגען און געפלויגען און איז גע־שוועבט און געשוועבט — אָבער באַלד האָט דאָס אָרימע מלאכ׳ל איינגעזעהן, אַז שוין ווידער פיהרט גאַרנישט דער וועג אין הימעל אַריין, נאָר אין די העל אַראָב, אַ רויטער בלוטיגער ים מיט רויטע בלוטיגע וועלען האָט זיך אויסגעגאָסען פאַר זיינע אויגען, און זיי שוועבען אַלץ אויף רויטע בלוטיגע שיפלעך איבער יענעם רויטען בלוטיגען ים, און

דער וועג געהט אַלץ נידריגער און נידריגער אין די העל אַראָב. דאָ האָט זיך אונזער מלאכ׳ל אויפגעכאַפּט מיט אימפּעט און האָט זיך גע-ראַטעוועט זיין נשמה און איז ענטרינען געוואָרען, און ביי זיך האָט ער זיך געטראַכט: ניין, מיט גבורה קומט מען נ י ש ט אין הימעל אַריין!

אַזוי לויפענדיג און נאָך אונטערוועגס זייענדיג, איז ער פערבייגעקומען פאַר אַ גרויס, הויך הויז, און אין דעם דאָזיגען הויז זענען קאַטעדרעס פאַרהאַנען און אויף די קאַטעדרעס שטעהען מענשען מיט גרויסע, דיקע ספרים; דאָס זענען פילאָזאָפישע ספרים, וויסענשאַפטליכע ספרים, חקירה-ספרים, אַלערהאַנד ספרים; און די דאָזיגע מענשען האָבען טיפע קניי-טשען אין די שטערענס און האָבען קיין איינציגע האָר אויף די קעפּ נישט, און זיי שטעהען פאַר זייערע תלמידים און דרשנ׳ען פאַר זיי איבער די סודות פון די הימלען און איבער די סודות פון גאָט — אַזוי אַז עס איז טאַקי נישט פאַרהאַנען קיין איינציגע זאַך, וואָס די דאָזיגע חכמים און פּראָפעסאָרען זאָלען נישט גאַנץ דייטליך וויסען, און אונזער מלאכ׳ל האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט געוואַרט און האָט געלויערט אויף איינעם פון די גרויסע און הויכע געדאַנקען, וואָס וועט אַרויס פון איינעם פון דער חברה. און האָט געוואַרט אַ טאָג און האָט געוואַרט עטליכע טעג און האָט געוואַרט עטליכע וואָכען און עטליכע חדשים — אָבער אומזיסט, דען ביי דער חברה איז כּלל נישט קיין געדאַנק און קיין רעיון און קיין מחשבה פאַרהאַנען. דאָ האָט אונזער מלאָכ׳ל ביטער אויסגערופען „אָך, איך האָב אַ טעות געהאַט! דאָס פאָלק דאָ איז אַ פאָלק גאַנץ אָהן געדאַנקען, און איך האָב נאָר אומזיסט די צייט פערברַאַכט און געוואַרט!" און דאָ האָט ער זיך אויפגע-כאַפּט מיט אימפּעט און איז אַנטלאָפען געוואָרען ווי ווייט די פיס האָבען איהם געטראָגען, און ביי זיך האָט ער זיך געטראַכט: ניין, מיט חכמה קאָן מען נ י ש ט אין הימעל אַריין!

„עס איז פאָרט אַביסעל שווערער, ווי איך האָב ביים אָנפאַנג געמיינט!" האָט דאָס מלאָכ׳ל געטראַכט ביי זיך, און האָט געלאָזט זיין קאָפּ אַראָבהענגען און איז געוואָרען אומעטיג און פער׳מרהשחורה׳ט. און דאָס קליינע מלאָכ׳ל האָט געוואַנדערט שטאָדט איין, שטאָדט אויס, לאַנד איין, לאַנד אויס, און האָט געוואַנדערט וואָכען און חדשים לאַנג, און האָט געוואַנדערט פון א י י ן פאָלק צום אַנדערען פאָלק,

פון אײן מדינה צו דער אַנדערער מדינה, און צום סוף איז ער אָנגעקומען ווידער צו יענעם אָרט אינ׳ם גאָרטען אויפ׳ן פעלד, דאָרט וואו ער איז דערוואַכט דאָס ערשטע מאָל נאָך זיין אַראָבקומען פון הימעל אויף דער ערד.

און דער זומער איז געלעגען אויסגעגאָסען אויפ׳ן גאַנצען לאַנד און עס האָט געגלאַנצט און געשײנט, און דער רויזען־ריח איז זיך צעגאַנגען איבער די גאַנצע ערד, און זומער־פויגעלעך און זשוקעס און ביהנען האָבען געטאַנצט אין דער וואַרימער קריסטאָל־רײנער לופט, און די פויגעלעך אונטער דעם בלויען הימעל האָבען געזונגען. אויף דעם גראָז אָבער אין דעם גאָרטען איז זיך געלעגען אויסגעשטרעקט אַ יונגער־מאַן, און זײנע אויגען זענען געווען אויפגעהויבען צום הימעל, און ווי ער האט אזוי געקוקט אין הימעל אריין, דאָ האָט זיין פנים גאַנץ קלאָר עדות געזאָגט אויף איהם, אַז יעצט איז ער ווייט פון דער ערד און פון דער וועלט און פון אַלעם, וואָס טהוט זיך דאָ אָב אַרום איהם אויף דער וועלט, דען זיין גייסט שטייגט יעצט אַלעמאָל העכער און העכער, און שטייגט ביז צו דעם אָרט, וואו די וואָלקענס זענען, און פון די וואָלקענס שטייגט ער צום הימעל, און פון הימעל שטייגט ער ביז צום קדשי־הקדשים פון דער זון, און פון דער זון שטייגט ער ביז צום אָרט, וואו דער כסא הכבוד שטעהט און וואו עס זיצט אַללאה גאָר אליין. — אָט דאָ האָט אונזער מלאָכ׳ל אַריינגעקוקט אין די אויגען פון דעם דאָזיגען יונגענמאַן, און ער האָט געזעהן, אַז די אויגען לויכטען ווי די זון און די לבנה און אַלע שטערענס צוזאַמען, און אָט אָט שטייגט אַרויס אַ בליץ פון דעם אויג פונ׳ם יונגענמאַן, און ווי דער בליץ שטייגט אַרויס, דאָ שטייגט ער אַלעמאָל העכער און העכער, העכער און העכער, און דאָ האָט אונזער מלאכ׳ל גיך זיך אָנגעכאַפּט אין אָט יענעם בליץ און האָט זיך אויף איהם אויפגעכאַפּט און איז אויף איהם געריטען און — עס האָט נישט געדויערט קיין רגע, דאָ איז אונזער מלאָכ׳ל שוין געווען אין הימעל און איז שוין געשטאַנען צווישען די טויזענדער פון זײנע ברידערלעך, וואָס האָבען אויף איהם אונגעדולדיג די גאַנצע צייט געוואַרט.

„מאָלאָדיעץ!“ — האָט אַללאה אויסגערופען און האָט געקלאַפּט אונזער קליין מלאָכ׳ל מיט לייטזעליגקייט אויף די פּלייצעס — „אָבער

זאָג מיר וועניגסטענס, ווער דער דאָייגער מענש איז, וואָס אַז ער בליצט נאָר מיט דעם אויג, קען ער ברענגען אין הימעל אַריין זועמען ער וויל נאָר"?

„איך ווייס נישט", האָט דאָס קליינע מלאָכ'ל געענטפערט.

און אַללאַה האָט מיט זיין ווייכער האַנד געגלעט די ווייכע, זיידענע לאָקען פון אונזער קליין מלאָכ'ל און האָט געשמייכעלט און האט געזאָגט: „דאס איז דער פּ אָ ע ט"!

לילית

מיט פיעל, פיעל יאָהרען צוריק האָט געלעבט אין פשיסכע אַ סופר, נאָך גאָר אַ יונגער מענש, אַנ׳עהרליכער און זעהר גאָטספּאָרכטיגער. ער פלעגט זיצען אין אַ קליין בוידעם־שטיבעל, אָבגעזונדערט פון אַלע ערדישע נאַרישקייטען און אָבגעשיידט פון יעטוועדער תאוה, און שרייבען גאַנצע טעג סֵפֶר־תּוֹרָה׳ס, תְּפִלִּין און מזוזות. גערופען האָט מען איהם ר׳ ראוּבֵן בָּחוּר. רֶב — ווייל די מענשען האָבען איהם זעהר געשעצט, און בָּחוּר — ווייל ער האָט נישט געוואָלט חתונה האָבען, טאָמער וועט איהם דאָס ווייב שטערען אין זיין היילּיגער אַרבייט. די זון האָט געשיינט אין מיטען הימעל, די לְבָנָה האָט אַרויסשפּאַצירט לויכטענדיג צווישען דער בלויקייט און די וואָלקענס — ער אָבער האָט גאָרנישט געוואוסט און גאָרנישט געזעהן. דורך די קיילעכדיגע אוֹתִיוֹת מיט זייערע וואונדערליכע תַּגִין, וואָס ער פלעגט שרייבען אין גרויסער היילּיגקייט און ריינליכקייט און מיט אַלע כַּוָנוֹת, וועלכע ליגען אין יעדען אות און אין יעדען תַּג, האָט ער געמיינט צו שטיצען מיט זיינע אָרימע כּחוֹת די בעמיהונגען פון די גרויסע צַדִיקִים — אפשר וועט גראָד איהם געלינגען צו ברענגען די גאולה. יעדער יוד דאַרף דאָך פּרובען. אפילו דער געמיינסטער טאָר זיך נישט אָבזאָגען צו בעטייליגען זיינע שוואַכע קרעפטען אין דער גרויסער זאַך. ביי יעדער פַּרָשָׁה, וואָס ער האָט געשריבען, פלעגט ער זיך טובל זיין מעהרערע מאָל אין מִקְוָה. דער יאָך פונ׳ם שִׁעְבּוּד ציהט זיך אַזוי לאַנג, דער גלות איז אַזוי שווער, אַז עס קלעקט שוין פשוט קיין כּחַ נישט אַריבערצוטראָגען, און אויך די עבירות ווערען אַלץ שטאַרקער — ווער ווייסט? אפשר דורך זיין קליינער אָנשטרענגונג וועט עס ענדליך געלינגען. — אויגען האָט ער געהאַט קליינינקע, נאָר ס׳מאָל פלעגט אין זיי אויפבליצען עפּעס אַ העלע שיין, אַז זיין פּנים, וואָס איז לכתחילה נישט שעהן געוועזן, פלעגט פלוצים פון זיך אַליין זיין פערענדערען און שעהן ווערען. אָבער זיין גוף איז געוועזן זעהר מאָגער און

איינגעטרוקענט, שלאַבעריג און צעקנייטשט פון די פילע תעניתים, וואָס ער האָט געפאַסט, און אין זיין איינגעדאַרטען און בלייכען פנים איז קיין טראָפּען בלוט נישט געווען. און ער איז געזעסען ־ געשרי־בען און געשריבען...

און אין פּשיסכע און אין דער גאַנצער סביבה האָט מען וועגען איהם ממש נסים דערצעהלט.

ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד אין דער וויעג, האָט דער פאָ־טער זיינער, וואָס איז געווען א פשוטער שמש אין אַלטען בית־מדרש, איהם איינמאָל גענומען און איינגעהילט אין אַ טלית און געבראַכט צום רבי ר׳ בונעם, וועלכער האָט אין יענע צייטען אין פשיסכע געפראַוועט חסידות אויפ׳ן היכען שטייגער, און דער רבי ר׳ בונעם, וואָס איז געווען אַ סגי־נהור ר״ל, האָט איהם אַרומגעטאַפּט מיט זיינע דינע פינגער און דאָס פנים האָט איהם אָנגעהויבען צו שיינען. אַ כּלי – האָט ער אויס־גערופען און איז באַלד ענטשוויגען געוואָרען, נישט צוגעבענדיג מעהר קיין וואָרט. ווען ער האָט דאָס זיבעטע לעבענס־יאָהר דערגרייכט און האָט קוים געקענט די צורה פון די אותיות, האָט ער שוין געשריבען פאַר זיין טאַטען די ערשטע מזוזה. ווען ער איז געוואָרען צוועלף יאָהר מיט ניין חדשים, האָט ער פאַר זיך אַליין די תּפילין געשריבען, און זיי זענען געווען גאָר וואונדערליך. דער פאָטער איז דאַמאָלס געקומען צום רבי ר׳ בונעם און מיטגעבראַכט מיט זיך די פרשיות, אָבער דער רבי האָט איהם נישט אָנגענומען, און ער האָט זיי איבערגעלאָזען און איז אַוועק. ווען דער רבי ר׳ בונעם איז אָנגעקומען און האָט געפונען די פּרשיות, האָט ער זיי בעטאַפּט און דורכגעפיהרט זיינע דינע פינגער איבער די אותיות, ווי אַ שוחט פיהרט דורך די שפּיץ־פינגער אי־בער דער שאַרף פון אַ חלף, און ער האָט באַלד דערקענט און געזאָגט, ווער סע כּתב דאָס איז. די דאָזיגע אותיות – האָט ער געזאָגט – האָבען אַ בעזונדערען ריח. און דערנאָך, ווען דער סופר איז געוואָרען אַכצעהן יאָהר אַלט און האָט געשריבען זיין ערשטע ספר־תורה, און אונטער דער צייט איז איהם דער פאָטער געהאַט געשטאָרבען, און ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל ברענגען די הייליגע יריעות צום רבי ר׳ בונעם און איהם זיי ווייזען, איז דער רבי ר׳ בונעם אַליין געקומען צו געהן און בעשטעלט

ביי ר׳ ראובן בחור די ספר־תּורה און איהם בעצאָהלט דערפאַר מיט גאָלדענע רענדלעך.

און דער רעש איז געווען גרויס אין דער גאַנצער סביבה. אַלע האָבען גערעדט וועגען ר׳ ראובן בחור און אַלע האָבען בעלאַגערט זיין שטוב, וואַרטענדיג אויף זיין אַרבייט. איז ווען געראָטען, אַז זייגע מזוזות זאָלען זיין געשריבען פון ר׳ ראובן בחור׳ס האַנד, איז ער גע־ווען געניינט צו גלויבען, אַז אַ סך פון זיינע עבירות זענען איהם פער־געבען געוואָרען. און האָט ווער געהאַט דאָס גליק צו האָבען תּפילין פון ר׳ ראובנ׳ס הייליגען כּתב, האָט ער זיך איינגעשמועסט, אַז ער האָט שוין געוויס אַ חלק לעולם־הבא. און ווער ס׳האָט נאָך גאָר זוכה געווען, אַז זיין ספר־תּורה איז געשריבען געוואָרען פון דעם דאָזיגען הייליג־סטען פון אַלע סופרים, איז ער זיכער געווען, אַז ער האָט זיך געקויפט אַ פּלאַץ אין גן־עדן. הונדערטער מענשען פלעגען קומען צו איהם בע־שטעלען אַרבייט, נאָר ר׳ ראובן איז געווען פערנומען טאָג און נאַכט מיט שרייבען און ער האָט קוים בעוויזען צו בעפריעדיגען די בעדער־פענישען פונ׳ם פאָלק אויף איינס פון הונדערט.

עס זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבען זיך מְצַעֵר געווען דערויף, וואָס גראָד אַזאַ מענש האָט נישט קיין ווייב און זיי האָבען דערפאַר אין דער שטיל געמורמעלט געגען איהם. איינמאָל איז מען אַוועק צום רבי ר׳ בונעם און זיך געקלאָגט פאַר איהם אויף ר׳ ראובן בחור וועגען דעם. אָבער דער רבי ר׳ בונעם האָט בנעימות׳דיג אַ שמייכעל געטהון און געזאָגט: לאָזט׳ס איהם געמאַכט, קינדערלעך! ער איז אַ שָׁרוּי בְּלֹא אִשָּׁה*) זאָגט עט׳ס? — פּטור! אפשר איז ער גאָר אַ שָׁרוּי עִם הַשְּׁכִינָה...**) און פון דאַמאָלס אָן האָט שוין קיינער מעהר קיין פּיפּס נישט געטהון.

און אַזוי זענען אַריבער טעג, און אַזוי זענען אַריבער יאָהרען.

•

איז זיך געשטאַנען אַ שטערען אין מיטען הימעל דריי אַ זייגער

---

*) לעבט אָהן אַ ווייב. **) לעבט מיט [illegible]

ביינאַכט, איינזאַם אליין, און געפונקעלט. מיט טויזענדער יאָהרען צוריק איז דער שטערען דאָ געשטאַנען און געפונקעלט און אין טויזענדער יאָהרען אַרום וועט ער אויך אַזוי שטעהן און פינקלען. אין דער־זעלבער צייט האָט זיך געלעבט אונטער אַ באַלקען פון עפּעס אַ איינזאַמען דאַך ערגעץ־וועז עפּעס אַ מענש, מיט אַ נשמה און מיט אַ גוף, וואָס אַמאָל לאַכט ער און אַמאָל וויינט ער, אַמאָל ווייסט ער, אַז דער הימעל איז זיין און די ערד איז זיינע, און אַמאָל ווערט איהם ענג די גאַנצע גרויסע ערד, ס׳מאָל וויל אין איהם דאָס האַרץ צעשפּרינגען פון פיעל פרייד און פערגעניגען און ס׳מאָל קאָרטשעט זיך אין איהם די נשמה פון שרעקליכע יסו־רים, און ער אַליין ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס און וואָס איהם איז געשעהן. צום סוף ווערט פון אַזאַ מענש אַ הויפען ביי־נער, וואָס מ׳נעהמט איהם און מ׳בעגראָבט איהם ערגעץ אין אַ פייכ־טער גרוב אין דער ערד, איהם מיט זיינע פריידען און ליידען ביי־נאַנד, און דאָרט פוילט ער ביז עס ווערט פון איהם אַביסעל שטויב. אָבער אין טויזענדער יאָהרען אַרום וועט נאָך שטעהן דאָ אין דער הויך אין מיטען הימעל דערזעלבער איינזאַמער שטערען און וועט פינקלען. ווער וועט ביז אויף אייביגע צייטען וויסען, וואָס עס האָט געליטען דער דאָזיגער מענש און וואָס ער האָט זיך געראַנגעלט און געוועהטאָגט טיעף אין זיין נשמה? — שטעהט זיך אַ קאַלטער שטערען אין מיטען הימעל און פינקעלט אין דער נאַכט.

איינמאָל — עס איז געווען אַ זומער־טאָג, אַ הייסער און שווע־רער טאָג, ווי די שווערע, פוילע און פייכטע היץ, וואָס הערשט פרייטאָג נאָכמיטאָג אין מרחץ; די וואָלקענס זענען געווען טונקעל און געדיכט, אָנגעהויפט ווי די סטויגעס, און האָבען געשוועבט אי־בער׳ן הימעל מיט אַ בעזונדערער האַסטיגקייט, ווי זיי וואָלטען זיך געדאַרפט איילען ערגעץ־וואו צו אַ בעשטימטען ציעל; דער הימעל איז דעריבער געווען עטוואָס פערכמאַרעט און אַרויסגעוויזען סימנים פון אבלות — נאָר ר׳ ראובן בחור האָט פון גאָרנישט געוואוסט און

גאָרנישט בעמערקט. געבוקט און איינגעבויגען איז ער געזעסען ביים טיש, געהילט אין טלית ווי זיין שטייגער איז געווען, די פעדער אין דער האַנד, אינגאַנצען אויסגעטהון פון גשמיות און פערזונקען מיט די מחשבות אין די אותיות וואָס פאַר איהם. אין דער מינוט האָט זיך געהערט אַ לייכטער קלאַפּ אין דער טיר, אַ שעהמעוודיגער און נישט דרייסטער קלאַפּ. ר׳ ראובן האָט עס נישט געהערט. ער האָט אין דער רגע געהאַט צו טיעפע כּוונות. דאַן האָט זיך די טיר שטיל געעפענט — און דאָס צימער האָט זיך ווי אָנגעפילט מיט ליכטיג-קייט. ר׳ ראובן האָט עס נישט בעמערקט. ער האָט געשפּירט מיט עפּעס אַ חוש פון אויסערהאַלב זיין נשמה, אַז עס איז דאָ פאָרגע-קומען עפּעס אַ שינוי אַרום איהם, נאָר ער האָט נישט געוואוסט וואָס אַזוינס. ער האָט מפסיק געווען און נישט מפסיק געווען. עפּעס ווי אַ פליעג וואָלט איהם געשטערט. ענדליך האָט ער זי אָבער מיט אַנ׳ענטשלאָסענער האַנד-בעוועגונג אָבגעטריבען, האָט זיך צונויפגע-נומען און זיך בעפרייט פון דער צעטראַגענקייט, וואָס האָט איהם אַ ווייל בעהערשט, און ער האָט זיך אומגעקעהרט צו דער אַרבייט און זיך ווייטער אין איהר פערטיעפט. ער האָט אין יענעם מאָמענט געדאַרפט אויפשרייבען די אותיות און תּג׳ען פון דעם פסוק: וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם*).

אין דער אותו רגע האָט עפּעס אַ מענשליך קול דערלאַנגט צו איהם אין אויער. עפּעס האָט אַ מענשליך וועזען הינטער איהם געהוסט אַ ווייל און באַלד גענומען רעדען. ר׳ ראובן האָט געוואַלדיג אויפ-געציטערט: רבּונו שֶׁל עוֹלָם, דאָס קול איז דאָך אַ קול פון אַ אִשָׁה. און אין דער זעלבער מינוט: און „קוֹל בְּאִשָּׁה עֶרְוָה...״ **).

ר׳ ראובן האָט דעם קאָפּ נישט אויסגעדרעהט נאָך הינטען, נאָר זיצענדיג ווי פריהער, האָט ער אַ פרעג געטהון הינטערוויילעכץ:

„ווער? — אייגענטליך האָט ער געוואָלט פרעגען: „ווער איז דאָרט?״ אָדער „ווער איז געקומען?״ נאָר ער האָט מְקַצֵר געווען און

*) איהר זאָלט נישט נאָכגעהן נאָך אייער הארץ און נאָך אייערע אויגען.

**) אַ שטים פון אַ פרויענצימער איז שאַנדהאַפט.

זיך בענוגענט מיט דעם איינעם וואָרט „ווער?“ וועגען „אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה“*).

– דאָס בין איך: רבקה דעם שוחט׳ס...

די שטים איז געווען זעהר צאַרט, לויטער און קלינגענדיג, אַ שטים פון אַ יונג, צאַרט מיידעלע, כמעט נאָך אַ קינד. ר׳ ראובנ׳ס פנים האָט זיך אָנגעבּרוגזט און שרעקליך זיך פערוואָלקענט.

– וואָס?...

– די מאַמעשי האָט מיך אַהערגעשיקט. מ׳האָט היינט געקוילעט גענז ביי אונז, און מיר האָבען פעדערען. אפשר דאַרף עס דער סופר צו האָבען.

– לאָז איבער...

– די מאַמעשי האָט געזאָגט, אַז וועגען געלד זאָל איך נישט פרעגען. דער טאַטעשי וועט זיין אין בית־מדרש צו מנחה, וועט ער דאָרט אָבנעהמען פון סופר וויפיעל ס׳קומט.

– דאָרט...

דאָס מיידעל האָט אַוועקגעלעגט אויפ׳ן פענסטער די פעדערען. ווען זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, איז איהר שאָטען געפאַלען אויף די יריעות פון דער תּורה, וואָס זענען געלעגען אויפ׳ן טיש, און האָט געטאַנצט איבער די אותיות. ר׳ ראובן איז געזעסען איינגעבויגען און אָנגעלעהנט מיט׳ן שטערען אויף דער האַנד. דאָס מיידעל איז גיך אַרויס.

ר׳ ראובן בחור האָט איינגעאָטעמט אַ פולען שלוק לופט. עס איז איהם, זעהט אויס, אַ שווערער שטיין אַראָב פון האַרצען. אין דער ערשטער מינוט האָט ער נישט געוואוסט, וואָס צו טהון, ערשט שפּעטער האָט ער זיך מיַשב געווען. ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק זיך טובל׳ן.

אין עטליכע שעה אַרום האָט ער די גאַנצע זאַך פערגעסען. זיינע מחשבות זענען ווידער געווען ריין און געלייטערט. עפּעס אַ העכערע רוהיגקייט איז אויף איהם פלוצלינג געקומען; די גאַנצע אינגעווייד אין איהם האָבען געזונגען, טויזענדער פידלען האָבען געשפּיעלט, טויזענדער שופרות האָבען געשאַלט. ערגעץ פון גרויסע און געוואַלדיגע ווייטקייטען, פון

*) זאָלסט נישט צופיעל שמועסען מיט אַ פרויענצימער.

הינטער׳ן פעלד און פון יענער זייט וואַלד, האָט דערלאַנגט צו זיינע אויערען אַ קול פון אַ פויק. און ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ שמחה איז דאָס פלוצלינג און פון וואַנען האָט זי זיך גענומען. ס׳איז קלאָר, אַז די מקוה האָט אויף איהם דאָסמאָל געהאַט אַזאַ וואונדערליכע ווירקונג. מיט גרויס חשק האָט ער זיך געזעצט צום טיש און האָט געשריבען שעה׳ן נאָכאַנאַנד. די כונות זענען געווען טיעף, און דאָס ליכט פון דער תּורה און פון די אותיות התּורה האָט אויף איהם אויסגעגאָסען אַ בעזונדערען חן. זיין איינגעדאַרט פנים און זיינע קליינטשיקע אויגעלעך האָבען אָנגעהויבען שיינען.

נאָר דער גאַנצער פאָרפאַל איז איהם געוואָרען ווי נישט געווען. ער האָט עס שוין גאָרנישט געדענקט און עס איז איהם מעהר אויפ׳ן זינען נישט געקומען.

און אַזוי זענען אַריבער די טעג און אַזוי זענען אַריבער די נעכט.

און אין די נעכט, שוין צום מאָרגען צו, איז געשטאַנען אַ שטערען אין מיטען הימעל אין דער הויך, אַקעגען דעם דאַך וואָס איבער דעם קליינעם בוידעם-שטיבעל, אַנ׳איינזאַמער און קאַלטער שטערען, און האָט געפונקעלט.

און אַזוי זענען אַוועק אַרום דריי וואָכען.

איינמאָל, צום סוף פון דער דריטער וואָך — די נאַכט איז געווען אַ וואונדערליך רוהיגע, האַלב פינסטער האַלב ליכטיג, און די גאַנצע שטאָדט איז געלעגען פערזונקען אין שלאָף; עפעס אַ בלייכע און שמאַכטיגע לבנה איז געשוואומען אָהן כּוחות אין מיטען פון אַ בלייכען און טיעפען הימעל; אַ הייזעריג זייגער-קול האָט געשלאָגען דריי פון דער פינסטערניש אַרויס אין עפעס אַ שטוב; הינטער אַ איינגעהויקערטען פלויט האָט זיך אַ הונד אויפגעכאַפּט פון שלאָף, זיך געקראַצט דעם רוקען מיט דער רעכטער פאָדערשטער לאַפּע און דערנאָך מיט דער לינקער פאָדערשטער לאַפּע, דאַן האָט ער זיך העפטיג איינגאַנצען אויסגעטרייסעלט און אָנגעהויבען בילען עפעס קורצע און אָבגעהאַקטע קולות, פלוצלינג האָט ער זיך מישב געווען און צוריק פערשטעקט דעם קאָפּ צווישען די לאַפּעס און איז ווידער אין דעמזעלבען מאָמענט איינגעשלאָפען — אין דער אייגענער שעה איז אויך ר׳ ראובן בחור געלעגען אויף זיין בעטעל אין

אַ טיעפען שלאָף, אָהן חלומות און אָהן הרהורים. פּלוצלינג, ווי עמיץ וואָלט איהם מיט אַ קרעפטיגען שטויס אויפגעריסען פון שלאָף, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז געבליבען זיצען אויפ'ן בעט. דאָס האַרץ האָט איהם אין דעם מאָמענט געקלאַפּט העפטיג און גיך, ווי מיט אַ האַמער, און די קלעפּ האָבען איהם אַזש אָבגעהילכט אין די אויערען. ביסלעכ-ווייז האָט אויפגעהערט דאָס האַרץ-קלאַפּעניש און ער האָט זיך בערו-היגט איינגאַנצען. פּלוצלינג אָבער איז איהם אַ העכסט אויסטערלישער גע-דאַנק דורכגעלאָפען איבער'ן מוח: — צי איז דאָס נישט מערקווירדיג? זי הייסט רבקה, אין איהר נאָמען זענען אַלזאָ פאַרהאַן די אותיות „ריש" און „בית", ער ווידער הייסט ראובן און אויך אין זיין נאָמען געפינען זיך די אותיות „ריש" און „בית" — צי איז עס נישט מערקווירדיג? — צי איז עס נישט עטוואַס וואונדערליך? — צי איז עס נישט עטוואָס וואונדערליך?... נאָר אין עטליכע מינוט אַרום האָט ער צוריק פערוואָר-פען מיט'ן קאָפּ נאָך הינטען און איז ווידער אין איין מינוט איינגע-שלאָפען.

אָבער אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פונדאַסניי. אין אָנפאַנג האָט ער קיין זאַך נישט געדענקט, נאָר ביסלעכווייז האָט ער זיך דערמאָהנט און ס'איז איהם קלאָר געוואָרען, וואָס עס איז פאָרגעקומען — און אַ געוואַלדיגע אֵימה און פינסטערניש איז איהם בעפאַלען. ער האָט זיך אַ ריס געטהון ווי אַ לייב און איז גיך אַראָבגעשפרונגען פונ'ם בעט, האָט צורעכט געמאַכט די יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, האַסטיג זיך געוואַשען די נעגעל, ציטערענדיג מיט אַלע איברים פון קעלט. דאָס איז דאָך אַ הִרהוּר-עֲבֵירָה!*) אַ הרהור-עבירה! אַנ'אמתער הרהור-עבירה! ווי קאָן נאָך אַ מענש נאָך אַזעלכע זאַכען לעבען? —

דעם טאָג דערויף איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטען, ווי אַ שטומער אָהן איין וואָרט. זיין גאַנץ לייב איז איהם געוואָרען איין גרויסע העסליכקייט, וואָס איז איהם געווען מיאוס און אָבשטויסענד ווי אַנ'אומריינקייט. וואָלט ער געקאָנט אַ שפּיי טהון פון עקעל זיך אַליין אין פּנים אַריין, וואָלט איהם גרינגער געוואָרען. אָבער וואָס

---

*) אַ זינדיגער געדאַנק.

זאָל ער ערשט טהון? — זיבענמאָל איז ער דעם טאָג טבילה געגאַנגען, דערנאָך האָט ער געפאַסט, געפרובט מְכַוֵן זיין פערשידענע כַּוָנות און צֵרופים, כדי צו פערטרייבען פון זיך די קְלִיפָּה*). אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרנישט גענוצט. אין יענעם טאָג איז ער אינגאַנצען נישט צוגע-גאַנגען צו ז״ם הייליגען טיש אויפצושרייבען אַפילו איין אות פון די הייליגע אותיות פון דער תּורה, מחמת ער האָט זיך נישט געהאַלטען פאַר ראוי דערצו. נאָר ער איז געשטאַנען אַ גאַנצען טאָג און תּפילה געטהון אין דעם רבינ׳ס גרויסען בית-מדרש; אַלע ווייל איז ער אַרויס זיך טובל׳ן און אַלע ווייל זיך אומגעקעהרט מתפלל זיין, אַמאָל האָט ער זיך געזעצט לערנען זוהר און אַמאָל אויפגעשטאַנען זאָגען תּהילים. און אין דער נאַכט נאָך יענעם זונטאָג האָט ער זיך צום געלעגער נישט צוגעריהרט, טאָמער וועט חלילה דער מכשול זיך איבערחזר׳ן צום צווייטען מאָל און ער וועט שוין דאַן אינגאַנצען אומקומען און וועט שוין גאָר קיין תּיקון נישט האָבען.

און אויך אין די טעג דערנאָך האָט ער זיך נישט דערוועגט צו-צוגעהן צום טיש. ער איז געווען כסדר ווי צעמישט. מינוטענווייז פלעגט ער בלייבען שטעהן פלוצלינג אויף אַנ׳אָרט, טראַכטענדיג עפּעס און נישט וויסענדיג וואָס.

ערשט דאָנערשטאָג נאָך קריאת-התּורה איז אונערוואַרטעט געקומען אַ רוהיגקייט אין זיין געמיט. אָבער אַזוי ווי ער האָט נישט פערשטאַנען, ווי די דאָזיגע רוהה איז פון איהם פערשוואונדען, אַזוי האָט ער נישט פערשטאַ-נען, ווי זי האָט זיך צו איהם פלוצלינג אומגעקעהרט. ער איז געשטאַ-נען און געטראַכט און געטראַכט — און בשום-אופן האָט ער נישט גע-קאָנט בעגרייפען מיט׳ן מוח, וואָס אַזוינס ער טראַכט. און ווידעראַמאָל האָבען איהם אָנגעהויבען שפּיעלען אין די אויערען עפּעס ווייטע פידלען, אַ פרייד איז איהם אַריין אין האַרצען, ווי ער וואָלט געווען פערבעטען אויף עפּעס אַ חתונה. און אַ פולקאָמענע און זיסע רוהה האָט זיך איהם פונאַנדערגעגאָסען איבער זיין גאַנצער נשמה. דאַן איז ער צום ערשטען מאָל צוגעגאַנגען צום שרייב-טיש און האָט אויפגעשריבען דאָס ערשטע אות — און זיין אינעווייניגסטע פרייד איז געוואָרען אַלץ גרעסער און

*) דער סימבאָל פון זינד (לויט דער קבלה).

גרעסער, און אַלץ, וואָס איז מיט איהם פּאָרגעקומען, איז איהם אינגאַנצען אויס-געמעקט געוואָרען פון געדעכעניש ווי עמיץ וואָלט עס אָבגעווישט מיט אַ שוואָם.

און טעג אויף טעג האָט ער געשריבען אין היילינקייט און אין אַ פּולקאָמענער ריינליכקייט, און זיין אינערליכע רוה איז געוואָרען וואָס־אַמאָל גרעסער. ער איז געווען, ווי אַ נייגעבוירען קינד. דאָס מינדעס־טע וואָלקענדעל האָט שוין נישט פערדונקעלט זיין נשמה און האָט זי מעהר נישט געדריקט. גראָד האָט דעמאָלס דער רבי ר׳ בונעם בעשטעלט ביי איהם אַ נייע ספר-תורה און ער איז צוגעטרעטען מיט גרויס שמחה צו דער נייער אַרבייט.

און טעג זענען געקומען און טעג זענען אַוועקגעגאַנגען.

אָבער אין צוויי וואָכען אַרום איז פּלוצלינג ווידער געקומען עפּעס אַ שינוי. ער האָט איבערגעריסען די אַרבייט און איז געזעסען אַ קור-צע ווילע לעדיג, קוקענדיג אין די וואָלקענס. באַלד האָט איהם אַרום-געכאַפּט אַ פערבאָרגענע טונקעלע בענקשאַפט נאָך עפּעס אַ ווייטער און געהיימניספולער זאַך, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזוינס. די טרעהרען זענען איהם געוואָרען נאָהנט, און ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס. אויפ׳ן פענסטער-ברעט האָט ער דערזעהן די פעדערען, וואָס דעם שוחט׳ס טאָכטער האָט געהאַט איבערגעלאָזען, און ער האָט בשום-אופן זיך נישט געקאָנט דערמאָהנען, וואָס דאָס איז אַזעלכעס און ווער עס האָט זיי אַהער געבראַכט, אָבער נישט וויסענדיג וואָס ער טהוט, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט צוגענומען די פעדע-רען און זיי בעהאַלטען אויף דער בעלקע פונ׳ם סופית, און ער האָט דערביי אויך נישט געוואוסט, צו וואָס ער טהוט עס.

צומאָרגענס פון יענעם טאָג איז געווען עֶרֶב יום-כיפור, און דאַן האָט אַ הם געטראָפען אַ משונה׳דיגער צופאַל: אין דעם מאָמענט, ווען ער איז געשטאַנען אין גרויסען בית-מדרש צו מנחה-גדולה, צוויי אַ זייגער בייטאָג, איינגעבויגען איבער דער גרויסער תְּפִילָה זַכָּה און זיינע ליפּען האָבען געמערמעלט דעם לאַנגען צעטעל עבירות, וואָס ער איז בעגאַנ-גען, ווען ער האָט גראָד געהאַלטען אין זאָגען: „איך האָב בעשלאָפען אַנ׳אֲרַמִית. איך האָב בעשלאָפען אַ מִצְרִית, איך האָב בעשלאָפען אַ פערקנס׳ט מיי-דעל א. אַז. וו.״ — אין דער זעלבער רגע האָט זיך איהם פּלוצלינג — נישט וויסענדיג דורך וואָס פאַר אַ געדאַנקען-וואַנדלונג און צוליעב וואָס—

דערמאָהנט אַ זעהר ווייכע פּרויען-שטים, אַ קלינגענדיג און הילכענדיג קול׳כעל, צאַרט און איידעל. די דאָזיגע שטים איז געווען אין יענער רגע אַזוי לעבעדיג און פריש, אַז עס האָט זיך איהם געדאַכט, דאָס ער הערט זי טאַקי אין דער ווירקליכקייט. פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז אַמאָל, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, איז ער געגאַנגען איינער אַליין אין אַ ווינטער-נאַכט און פון עפּעס אַ ווייטער גאַס האָט דערלאַנגט צו איהם דאָס געקלימפּער פון אַ זילבערנעם גלעקעל, וועלכעס איז נאָכגעהאָנגען ביים שליטען פון דעם פערד, וואָס איז געפאָהרען איהם אַקעגען, און דער קלאַנג פון יענעם גלעקעל איז געווען שטאַרק ענהליך צו דעם קול, וואָס קלינגט איהם איצט אין די אויערען. — — אין אַ מינוט אַרום איז ער אינגאַנצען צעטומעלט געוואָרען, ער האָט זיך אַליין דערשראָקען ביי דער דאָזיגער מחשבה און ער האָט זיך שטאַרק פּרובירט פערטרייבען...

און אויף מאָרגען, אין יום-כיפּור גופא, האָט ער געפיהלט, אַז דער עונג יום-טוב איז איהם פערשטערט געוואָרען. נאָר ווי מערקוויר-דיג דאָס איז: די גאַנצע זאַך האָט איהם שוין נישט אַזוי טיעף אינער-ליך בעריהרט, ווי צום ערשטען מאָל, ווען ער האָט זיך געהאַט אויפ-געכאַפּט אַנומעלט ביינאַכט. ער איז פּלוצלינג זעהר מיעד געוואָרען, ס׳איז איהם לעסטיג געוואָרען אי די עבירה, אי דאָס תשובה טהון, אי די געדאַנקען, אי אַלץ אַרום איהם; עפּעס אַ פוילקייט האָט איהם אַרומ-גענומען צו טראַכטען וואָס עס איז. די גלידער זענען איהם געוואָלדיג שווער געוואָרען און די אינגעווייד אין איהם זענען געוואָרען ווי אַ שטיק בליי. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום איז פערשוואונדען די גאַנצע קוואַהל און ער האָט מעהר די מינדעסטע זאַך נישט געדענקט פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

און דאַן איז געשעהן אַ מעשה צום דריטען מאָל: ער איז אַרויס בין-השמשות פון דער שטוב מיט דער דעה צו געהן אין בית-מדרש אַריין. איז ער זיך געגאַנגען ביי דער זייט פון דער גאַס טריט ביי טריט מיט אַנ׳אַראָבגעהאָנגענעם קאָפּ און אַראָבגעלאָזטע אויגען, אַלץ ווי גאָט האָט געבאָטען, און פּלוצלינג האָט פערבייגעשוועבט אַ שאָטען פּאַר זיין פּנים, און ער האָט נישט געוואוסט, צי איז ער פערבייגע-שוועבט פאָר איהם אָדער הינטער איהם, צי פון דער רעכטער צי פון דער לינקער זייט, נאָר אַ געדאַנק איז איהם אונערוואַרטעט דורכגע-

פען איבער׳ן מוח, אַז דאָס איז דעם שוחט׳ס טאָכטער אין יענער רגע פאַרביייגעגאַנגען פאַר איהם. אָבער ער האָט זיך אויף קיין פאַל בשעת-מעשה נישט געקאָנט דערמאָהנען, ווי זי הייסט. דער הרהור האָט געדויערט נאָר איין קליינע ווײַלע און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויך דאָס שוין נישט געדענקט. ער איז אַוועק און זיך אָבגעטובל׳ט און גלייך דערויף שנעל זיך אומגעקעהרט אַהיים און זיך גע-זעצט שרייבען. — — —

*

פאַלט אַ שניי פון הימעל, קוילערט זיך און פאַלט, קוילערט זיך און פאַלט. אַ ווינד האָט אויף איהם אַ בלאָז געטהון און איהם אַהערגעבראַכט, אַ שטורם האָט איהם געפּאַקט און אַוועקגעטראָגען. און קלאָר איז געוועזן דער שניי, ווייס און דורכזיכטיג, לויטער ווי אַ פליגעל פון אַ מלאך; נאָך האָט אַ הימלישער דופט אָן איהם גע-האַנגען. און אין אַ שעה אַרום איז ער שוין צעטרעטען, פערוואַנדעלט אין בלאָטע, קויטיג און שמוציג. ווער קאָן איהם דערפאַר בעשול-דיגען? ווער וועט איהם דען פערדענקען? אַ ווינד האָט אין איהם געבלאָזען און אַהערגעבראַכט, אַ שטורם האָט איהם געפּאַקט און אַוועקגע-טראָגען — און דערנאָך האָבען איהם בהמה׳שע, פערדישע און מענשליכע פיס בעריהרט און האָבען איהם צעטרעטען און זיין לויטערקייט צוגערויבט און איהם פערוואַנדעלט אין קויט און אין שמוציגע בלאָטע.

און אַ מענש פאַלט און קוילערט זיך — ווער קאָן דען פאַר-האַלטען דעם ווינד און דעם שטורם, וואָס ער טהוט?... ער איז גע-וועזן ווי אַ מלאך פון הימעל, קלאָר און לויטער.

·

חמשה-עשר בשבט צו מיטאָג-צייט איז געקומען צו ר׳ ראובן בחור אין שטוב אַריין דאָס יונגעל, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט קומען איהם משמש זיין. היינטיגס מאָל האָט ער געבראַכט פערשידענע

פירות, האָט זיי אַוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש, און רייבענדיג זיך די רויטע הענד איינע אָן די אַנדערע, כדי זיי צו דערוואַרימען פון דער קעלט, האָט ער געזאָגט: „די טייטלען קאָסטען צוויי קאָפּיקעס, די ראָזינקעס איין קאָפּיקע, די פייג אויך אַ קאָפּיקע, אויף באָקסער האָב איך אויס־געגעבען צוויי קאָפּיקעס — צוזאַמען האָב איך אויסגעגעבען אויף די פירות זעקס קאָפּיקעס מזומן, און פיער קאָפּיקעס רעשט לעג איך דאָ אַוועק".

איידער ער איז אַוועק האָט ער דרך־אגב צוגעגעבען זאָגענדיג: „היינט וועל איך שוין מעהר נישט קומען. איך געה אויף די חתונה. דער שוחט מאַכט היינט חתונה זיין טאָכטער, רבקה׳לען". — דערויף איז ער אַוועק.

ר׳ ראובן האָט זיך צוגעהערט, אָבער די ווערטער האָבען נישט דערלאַנגט צו זיין בעוואוסטזיין. אויך ווען ער האָט זיי לסוף יאָ פאַר־שטאַנען, האָבען זיי אויף איהם קיין שום רושם נישט געמאַכט און איהם כלל נישט בעריהרט. אין וועניגע מינוטען האָט ער די גאַנצע זאַך פאַר־געסען. מיט שמחה האָט ער זיך געזעצט צום טיש, האָט פונאַנדערגע־קליבען די פירות, וואָס זענען געלעגען צוגעגרייט פאַר איהם. דאַן האָט ער געוואַשען די הענד און זיי אָבגעווישט, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך צורעכט געמאַכט די יאַרמולקע, האָט ער געמאַכט אַ „בּוֹרֵא פְּרִי הָעֵץ" און גענומען עסען מיט הֲנָאָה. די אויגען זענען איהם אויפגעלויכ־טען פאַר פרייד און דאָס פנים האָט שטאַרק געשיינט.

נאָר אין יענער נאַכט האָט איהם דער שלאָף פערלאָזען, און ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס עס איז מיט איהם אַזוינס געשעהן. ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען און זיך אויפגעכאַפּט, ווידער איינגעשלאָ־פען און ווידער אויפגעוואַכט. עס איז געווען אַן׳איבערגעהאַקטער, האַסטיגער און צערודערטער שלאָף.

ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפריה, האָט ער געפיהלט עפּעס אַ שטאַרקע מיעדיגקייט, וועלכע איז אָבער גיך פערשוואונדען. צוריק־קומענדיג פון דער מקוה, איז ער ווידער געווען פריש און אויפגעמונ־טערט. פרעהליך און אויפגערוימט האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און געשרי־בען — אָבער אַקעגען אָוועגד האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם יענע מיעדיגקייט און איז געוואָרען נאָך זיבענמאָל שטאַרקער. עפּעס האָט גע־

נאָגט אין איהם אינעווענינ, געעגבערט אין זיין מוח, און ער האָט זיך בעמיהט צו בעגרייפען, וואָס דאָס איז אַזוינס און האָט בשום אופן נישט געקאָנט.

אייניגע טעג איז איהם לייכטער געווען, און ער האָט מעהר נישט געשפירט יענע געררייצטקייט, אָבער גאָר אינגיכען איז דאָס בייז צוריקגעקומען און איז נאָך שטאַרקער געווען ווי פריהער. אָט יענער „עפעס״, וואָס ער האָט נישט געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס, האָט איהם אונאויפהערליך געעגבערט אין מוח, געגאָגט און געצויגען ביים האַרצען. וואָלט ער נאָר געוואוסט, וואָס אַזוינס דאָס איז! — טיילמאָל האָט ער געמוזט אָוועקלעגען די אַרבייט און גאָרנישט טהון גאַנצע שעה'ן. גאַנצע שעה'ן איז ער אַרומגעגאַנגען לעדיג און איז געווען, ווי פערחלומ'ט, און וואָס ער חלומ'ט האָט ער נישט געוואוסט; ער האָט געשפאַנט איבער'ן שמאָלען צימערעל אַרויף און אַראָב, ביז ער איז פערמאַטערט געוואָרען און זיך צוגעזעצט אויפ'ן בעט. און די מיעדיגקייט איז געוואָרען וואָסאַמאָל גרעסער. ביסלעכווייז איז זיין פנים געוואָרען שטאַרק אויסגעבלייכט. ער האָט געפיהלט אין זיך עפעס אַ קראַנקהייט. ער האָט געשפירט, אַז אַלע ביינער טהוען איהם וועה. צום סוף האָט ער אינגאַנצען פערלאָזען די אַרבייט און האָט טעג און וואָכען לאַנג קיין זאַך מעהר נישט געטהון. און פלעגט איהם עמיץ פרעגען וואָס ער מאַכט און וואָס עס איז מיט איהם געשעהן, האָט ער תמיד געענטפערט אַ געררייצטער און אויפגעקאָכטער, און אויף דער פראַגע אַליין האָט ער קיין וואָרט נישט געענטפערט.

איינמאָל איז איהם ווי אַ בליץ דורכגעלאָפען, און אַלץ איז איהם פלוצלינג קלאָר געוואָרען. ער האָט פלוצלינג געוואוסט, פאַרוואָס און צוליעב וואָס דאָס אַלץ קומט מיט איהם פאָר, אָבער ס'איז איהם דער מינדעסטער הרהור־תשובה אויפ'ן געדאַנק נישט געקומען. ער האָט נישט געפראַוועט קיין תעניתים און קיין סיגופים, און ער האָט אַפילו נישט געפרובט זיך צו שטאַרקען און זיך וועהרען.

אומגעריכט זענען אויף איהם געקומען אויך גאָר אַנדערע טעג: אַ גרויסער אומעט האָט איהם אַרומגענומען, און ער האָט געוויינט ווי אַ קינד.

און אין די נעכט פלעגט ער זיצען ביים טיש און זיך שאָקלענדיג זאָגען תהלים אויף אַ קול און מיט אַ ניגון. — ווי עמיץ, וואָס אַ פייער

האָט איהם אַרומגעכאַפּט און ער שרייט נאָך הילף, טאָמער וועט ער דאָך נאָך געראַטעוועט ווערען, אַזוי איז געווען זיין תהלים-זאָגען.

עס זענען דאַן געפלאָסען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט קו־לות און קלאַנגען, וואָס קיין מענשליך אויער האָט נאָך אַזעלכעס קיינ־מאָל נישט געהערט: —

„לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד. ווען נָתָן דער נביא איז צו איהם געקומען, בעת ער איז אַריינגעגאַנגען צו בַּת שֶׁבַע. — וואַש מיך שטאַרק פון מיין שולד און רייניג מיך פון מיין זינד. דען איך קען מיינע פערברעכענס און מיין זינד איז שטענדיג פאַר מיר. געגען דיר אַליין האָב איך גע־זינדיגט און בייז אין דיינע אויגען האָב איך געטהון — — — רייניג מיך מיט אֵזוֹב, אַז איך זאָל ריין ווערען, וואַש מיך, אַז איך זאָל ווערען ווייסער פון שניי. מאַך מיך הערען פרייד און הייטערקייט, אַז עס זאָל זיך פרעהען דאָס געביין, וואָס דו האָסט נידערגעשלאָגען. פערבאָרג דיין פנים פון מיינע זינד און מעק אָב אַלע מיינע עבירות. שאַף אין מיר, גאָט, אַ ריין האַרץ און גיב מיר אַ נייעם פעסטען גייסט. וואַרף מיך נישט אַוועק פון זיך — רבונו של עולם, רבונו של עולם — וואַרף מיך נישט אַוועק פון זיך און נעהם נישט צו דיין הייליגען גייסט פון מיר. קעהר מיר אום די פרייד פון דיין הילף"...

און דאָס קול איז געוואָרען פון מינוט צו מינוט שטאַרקער. ביסלעכווייז האָבען זיך אַרום דעם הויז פערזאַמעלט מענער און פרויען און אויך קינדער און זיי האָבען זיך צוגעהערט. און אויך ביי זיי האָ־בען גענומען פליסען טרעהרען. ס'האָט נאָך אַזוי נישט געשריען קיין בייזע חיה אין וואַלד, ווען עס האָט זי פלוצלינג אַ קויל געטראָפען, עס האָט נאָך אַזוי קיין מענש נישט געוויינט אין די שרעקליכסטע יסורים, וואַלגערענדיג זיך אין שמערצען אויף דער ערד. אָבער פונ'ם קלאָרען הימעל האָבען אַראָבגעקוקט גרויסע און זעהר קאַלטע שטערענס, בליקענ־דיג שטיל און שימערענדיג און פינקלענדיג אין ווייסען שניי אַריין———

... און מאַנכע מאָל איז אויף איהם אַ שרעקליכע אַפּאַטיע געקו־מען. גאַנצע טעג איז ער געלעגען אויפ'ן בעט אונטער דער קאָלדרע און קיין ריהר זיך נישט געטהון. אַ פינסטערע גרוילהאַפטע רוהיגקייט האָט איהם בעהערשט.

און אומגעריכט איז ער ווידער אויפגעשטאַנען. מיטאַמאָל איז אין

איהם אַריין עפּעס אַ גייסט פון טראָציגקייט און עקשנות, פון בונט און האַרטנעקיגקייט — צו טראָצען געגען וועמען עס זאָל נישט זיין.

ער האָט פּלוצלינג דערפיהלט עפּעס אַ דונקעל און אונבעשטימט געפיהל, אַז עס איז איהם אַ גזלה געשעהן, און ער האָט נאָר נישט געוואוסט, ווער עס האָט איהם בעגזל'ט. אָבער אונערוואַרטעט האָט ער אויך דאָס שוין געוואוסט: — אַלע האָבען איהם בעגזל'ט, גאַנץ פּשיסכע האָט געגזל'ט, אַלע יודען אַרום איהם, די גאַנצע סביבה און דער גאַנ־צער גליל אַרום, און אפילו דער רבי ר' בונעם אַליין אויך. אַלע האָ־בען זיי ביי איהם צוגעגזל'ט...

און טיילמאָל האָבען אַלע אינגעווייד אין איהם געשריען: תּמות נפשי עם פּלשתּים! אומקומען זאָל איך, אָבער מיט זיי צוזאַמען!

און עפּעס אַ שאָדען־פרייד האָט איהם אינגאַנצען אַרומגעכאַפּט:

דער עול־השעבוד ציהט זיך לאַנג — גוט אַזוי, גוט אַזוי, זאָל ער נאָך פיעלמאָל לענגער זיך ציהען. דער גלות איז שווער — אַדרבא, אדרבא, זאָל ער נאָך הונדערטמאָל שווערער ווערען. ס'איז מעהר קיין כוח נישטאָ דאָס אַריבערצוטראָגען — מהיכא־תּיתא, מהיכא־תּיתא, זאָלען זיי ליידען, זאָלען זיי ליידען. די עבירות זענען זיך מתגבר — אך, ווי גוט, ווי גוט. ווי אַ מוזיק האָבען אין איהם אַלע אינגעווייד געשפּיעלט. אַ שטאַרקע לוסט האָט איהם ארומגעכאַפּט נאָך עפּעס אַ אונבעקאַנטער דונקעלער נקמה...

די גאַנצע אומה אַרום איהם איז שולדיג, און אויך גאָט אַליין איז שולדיג, און די הייליגע תּורה איז שולדיג, אַלע זענען שולדיג, דער הימעל און די ערד, אַלע, אַלע — —

און די געדאַנקען האָבען זיך אָנגעהויבען מישען אין זיין מוח.

און פּלוצלינג האָבען זיך די הענד ביי איהם אַראָבגעלאָזט, און זיין מוט איז אַראָבגעפאַלען און זיין גאַנצער ווילען איז אָהנמעכטיג געוואָרען.

פון דאַן אָן האָט אָנגעהויבען אַ ווילדער דינער שמייכעל זיך צו וויקלען אַרום זיינע ליפּען, און זיינע קליינע אויגעלעך זענען נאָך קלענער געוואָרען און זיצענדיג אין זייערע לעכער האָבען זיי אַרויסגעבליקט מיט גרויס רשעות...

דאַגעגען האָט זיך איצט אומגעקעהרט צו איהם זיין רוה. טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט האָט ער פון איצט אָן ווידער געשריבען זיי־בע מזוז'ת און תּפילין און ספר־תּורה'ס.

און דער ווינטער איז אַריבער, און דער זומער איז געקומען, און אויך ער איז אַוועק און ס'איז אַ נייער ווינטער געקומען — און ר' ראובן בחור איז אַלץ געזעסען און געשריבען. מיט אַ פיבערהאַפטער האַסטיג-קייט האָט ער געשריבען זיינע ספר-תורה'ס, תפילין און מזוזות.

נאָר איינמאָל חנוכה האָט געטראָפען אַ שרעקליכע און אויסטער-לישע זאַך, וואָס האָט אויפגעקאָכט די גאַנצע שטאָדט און די גאַנצע סביבה, ווי אַ קעסעל.

צופעליג האָט מען בודק געווען אַ מזוזה ביי ר' משה קבלן אין שטוב, און מ'האָט געפונען, אַז אומעטום, וואו ס'האָט געדאַרפט צו זיין דער שם-הוי"ה, איז געווען אויפגעשריבען דער נאָמען — לילית. מ'האָט די זאַך נאָכגעפאָרשט און פעסטגעשטעלט, אַז די מזוזה איז געשריבען דורך ר' ראובן בחור. דאַן האָט מען גענומען בודק זיין אויך די איבע-ריגע מזוזות און מ'האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין אַלע מזוזות, וואָס ער האָט אין יענעם יאָהר געשריבען, שטעהט אומעטום דער נאָמען לילית אָנשטאט דעם שם-הוי"ה. מ'האָט דאַן בודק געווען די פרשיות פון די תפילין און אויך דאָרט האָט מען אומעטום געפונען דאָס דאָזיגע שרעק-ליכע וואָרט. מ'האָט בודק געווען די נייע ספר-תורה'ס, וואָס מ'האָט נאָך נישט בעוויזען זיי צו בענייצן און אין זיי צו לייענען, און מ'האָט דאָרט דאָס נעמליכע געפונען.

אַ געוואַלדיגער פחד איז אָנגעפאַלען אויף די גאַנצע קהלה. ס'האָבען אויסגעפעהלט ווערטער אויף צו שילדערען דאָס געשעהענע. יעדעס וואָרט איז אָבגעשטאָרבען אויף דער צונג נאָך איידער מ'האָט עס אַרויסגעזאָגט. אַלע איינוואוינער פון דער שטאָדט האָבען אַראָבגעלאָזט די קעפ און האָבען מורא געהאַט צו קוקען איינער דעם אַנדערען אין פנים אריין. צוערשט איז געווען אַ גרויסע מהומה, און דערנאָך אַ גרויסע שרעק פאַר דעם, וואָס ער רוקט זיך אָן אויף זיי, און שפּעטער אַ גרויסער טרויער.

*

און אַז מ'האָט געבראַכט ר' ראובן בחור צום רבי ר' בונעם, איז ער געווען זעהר געלאַסען און רוהיג, און האָט אויסגעזעהן, ווי עמיק, וואָס

האָט געטהון אַלץ ווי ס׳געהער צו זיין און ער ווייס נישט אייגענטליך, וואָס די מענשען ווילען פון איהם האָבען. די מענשען ווערסטו קיינמאָל נישט צופריעדענשטעלען. זיין פנים איז איצט געוואָרען זיבענמאָל פעסטער און גרעבער ווי פריהער, נאָר די געלע האָר פון זיין קאָפּ און באָרד זענען געווען צעשויבערט און צעפּלאָטערט. זיינע קליינע אויגעלעך זענען נאָך קלענער געוואָרען, זיי זענען געווען מאַט אָהן שום גלאַנץ, און אויף זיינע ליפּען האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אַ ווילדער געמיטלעכער שמייכעל, וואָס איז אויף קיין אויגענבליק נישט אָבגעטרעטען. אָבער אויף זיין פנים האָט אין דער מינוט גערוהט אַ מין אָבשיין פון אַ גוט הארץ. דער רב פון שטאָדט און די פרנסים און די איבעריגע כְּלֵי-קוֹדֶש און דער עולם סתם-יודען, וואָס זענען דערביי געווען, אַז זיי האָבען אַ קוק געטהון און דערזעהען, ווי ר׳ ראובן בחור איז פּלוצלינג געוואָרען אַזוי מגושמ׳דיג, זענען זיי אַלע מיטאַנאַנד אויפגעטרייסעלט געוואָרען.

דער רבי ר׳ בונעם האָט אויף איהם אָנגעשטעלט זיינע בלינדע אויגען און האָט אָנגעהויבען ציטערען.

— נאָך וואָס האָסטו דאָס געטהון? — האָט ער געפרעגט און אין זיין שטימע האָבען געציטערט טרעהרען.

ראובן האָט געענטפערט רוהיג. ער האָט גערעדט מיט אָבגעהאַקטע ווערטער. עס איז איהם, אַ פּנים, אָנגעקומען מיט שווערער מיה אויפצוקלערען זיינע געדאַנקען, אָבער בעת ער האָט גערעדט, האָט דאָס נאַרישע שמייכעלע שפּאַצירט אויף זיין פּנים און עס איז אויף קיין ווײַלע נישט אָבגעטרעטען.

— איהר זעהט, רבי, די זאַך איז גאָר פשוט. פעדערען האָט זי געבראַכט. פון דער גאַס איז זי געקומען און איז אריין צו מיר, און אויף די גאַס איז זי צוריק אַרויס און איז אַוועקגעגאַנגען. די זאַך איז דאָך גאָר פשוט. איהר פערשטעהט, רבי. און איינמאָל איז געפאַלען אַ שניי אויף דער ערד. די זאַך איז דאָך גאָר פשוט. איהר פערשטעהט, רבי. און איך האָב געשריבען און מכוון געווען, געשריבען און מכוון געווען. און פּלוצלינג איז מיר אַרויסגעקומען, אַז דער שם, וואָס שטעלט זיך צונויף פון די ווערטער: לְעוֹלָם יֵשׁ

לְאִשָׁה יַד תַּקִיפָה*) — איז לילית. דאָס איז דאָך פשוט. איהר פער־שטעהט רבי. און איך האָב דעם דאָזיגען שֵׁם אויפגעשריבען, און איך שרייב איהם תמיד..."

— ווער איז געקומען פון דער גאַס? וואָס פאַר אַ פעדערען!

ראובן האָט אויסגעהערט די פראַגע מיט אַ פולער רוהיגקייט. אַ ווײַלע האָט ער געקנייטשט דעם שטערען, ווי ער וואָלט זיך בע־מיהט צו געפינען דעם ריכטיגען אויסדרוק פאַר זיין געדאַנק, און מיט אַ וואונדערליכער געלאַסענקייט האָט ער געענטפערט, נאָר די צונג האָט זיך איהם געפּלאָנטערט אין מויל און דער ווילדער שמיי־כעל איז נישט אָבגעטרעטען פון זיינע ליפען.

— „איהר זעהט, רבי, די זאַך איז פשוט. איך וועל אייך אַלץ דערצעהלען. פון דער גאַס איז זי אריינגעקומען, און אויף די גאַס אַרויס איז זי אַוועק. דאָס איז דאָך גאַר פשוט. פערשטעהט איהר מיך, רבי. און איך האָב געהערט, אַז זי האָט חתונה געהאַט, און די פעדערען האָט זי מיר איבערגעלאָזט. וואָס־זשע האָב איך גע־קאָנט טהון? — איך האָב געהאַט די פעדערען און איך האָב געשריבען, איך רעדט דאָך קלאָר. איהר פערשטעהט מיך, רבי? און איינמאָל אינדערפריה איז אַראָבגעפאַלען אַ שניי. דאָס איז דאָך פשוט. און דער שם, וואָס קומט אַרויס פון די ווערטער: „לְעוֹלָם יֵשׁ..."

— צי האָסטו אָבער גאָרנישט מורא געהאַט פאַר גאָט אין הימעל?

— אודאי אַזוי, רבי! — האָט ער געענטפערט אין עטליכע מינוט אַרום — טאַקי פון מורא פאַר גאָט האָב איך עס געטהון. ס'איז דאָך פשוט. זי איז אַריינגעקומען פון דער גאַס, און דער־נאָך האָט זי חתונה געהאַט. און איך האָב דאָך נישט געהאַט שוין קיין שום ברירה. און זי הייסט לילית, און די ראשי־תיבות זענען: עוֹלָם יֵשׁ לְאִשָׁה...

— רבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וואָס רעדסטו אַזוינס?

— איך רעד, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר. די זאַך איז גאָר פשוט. זי איז אַריינגעקומען און איז אַרויסגעגאַנגען און האָט חתונה גע־

---

*) שטענדיג האָט די פרוי אַ שטאַרקע האַנד (געמיינט — אַ שטאַרקען איינפלוס).

האָט, און די פעדערען האָט זי געבראַכט. עס איז דאָך פשוט. או הייסען הייסט זי לילית. און איך האָב דאָך געמוזט. און דער שם, וואָס קומט אַרויס פון די ווערטער: „לעולם יש לאשה יד תקיפה, מאַכט געגנוי — לילית. — — —

מ׳האָט איהם ענדליך אָבגעלאָזט. מ׳האָט זיך אַרומגעזעהן, מיט וועמען מ׳האָט צו טהון. און ער איז געשטאַנען און האָט אָהן אויפהער געשמייכעלט, און דער שמייכעל איז געווען ווילד, און זיינע קליינע אויגעלעך האָבען געשיינט און אויף זיין פנים איז געווען אויסגעגאָסען אַ גרויסע הנאה.

אויפ׳ן דריטען טאָג איז געווען די לויה און מ׳האָט געבראַכט די פסול׳ע יריעות צו קבר ישראל. די גאַנצע שטאָדט פון קליין ביז גרויס זענען מיטגעגאַנגען. דער שמש האָט געזאָגט קדיש. און אַ שניי איז אַראָבגעפאַלען און זיך צעלעגט איבער דער ערד, אַ דורכזיכטיגער, אַ קלאָרער און אַ בלישטשעדיגער.

און אויף ראובן בחור האָט מען זיך מעהר נישט אומגעקוקט.

ער איז געזעסען און געגאָפט גאַנצע טעגביים טיש און געשריבען. קיין יריעות און קיין פאַרמעט האָט ער מעהר נישט געהאַט. אָבער וואו ער האָט נאָר געפאַקט עפעס אַ שטיקעל פאַפּיער, האט ער עס גיך בעשריבען פון פאָרענט און פון הינטען און פון אַלע זייטען מיט דעם וואָרט: לילית, לילית, לילית.

•

אַ שטערען איז געשטאַנען אין מיטען הימעל דריי אַזייגער ביינאַכט, איינזאַם אַליין, און האָט געבלישטשעט. מיט טויזענדער יאָהרען צוריק איז דער שטערען אַזוי געשטאַנען און געבלישטשעט, און אַזוי וועט ער אויך שטעהן און בלישטשען אין טויזענדער יאָהרען אַרום. און אַ מענש האָט געלעבט אינצווישען אונטער׳ן באַלקען פון אַ איינזאַמען דאַך, געלעבט און געשטאָרבען, און ער האָט געלאַכט און געוויינט, גענאָסען פרייד און פיין, געליטען און געקעמפט — און אַליין נישט געוואוסט. ווער וועט ביז אייביגע צייטען וויסען זיינע שמערצען? — שטעהט זיך אַ שטערען אין מיטען הימעל און פינקעלט אין דער נאכט.

פאַלמי

װאו ביזטו איצט, פאַלמי, דו קלײנער דיכטער-פילאָזאָף?...

אַז מיר װעלען געהען אַ קלײנעם תחום-שבת פונ׳ם װאָקזאַל בײ דער באַהן און קומען ביז אין דעם קלײנעם שטעדטעל אַרײן, װאָס ליעגט אינ׳ם טהאָל, װעלען מיר פון אַקעגענאיבער דערזעהען דעם באַרג, װאָס הינטער דער שטאָדט פון יענער זײט, אַרום צװײ װיאָרסט װײט פון דאָרט, און פונ׳ם שפיץ באַרג שײנט אַראָב דאָס װײסע הויז מיט די גרינע פענסטער-לאָדענס. דאָס דאָזיגע װײסע הויז מיט די גרינע לאָדענס איז דאָס ציעל, װאָס גרויסע מאַסען שטרעבען דאָרט אַהינצוקומען, װען עס בעװײזען זיך די װאַרעמע פריהלינג-טעג. דאָס איז אײגענטליך נישט קײן אײנצעל הויז אַלײן, נאָר אַ גאַנצער בלאָק פון געבײדעס. װער עס האָט אַ שאַרף אויג, זעהט פונדערװײטענס אויך די אויפשריפט אויף דער שילד, װאָס הענגט אויף אַ גרינער שטאַנג, װעלכע שטאַרצט אַרויס פונ׳ם דאַך פון דער הויפט-געבײדע. מיט גרינע בוכשטאַבען אויף אַ װײסען גרונד איז דאָרט אויפגעשריבען: „פענסיאָן און דירות אויף זומער-װאוינונגען״. אַנ׳אמתער קלײנער גן-עדן איז דאָס דאָזיגע אָרט, בע-האַלטען אין עפּעס אַ שטילען און רוהיגען װינקעל, װײט פון מענ-שען און פון פערקעהר, און אַרום איז לויטער גרין, גרין, גרין: גרינע לאָנקעס, גרינע בוימער, אַ גרין װעלדעל, און אויך אַ טײכעל מיט װאַסער פון אַ גרינעם קאָליר. דער פריהלינג אין דעם דאָזיגען אָרט איז אינגאַנצען אַ קלײן װאונדער. די זון זעהט אויס, װי זי װאָלט איצט צום ערשטען מאָל אַרויס פון איהר פוטערפאַס, און װי אַ קלײן נײ-געבוירען קינד קוקט זי אַראָב מיט גרויס נײגיער אויף די נײע װעלט פון עפּעס אַ נײעם בורא. די לײכטע בלאָזענדע װינ-טעלעך מאַכען דעם אײנדרוק, װי עס װאָלטען זײ נאָר-װאָס צום ערשטען מאָל פליגעל אויסגעװאַקסען, און די פליגעל זענען אַזוי נײ און פריש און צאַרט, אַז עס הערט זיך נאָך דער קלאַנג פון זײער שורשען, בעת זײ בעװעגען זיך. און דער פריהלינג

איז שווער צעלעגט איבער׳ן לאַנד, הויערענדיג אויף יעדען גרעזעל און אויף יעדען בלימעל און אויף דעם עמער וואָסביים ברונען און אויף די טעלעגראַף-זיילען און אויף דער רינע וואָס ביים דאַך, און אַנ׳אויס-זעהן האָט ער, דער דאָזיגער פריהלינג, ווי ער וואָלט איצט צום ערש-טען מאָל זיך אַראָבגעלאָזט פון הימעל אויף דער ערד, און נאָך נישט געניט אין זיין אַרבייט, פערשווענדעט ער זיין פערמעגען מיט אַנ׳אָפּע-נער האַנד אָהן חשבון און פערשענקט עס אונגעבעטען און אונגעפּאָ-דערט. עפּעס אַנ׳אייביגער יום-טוב איז אויסגעשפּרייט איבער׳ן גאַנצען פּלאַץ אַרום.

איבער בלאָטיגע גריבער און שפּיציגע שטיינער שפּרייזט דער גאַסט, וואָס קומט אָן פון דער שטאָדט, געהענדיג צום פּענסיאָנאַט, מיט אַ טשעמאָדאַן אויף די פּלייצעס, אַנ׳אַנדערער ווידער פּאָהרט-צו מיט אַ וועגעלע, וואָס שלעפּט זיך שווער איבער דעם וועג, שטייגענדיג אַלץ מעהר באַרג-אַרויף, און אַזוי ווי ער קומט נאָר אָן פּאַר דעם גרינעם פּלויט און פּאַר׳ן גרינעם טויער פון דעם הויז, אין דעם זעלבען אוי-גענבליק געהט אַרויס איהם אַקעגען דער בעל-הבית מיט דער בעל-הבית׳טע און די דיענסט און די קעכין און דאָס האַלב-נאַקעטע יונגעל, וואָס זיין אויפגאַבע איז צו פּוצען די שטיוועל פון די געסט, און נאָך פיעל אַנדערע מענשען, און זיי אַלע נעהמען איהם אויף מיט יובעל-געשריי. אָבער דער גאַסט בעמערקט כמעט קיינעם נישט פון די אַלע און אינטערעסירט זיך נישט מיט קיינעם, און נאָר אויף איינעם ווערט ער אויפמערקזאַם — אויף פּאַלמי׳ן. פּאַלמי׳ן זעהט ער אומעטום. פון׳ם ערשטען מאָמענט אָן דערקענט ער, אַז פּאַלמי שטעהט דאָ אָן דער שפּיץ פון דעם גאַנצען שטאַב מענשען, וואָס דאַרפען זיך מיט איהם מתעסק זיין, און ער פיהרט דאָ אָן מיט דער גאַנצער אַרבייט אינ׳ם הויז.

דער דאָזיגער פּאַלמי איז אַ קליין הינדטעל, רויטפאַרביג מיט ווייסע פלעקען אויף דער ברוסט און מיט גרויסע, הייסע און פערחלומ׳טע אויגען. דאָס האַלב-נאַקעטע יונגעל נעהמט אַראָב די זאַכען פון דעם וואָגען, די דיענסט נעהמט דעם טשעמאָדאַן מיט די קליינע פּעקלעך און די קעכין העלפט זיי צו, טראָגענדיג דאָס בינטעל ביכער און די איבעריגע חפצים, אָבער פּאַלמי, דאַכט זיך, איז דאָ דער גאַנצער מאַכער ביי

דעם אַלעם. פּאַלמי שפּרינגט און טאַנצט-אונטער, לויפענדיג פּאַראויס פון איינעם צום צווייטען, האַסטיג און שטאַרק פערהאַוועט. ער לויפט אַהין און אַהער און אַרום און אַרום, פּלאָנטערט זיך צווישען די פיס און קלאַפּט זיך אָן די קניה פון די געהענדע, שפּרינגט אַ ווײַלע צו צום גאַסט און בעשמעקט איהם, דאַן פערלאָזט ער איהם גיך און לויפט אַוועק, און קומט אין אַ ווײַלע אַרום ווידער צוריק, און זיינע אויגען שטראַהלען פון פרייד. דאַכט זיך, אַז ער ווייסט און פערשטעהט אַלץ, וואָס קומט פאָר אַרום איהם. אַלע גלידער זיינע זאָגען: „זעהט-נאָר, אַ נייער גאַסט איז צו אונז געקומען", און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די גאַנצע אָנפיהרונג וואָלט געווען איבערגעגעבען אין זיין האַנד און ער ווייסט די פעראַנטוואָרטליכקייט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען מיט'ן אָנקומען פון ז'עם נייעם גאַסט. און ווי מערקווירדיג: בשעת דאָס יונגעל טראָגט די חפצים און נאָך איהם געהט די דיענסט מיט די קלע-נערע זאַכען, לויפט פּאַלמי פּאָראויס פאַר זיי, ווייזענדיג זיי דעם וועג, און ער ווייסט גענוי, וואָס פאַר אַ צימער עס איז איצט פריי אויף אי-בערגעגעבען צו ווערען דעם נייעם לאָקאַטאָר. דערנאָך לויפט ער אין דעם עס-זאַל אַריין. עס איז דאָרט ענג פון די פיעלע געסט און פיעלע שטוהלען אַרום דעם טיש, אָבער פּאַלמי ווייסט גוט דאָס אָרט, וואו מען קאָן נאָך צושטעלען אַ שטוהל און זי אַריינקוועטשען אין דער ענגשאַפט. קוים האָט ער בעוויזען איינצואָרדנען דעם נייעם לאָקאַטאָר בשלום אויף זיין אָרט, אָדער ווען ער האַלט נאָך אין פּאָרען זיך דאָ און דאָרט, שטעלט ער זיך פּלוצלינג אָב אויף איין רגע, שפּיצט-אויף ביידע אויערען און הערט זיך איין. עס דאַכט זיך איהם, אז ער האָט פונדער-ווייטענס דערהערט עפּעס אַ גערויש ווי דאס קלאַפּעריי פון רעדער און דאָס קנאַלעניש פון אַ בייטש, און אין אַ ווײַלע ארום כאפּט ער און לאָזט זיך לויפען אַרויס אין דרויסען. ער לויפט מיט אַלע כּוחות און נאָך איהם לויפט אַרויס דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג. און פּאַלמי האָט זיך נישט טועה געווען: אַ נײַ וועגעלע איז אָנגעפאָהרען מיט אַ נייעם גאַסט.

פּאַלמי דערקענט זיינע געסט בעסער ווי דער בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע צוזאַמען. ער קען זיי, דאַכט זיך, אפילו ביים נאָמען. מאַנכע מאָל אָבער פאַלט אויף איהם פּלוצלינג אָן עפּעס אַ שווערקייט,

און ער הערט אַ ווײַלע אויף זיך צו אינטערעסירען מיט דעם, וואָס עס טהוט זיך אַרום, נאָר ער שטעלט זיך אַוועק אויף אַנ׳אָרט אין עפּעס אַ ווינקעל, בעהאַלטענדיג דעם ווידעל צווישען די פיס, און זײַנע הייסע אויגען פערזינקען זיך אין אַ חלום. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי עס וואָלטען אין איהם זיך ערוועקט רעפלעקסען און ער פרעגט זיך אין די דאָזיגע מינוטען: וואָס אייגענטליך געשעהט דאָ אַזעלכעס אַרום מיר? וואָס בעדײַט דער דאָזיגער גאַנצער געפּילדער און וואָס פאַר אַ צוועק האָט עס? וואָס לויפען זיי און צו וואָס לויפען זיי? און די דאָזיגע מענשען, וואָס קומען דאָ טאָג־טעגליך צו פאָהרען אין די וועגעלעך, נאָך וואָס קומען זיי אייגענטליך אַהער?... אָבער אין אַ ווײַלע אַרום כאַפּט ער זיך אויף און טרייסעלט אָב זײַן מוֹח פון די אַלע נאַרישע געדאַנקען. רבּוֹנוֹ של עוֹלם, דאָס לעבען איז דאָך אַזוי שעהן און דער זומער איז דאָך שעהן און די מענשען זענען שעהן און די זון איז אַזוי מחיה׳דיג וואַרים! און ער דערמאָהנט זיך, אַז ער האָט קיין צײַט נישט און ער לאָזט זיך פלוצלינג ווידער האַסטיג לויפען.

פיער חדשים אין יאָהר, פון האַלב אייר ביז האַלב אלול לעבט פּאַלמי אַ לעבען פול אינהאַלט, אַ לעבען פול מיט בעוועגונג און ריה־רעוודיגקייט. אַלע זײַנע נערוועז און אינערליכע פיבערען זענען אין פולען פולס. אַ גאַנצען טאָג איז ער בעשעפטיגט: פון דער גאַס אין שטוב אַרײַן, פון דער שטוב אין קיך אַרײַן, פון דער קיך אין עס-זאַל אַרײַן, פון עס-זאַל צו יעדען גאַסט בעזונדער, און פון די געסט ווידער אַמאָל אין גאַס אַרויס. עס דאַכט זיך איהם, אַז ער האָט ווידער גע-הערט פונדערווײַטענס עפּעס אַ געקלימפּער פון אַ גלעקעל און אַ קלאַ-פּערײַ פון רעדער און אַ קנאַל פון אַ בײַטש. אַלע זײַנע לעבענס-קרעפ-טען זענען אָנגעצויגען, ווי די סטרונעס, און ער שעפּט תענוג פון דער דאָזיגער שפע פון לעבען און אַלע זײַנע אינסטינקטען אין איהם זינגען פאַר שמחה. בעזונדערס זענען איהם טײַער די מיטאָג־שעה׳ן, ווען די בעוועגונג איז זעהר גרויס און אַרבייט איז דאָ פיעל און דער רעש איז געוואַלדיג און דער טומעל אין שטוב און אַרום דער שטוב און אין יע-דען ווינקעל וואַקסט פון מינוט צו מינוט. דאָס עס - צימער איז אַ גרויסער און זעהר אײַנפאַך אײַנגעריכטעטער זאַל, די ווענד זענען אָבגעקאַלכט, און דער טיש איז געמאַכט פון אײַנפאַכע ברעטער, וואָס

ליעגען איינס נעבען אַנדערען אויף הילצערנע דרענגער, און אַרום איהם זיצען בעת דעם „הויך-סעזאָן", אין חודש תמוז, ביי אַכציג אָדער הונ-דערט מאַן, צונויפגעפּרעסט און צוזאַמענגעקוועטשט איינער נעבען אַנ-דערען, און דער טומעל ווערט שטאַרקער פון מינוט צו מינוט. אין דעם מאָמענט פיהלט פּאַלמי אַ זעכציגסטען טייל פון טעם-גן-עדן. ער איז דאַן פערהאַוועט און פערפּאָרעט, אַרומלויפענדיג מיט'ן בעל-הבית און מיט דער בעל-הבית'טע פון עס-זאַל אין די קיך-אַריין, און פון דער קיך אין עס-זאַל אַריין, בעגלייטענדיג יעדען טעלער ביים דערלאַנגען און ביים צונעהמען פון טיש, און אַזוי פּלאָנטערט ער זיך און לויפט אַרום הינטער דעם טיש צווישען די שטוהלען, גלייך ווי ער וואָלט עס געדאַרפט בעזאָרגען די גאַנצע אַרבייט. זעלבסטפערשטענדליך, אַז ס'מאָל טרעט איהם עמיץ אָן אויף אַ פוס אָדער גיט איהם אַ שטויס, און פּאַלמי לאָזט אַרויס אַ יאָמערליכען קוויטש. אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. ער ווייסט, אַז עס איז דער „הויך-סעזאָן" און מ'לעגט נישט קיין אַכט אויף אַזעלכע קלייניגקייטען. ער עסט כמעט גאָרנישט, נישט אין דער קיך און נישט אין עס-זאַל, דען קיינער האָט קיין צייט נישט זיך אומצוקוקען אויף איהם. אָבער דאָס מאַכט נישט אויס. ער האָט גענוג אַ טרוקענעם ביין, וואָס ער קייט און גריזשעט איהם אַרום אַ ווײַלע מיט די צייהן ערגעץ אין אַ ווינקעל, און נישט האָבענדיג קיין צייט איהם אויפצועסען ווי ס'דאַרף צו זיין, לאָזט ער איהם אין אַ ווײַלע אַרום ליעגען אינמיטען עסען און קעהרט זיך אום צו זיינע פיעלע בעשעפטיגונגען: פון איין גאַסט צום אַנדערען, פונ'ם מאַן צו דער פרוי, פון דער בעל-הבית'טע צו דער ניאַניע, פון אַ קינד צו אַנ'אַלטען, אַרומשמעקענדיג יעדען בעזונדער און בילענדיג דערביי פון גרויס הייטערקייט, און בעת-מעשה טרייבט ער אונטער די קעכין אין איהר אַרבייט און טאַנצט אַקעגען דעם בעל-הבית, אַרויסווייזענדיג איהם אינמיטען דרינען אַ בע-זונדערע סימפּאַטיע, און נעהמט פּאַר ליעב זיין שטויס מיט'ן פוס, אונ-טערברומענדיג אַ ווײַלע, און באַלד דערויף קעהרט ער זיך אום אַנ'אויפ-געראַנטערט און פרעהליכער צו עפּעס אַנ'אַנדער אַרבייט. דער סעזאָן זשו-מעט ווי אַ ביהנען-שטאָק, און פּאַלמי איז לוסטיג און לעבעדיג. רבונו של עולם, ווי שעהן איז דאָס לעבען און ווי שעהן איז דער זומער! און דער זומער איז שווער צעלעגט איבער'ן לאַנד. עס בעוועגט

זיך נישט קיין בלעטעל אויף אַ בוים און עס ריהרט זיך נישט קיין וואָלקענדעל איבער דער גאַנצער ברייט פונ׳ם הימעל. די לופט איז געוואָרען ווי מאַסיוו, איינגאַנצען פערגליווערט. די זון איז שוין נישט געווען אַזוי שעהמעוודיג, ווי זי וואָלט צום ערשטען מאָל אַרויס פון איהר פוטער־פאס, דען זי האָט פּלוצלינג דערקענט איהר קראַפט און זיך גענומען פיהרען גרויס־הערשאַפטליך, אויסגיסענדיג איהר גליהענדע היץ מיט אַ געוואַלדיגער אַכזריות. די ווינדטלעך זענען מעהר נישט געווען אַזעל־הע גרינגע און בלאָזענדיגע, גלייך ווי ס׳וואָלטען זיי נאָר־וואָס צום ערשטען מאָל פליגעל אויסגעוואַקסען, נאָר זייערע פליגעל זענען געווען ווי מאַסיוו־געגאָסען בליי, נישט בעוועגט זיך און נישט געריהרט. און די היץ ליגט און דריקט אויף יעדעס לעבעדיגע וועזען. בעהאַלטען האָט זיך דער מענש אין שאָטען צווישען די געדיכטע בוימער, אָבער פאַר דער היץ האָט ער זיך נישט געקאָנט אויסבעהאַלטען. און אויך פּאַלמי איז געשטאַנען מינוטענווייז אין אַ ווינקעל און האָט געשוויצט.

אַזוי איז אַריבער אַ חודש נאָך אַ חודש און אַזוי האָט זיך גערוקט די צייט.

ביסלעכווייז איז אויך געוואָרען סוף אָב. דער הימעל איז שוין נישט געווען אַזוי בלוי, ווי אַמאָל, נאָר עס האָט איהם איצט צו־געדעקט אַ לייכטער נעבעל פון אַ פאַרב, וואָס האָט קיין נאָמען נישט. ס׳איז נישט דער קאָליר פון פיאָלעט און אויך נישט פון צין, נאָר ווי עפּעס אַ דורכזיכטיגער רויך. אויך די היץ איז שוין נישט געווען ווי אַמאָל. זי האָט מעהר נישט געפּייניגט דעם מענש, ווי די תמוז־גלוט, אָבער די תמוז־גלוט איז ביי איהר גאַנצער גרויזאַמ־קייט געווען פרעכטיג און בעגעהרליך פאַר דער נשמה, וועהרענד די דאָזיגע נייע היץ מיט איהר גאַנצער מילדקייט איז געווען לעסטיג. אויך די אָוועדען האָבען אָנגעהויבען ווערען לענגער, און פּאַלמי האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר: יעדען אָוועגד פלעגען די געסט זיך פערזאַמלען אין עס־זאַל, נישט אויף צו עסען און נישט אויף צו טרינקען, נאָר זיי פלעגען זיצען אַלע צוזאַמען און שמועסען מיטאַנאַנד אָדער שפּיעלען איינער מיט׳ן אַנדערען. פּאַלמי האָט זיך אַ ווײַלע פערטיעפט אין געדאַנקען. זיין האַרץ האָט עפּעס פאָרגעפיהלט, אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואָס אַזוינס.

עפּעס אַ מין לאַנגווײַליגקייט איז פּלוצלינג בעפאַלען די גאַנצע פוילע געזעלשאַפט אַרום.

און איינמאָל אינדערפריה, ווען פאַלמי איז אריין אין עס-זאַל, האָט ער בעמערקט עפּעס אַ שינוי. אין ערשטען אויגענבליק האָט ער נישט געקאָנט כאַפּען, וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען און וואָס עס האָט זיך דאָ פערענדערט. ער איז דאַן געלאָפען אַהין און אַהער, אַרומגעשניפעלט, עטליכע מאָל לייכט אונטערגעבילט, און איז דאַן געבליבען שטעהן אויף אַנ'אָרט. פּלוצלינג האָט ער פערשטאַנען, וואָס עס איז דאָ אַזוינס געשעהן: צוויי דריי שטוהלען זענען אַרויס-גענומען געוואָרען פון דער רייהע אַרום דעם טיש, און די צאָהל בענקלעך האָט זיך פערמינערט. פאַלמי האָט אבער נישט פערשטאַנען, פאַרוואָס עס איז געוואָרען וועניגער בענקלעך און פאַרוואָס עס איז געוואָרען אַזוי געערים צווישען די איבערגעבליבענע. ס'איז איהם נישט איינגעפאַלען, אַז ביינאַכט, ווען ער איז נאָך געשלאָפען, זײַנען צוויי-דריי פון די שטענדיגע געסט אָבגעפאָהרען צוריק אין שטאָדט אַריין. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער פערגעסען די גאַנצע געשיכטע. דער טומעל איז נאָך געוועזען גענוג גרויס און אַרבייט איז געווען פיעל.

און דער הימעל איז געווען עטוואָס טונקעל און די בלעטער זענען שוין נישט געווען אַזוי פריש ווי אַמאָל. זייער גרינע פאַרב האָט אַ ביסעל אָבגעבליאַקירט.

אָבער אין עטליכע טעג אַרום האָט פאַלמי'ן פּאַסירט אַ ניי שרעקליך געשעהעניש, וואָס ער האָט עס גאָרנישט ערוואַרטעט. אינ-מיטען העלען טאָג, פאַר זיינע אויגען, זענען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסען פיער מאַן פון זיינע שטאַם-געסט. אַ וועגעלע האָט געוואַרט פאַר'ן טויער. דער לאָקיי און די דיענסט האָבען נאָכגעטראָגען פעקלעך און חפצים. די מענשען זענען אַרויף אויפ'ן וועגעלע און דער פוהרמאַן האָט אַ שמיץ געטהון מיט דער בייטש, עס האָט זיך דערהערט אַ „וויאָ" און די מענשען זענען אָבגעפאָהרען און פער-שוואונדען. פאַלמי האָט נישט פערשטאַנען פאַרוואָס. ער האָט פּלוצ-לינג דערפיהלט אַ שטאָך אין האַרצען ווי מיט אַ שפּיז.

און עס איז געקומען איין אומגליק נאָכ'ן צווייטען: קאַלטע

ווינטען האָבען אָנגעהויבען בלאָזען, נאָכהער האָבען וואָלקענס זיך צעלעגט איבער'ן הימעל און אַ פוילער זלידנער רעגען האָט אָנגעהויבען טריעפען...

פּאַלמי איז געשטאַנען אויף דריי פּיס, דעם פיערטען פוס אויפגעהויבען אין דער הויך, און האָט פיעל געטראַכט און געפּאָרשט.

אַ גאַנצע נאכט איז געגאַנגען אַ רעגען, דער גרינער פּלויט איז אינגאַנצען בענעצט געוואָרען, די ברעטער און שטאַנגען זענען דורכגעצווייקט געוואָרען פון וואַסער און האָבען געהאַט אַ זעהר אומעטיג אויסזעהן. די עופות האָבען זיך פערקליבען אויף דער שטאַנג און געקלאַפּט מיט די פליגעל, און זייערע פעדערען זענען געווען נאַס. אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען פּאַלמי און געקוקט, און זיין הויט און האָר זענען אויך געווען דורכגענעצט פון רעגען, און אַ קאַלטער שוידער האָט איהם פלוצלינג דורכגעריזעלט לענג-אויס דעם רוקען-ביין. עס איז איהם דאָן אַזוי באַנג געוואָרען...

צומאָרגענס האָבען אין עס-זאַל געפעהלט שוין מעהר פון צוואַנציג שטוהלען. אויך דאָס ביסעל מענשען, וואָס מ'האָט נאָך גע־זעהן אין שטוב, איז בעדייטענד פערמינערט געוואָרען. אַקעגען אָווענד האָט מען געמאַכט פייער אינ'ם אויווען פונ'ם עס-זאַל.

און דער רעגען גיסט פון צייט צו צייט אַלץ אָפטער, און די ווינטען בלאָזען אַצינד שטורמיש פון צייט צו צייט אַלץ אָפטער.

און איינמאַל ווען פּאַלמי איז אַריינגעקומען אין עס-זאַל, איז ער אויפגעציטערט געוואָרען. ער האָט ביים מיטאָג־עסען געטראָפען אינגאַנצען נאָך פינף פערזאָן, און אויך מיט זיי האָט מען זיך מעהר נישט אָבגעגעבען ווי געהעריג. דאָס רוב שטוהלען זענען געשטאַנען אי־בערגעדרעהט און אויפגעשטעלט ווי אַ זייל איינער איבער'ן אַנדע־רען, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד אין אַ ווינקעל. און די רעגענס האָבען געגאָסען אָהן אויפהער און די ווינטען האָבען געבלאָזען צאָרניג-שטורמיש. אין דרויסען זענען געפלויגען און געטאַנצט די געלע בלעטער, פאַלענדיג פון די בוימער. עפּעס אַ שרעקענס-גע־שפּענסט האָט שפּאַצירט אונטער'ן הימעל — און פּאַלמי האָט געקוקט און זיין געמיט איז פלוצלינג זעהר פעראומערט געוואָרען.

און דער בעל-הבית מיט דער בעל-הבית'טע און אויך די קע־כין און די דיענסט און דאָס יונגעל האָבען אַצינד געהאַט זיבענ־

מאָל מעהר פרייע צייט ווי פריהער, און זיי האָבען איצט געפונען אַ געלעגענהייט זיך אומצוקוקען אויך אויף פאַלמי'ן און איהם אַרויס־ווייזען זייער ליעבשאַפט, גלעטענדיג איהם און געבענדיג איהם יע־דער זיין געשענק, אַמאָל אַ שטיק פלייש און אַמאָל אַ טעפעל מילך — אָבער דאָס האָט פאַלמי'ן נאָך מעהר וועה געטהון: איז דאָך איהם זיבעצ־מאָל בעסער געווען דאַמאָלס, ווען מ'האָט איהם געשטויסען און געטרעטען מיט די פיס און קיינער האָט זיך נישט געקימערט וועגען איהם און וועגען זיין הונגער. דאַמאָלס איז דאָך געווען זומער-לעבען אויף דער וועלט און דער טומעל איז געווען אַזוי גרויס....

און איינמאָל, ווען ער איז אויפגעשטאַנען אינדערפריה און איז אַריין אין עס-זאַל, האָט ער שוין דעם לעצטען גאַסט אויך נישט מעהר געטראָפען. אויך ער איז שוין געווען אַוועקגעפאָהרען. נישטאָ מעהר קיין מיטאָג-צייט און קיין מיטאָג-עסען. די ברעטער פונ'ם טיש זע־נען שוין אַראָבגענומען געוואָרען פון דעם דראָנג און זיי שטעהען איצט אויסגעשטעלט אין אַ ווינקעל. אויף דער פאָדלאָגע ליגען בערג שטרוי און היי און וואו ער טהוט זיך אַ קעהר וואַלגערען זיך פעק־לעך און בינטלעך איינגעפאַקטע זאַכען. דאַכט זיך, אַז אויך דער בעל-הבית און די בעל-הבית'טע אַליין מאַכען איצט זייערע פאָר־בערייטונגען אָבצושליסען דאָס גאַנצע הויז אויף אַ שלאָס און זיך אומצוקעהרען אין שטאָדט אריין. אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזען. אַ גרויסע מרה-שחורה איז פאַלמי'ן בעפאַלען. עס האָט איהם געקרענקט און פערדראָסען, און ער האָט נישט געוואוסט וואָס...

און דער הימעל אין דרויסען איז פלוצלינג געוואָרען ווי איין שטיק בליי. די וואָלקענס זענען געהאָנגען שווער און פויל און דורכגעזאַפט מיט וואַסער. די פאַלענדע טראָפענס זענען געווען שווער. דער ווינד האָט אַלע ווייַלע געפייפט און געפיהרט צום טאַנץ די בלעטער, וואָס זענען פון די בוימער געפאַלען, קוילערענ־דיג זיי האַסטיג אין דער לופטען ווי רעדער. און די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזעהן ווי זי וואָלט זיך געגרייט אומצוקעהרען צו איהר אורשפרונגליכער וויסטעניש.

און פאַלמי איז געשטאַנען אויף דריי פיס, אויפהויבענדיג

דעם פערטען פוס אין דער הויך, און זיינע טרוימערישע אויגען זענען זיך פערלאָפּען אין געדאַנקען. רבונו של עולם, נאָך וואָס טויג דאָס אַלץ? נאָך וואָס זענען די אַלע מענשען אַהער געקומען און צו וואָס זענען זיי דאָ געזעסען לאַנגע וואָכען און דאַן ווידער פּלוצלינג אַוועקגעפאָהרען? צו וואָס איז געווען אַזוי הייס און פאַרוואָס איז די היץ פּלוצלינג פערגאַנגען און ס'איז געקומען די קעלט? פאַרוואס איז דער הימעל געווען אַזוי קלאָר און שעהן און צאַרט און פאַרוואס איז ער פּלוצלינג אַזוי טונקעל געווארען? און נאך וואס טריפט דער רעגען און בלאזט דער ווינד? און צו וואָס איז דער זומער און צו וואס דער ווינטער? רבונו של עולם, צו וואָס, פאַר וואָס, נאָך וואָס?...

פאַלמי האָט זיך פערטיפט אין דעם געהיימניש פון דער וועלט און האָט אויף קיין פאַל נישט געקאָנט געפונען קיין זין און קיין אויסרעכנונג אין דעם גאַנצען וועזען, וואָס קומט פאַר אונטער דער זון.

III

ווען די טויטע וואָלטען קאָנען רעדען

(אויך א מעשה)

דער טויט, זאָגט איהר, איז שרעקליך? איז ביטער? איז פינסטער? דאָס לעבען, זאָגט איהר, איז ליעב? איז זיס? איז ליכטיג? דער אַריבערפאָהר פונ׳ם לעבען אינ׳ם טויט, זאָגט איהר, איז אַ זאַך, וואָס ביים געדאַנק אַליין שוין שטעלען זיך איינעם די האָר קאַפּויר? — ניין, קינדערלעך, אַ נאַרישקייט, זאָג איך אייך, אַ נאַרישקייט! ווען די טויטע וואָלטען קאָנען רעדען, ווער ווייס, צי זיי וואָלטען אונז נישט זאָגען וואָרט פאַר וואָרט דעם היפך!...

איך האָב אָנגעקוקט דעם אַלטען, בעת ער האָט צו אונז גערעדט. דער שטערען איז ביי איהם געווען אַ זעהר הויכער און אין דער הויך פון ביידע שלייפען איז די הויט געווען אונגעוועהנליך ווייס. צווישען די אויגען איז געגאַנגען אַ קנייטש, טיעף און געקרומט ביז אין די נאָז-וואָרצעל אַריין. פון קינדוויי-אויף האָב איך דעם אַלטיטשקען ליעב געהאַט.

נאָר זיבעציג יאָהר — רעדט ער צו אונז ווייטער — לעבען מיר. אָבער זעהט איהר: צעהנדלינגע מיליאָנען יאָהרען זענען איבער אונז אַוועקגעגאַנגען איידער מיר האָבען געלעבט, און צעהנדלינגע מיליאָנען יאָהרען געהען איבער אונז אַוועק דאַן, ווען מיר ליגען ווידער טויט. לעבען איז אַלזאָ נאָר אַ קליינטשיק, קליינטשיק ברוכטיילעכעל פון אונזער זיין, וועהרענד דער גרעסערער טייל איז דאָס נישט-לעבען. ובכן: דאָס, וואָס איז קליין און ווינציג איז נאָר די נעבען-זאַך, דער טפל, דאַגעגען איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז דער גרויסער טייל איז די הויפטזאַך, דער עיקר. די זיבעציג יעהרעלעך פונ׳ם לעבען זענען אַלזאָ נאָר דאָס צופעליגע, דאָס נישט-נאָרמאַלע, די אויסנאַהם, וועהרענד די מיליאָנען יאָהרען פונ׳ם נישט-לעבען זענען דאָס נאַטירליכע, די נאָרם, דאָס בעשטענדיגע... נישט-

לעבען איז אונזער נאָרמאַלער צושטאַנד פון אייביגקייט ביז אייביג-קייט, אָהן אָנהויב און אָהן סוף, און נאָר אין דער מיט קומט-פאָר עפּעס אַ קליינע הפסקה אויף אַ ווייל'ע, אַנ'אונטערברעכונג אויף קאָרגע זיבעציג מינוטען, אָדער ווי מען רופט עס „יאָהרען", אום דאַן באַלד ווידער זיך אומצוקעהרען צו דעם נאָרמאַלען צושטאַנד פון דעם נישט-זיין, פון דעם אייביגען נישט-זיין...

איך האָב איהם שטאַרק אָנגעקוקט.

און ווי איך בין אַוועק דאַן אַליין בייננאַכט אַהיים, האָבען אין מיר געזרוישט און געאַרבייט די ווערטער: „ווען די טויטע וואָלטען קאָנעז רעדען". איך האָב וועגען עפּעס געטראַכט און געטראַכט, און וועגען וואָס — האָב איך נישט געוואוסט. טיעף אונטער דער שוועל פון מיין בעוואוסטזיין — ווי די פילאָזאָפען זאָגען — האָט אין מיין מוח עפּעס געגריבעלט, און איך האָב עס נישט געקענט דערטאַפּען. ווי אומגליקליך איך בין און ווי עלענד און דערשלאָגען, ווי מאַט איך בין און ווי מיעד. אַן, איז פּאַסקודנע דאָס גאַנצע ביסעל לעבען! נאַדיר כ'לעבען אַ גראָשען פאַר'ן גאַנצען! און דאָ פיהל איך מיך אַזוי אָבגעמאַטערט... יאָ, עס איז אינ'ם גאַנצען לעבען גאָר קיין „יעצט" נישט פאַרהאַנען; עס איז אַלץ אָדער אַ פערגאַנגענהייט אָדער אַ צוקונפט. אין דער גראַמאַטיק פונ'ם לע..ען פעהלט די געגענוואַרטס-צייט. און דאָ זענען מיר די פיס שווער, די הענד שווער און אַלע חושים ווי בליי... אַ שעהן ביסעל לויהגט זיך דאָס דער גאַנצער טאַראַראַם און דאָס גאַנצע רעש'ען פון אינדערפריה ביז אין דער נאַכט און פון דער נאַכט ביז אינדערפריה. און איך געה און חלום, געה און חלום אַזוי שווער, אַזוי שווער. פון וואַנען קומסטו דאָ, אומגליקליכער טראָפּען, דו? פון דער אייביגער רוה: און וואו אַהין געהסטו? אין די אייביגע רוה אַריין, אין די רוה, וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף...

און אויסגעגאָסען ליעגט אַרום מיר די ריינע בלויע טיעפע נאַכט, און דער בלויער גלאַנץ רוהט דורכזיכטיג ווי אַ טוי אויף די לעדיגע שטילע גאַסען, אויף דעם שטילען פאַר'חלומ'טען מאַרק, אויף דעם גרוי-ווייסען ברונעם אינ'ם עק פון מאַרק און אויף די טרעפּלעך פון דער שוהל. עס הערט זיך פון דער נאַכט אַרויס אַ מין רוישען —

און איך ווייס נישט, ווער דער רוישער איז. איך הער מיינע טריט: איינס-צוויי, איינס-צוויי — אָדער איז עס דאָס קלאַפּען פון מיין האַרץ? און די שאָטענס שוועבען איבער די הייזער, און מיין אייגענער שאָטען, אַ העלפט פון דער זייט און אַ העלפט אויף דער ערד, קריכט נעבען מיר פון מיינע פיס אַרויס און איז פיעל גרעסער פון מיר איינגאַנצען. פלוצלינג הער איך ווערטער רעדען. קלאָר און דייטליך האָב איך געהערט וואָרט פאַר וואָרט: „ווען די טויטע וואָלטען קאָנען רעדען". האָב איך מיך אַליין אַרויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער?

און די ווערטער ווערען אַלץ מעהר און מעהר. נישט אַנדערש: די טויטע האָבען דאָס אָנגעהויבען צו קאָנען רעדען.

און איך חלום און געה...

*

אויף די טרעפּלעך פון דער שוהל שטעהען דריי געשטאַלטען: אַ באָציאַן מיט די הויכע פיס און דעם לאַנגען רויטען שנאָבעל; נעבען איהם אַ שוואַרצער מיט טויזענד אויגען, און נעבען דעם שוואַרצען אַ ווייסע ליכט-געשטאַלט מיט טויזענד שטראַהלען.

„איך", זאָגט דער באָציאַן, „בין אַ קונדס און האָב ליעב דעם שטיף, געה איך פאַרביי פאַר אַ טייך און דערמאָהן זיך, אַז דאָרט זענען פאַרהאַנען נשמות פון נאָך נישט געבוירענע קינדער, וועלכע שלאָפען נאָך אין דער שויס פון דעם גרויסען גאָרנישט און האָבען תענוג פון זייער נישט-זיין, דאָ שטעק איך אַריין מיין שנאָבעל פלוצ-לינג אינ'ם וואַסער און כאַפּ אַרויס אַזאַ נישט-געבוירענס און דערלאַנג עס אַ וואָרף אין לעבען אַריין און עס הויבט-אָן זאַפּאָרט צו לעבען. איך בין, ווי איהר ווייסט, דער באָציאַן, וועלכער ברענגט די קינדער אויף דער וועלט. אָך, ווען איהר וואָלט זעהען, ווי דאָס צאַפּעלט און וועהרט זיך מיט הענד און מיט פיס געגען דעם לעבען, אין וועלכען מען צווינגט עס אַריין איבער געוואַלד, און ווי דאָס וויינט און קלאָגט! און איך וויש מיר אָב דעם שנאָבעל, ווי נישט מיך מיינט מען עס, און זאָג מיר: אַ שעהנע ריינע כפרה..."

„און איך", ענטפערט דער שוואַרצער מיט די אויגען, „איך מאַך עס נאָך טויזענדמאָל ערגער פון דיר. די לעבעדיגע נעהם איך, די

דאָזיגע, וועלכע זענען ווי-עס-איז שוין אינ׳ם לעבען, און טויט זיי און פיהר זיי אַוועק פון דער וועלט. איך בין, ווי איהר ווייסט, דער מַלְאַךְ-הַמָוֶת. אָך, ווען איהר וואָלט זעהען, ווי דאָס צאַפּעלט און ווי דאָס וועהרט זיך מיט לייב און לעבען געגען דעם טויט און ווי דאָס ענדערט די צורה און דאָס גאַנצע אויסזעהן ביי מיין אָנקומען און ווי אַלע אַרום-און-אַרום וויינען און קלאָגען און ברעכען זיך די הענד! איך שטעה און לאַך און אַלע מיינע טויזענד אויגען לייכטען פאַר תענוג...״

„עט״, זאָגט דער דריטער, דער מיט די טויזענד שטראַהלען.

— „אייערע ביידענס שלעכטיגקייט איז אַזוי גרויס ווי אַ טראָפּען, ווען איך זאָל זי פערגלייכען מיט מיינער. איהר מעגט זיך אלע ביי מיר ערשט אָנדינגען אויף די לעהר. איך בין, ווי איהר ווייסט, גבריאל, דער מלאך פון תחית-המתים. צו די, וועלכע האָבען אַלעס שוין אָבגע-פטר׳ט און זענען גאָט-זיי-דאַנקען שוין געשטאָרבען, קום איך, און זיי נעהם איך און מאַך זיי ווידער לעבעדיג. איהר מוזט מיר אַליין מודה זיין, אַז דאָס שפּיצעל, וואָס איך טהו אָב, איז פון אייערע ביידענס צוזאַמען דאָס גרעסערע. פון דער נאַטור בין איך אַ בעשעפעניש, וואָס האָט אַ הנאה דערפון, ווען יענער קרענקט זיך...״

דער באָציאַן האָט אויפגעריסען זיין לאַנגען שנאָבעל און האָט זיך פערוואונדערט; דער מלאך-המות האָט אויסגעגלאָצט זיינע טויזענד אויגען און האָט געשטוינט.

און גבריאל האָט ווייטער גערעדט: „יעצט, ווען איך האָב אַזאַ גוטע געלעגענהייט, וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכען אויף אַ גע-וואַלדיגען טעות, וועלכער איז זעהר פערשפּרייט. געוועהנליך מיינען אַלע, אַז תחית-המתים איז אַ זאַך, וועלכע וועט אין אַ געוויסע צייט מיט איין מאָל געשעהן, אַזוי אַז אין אַ בעשטימטען טאָג וועלען אַלע טויטע גלייכצייטיג אויפשטעהן און וועלען אַרויס פון די קברים; דאָס איז, נאַטירליך, אַ טעות. תחית־המתים געשעהט נישט מיט אַמאָל, נאָר איינציגווייז, און נישט אין אַ געוויסער בעשטימטער צייט, נאָר טאָג-טעגליך, און נישט ערשט אין דער צוקונפט, נאָר פון אייביג אָן איז עס געשעהן און עס געשעהט איצטער יעדען טאָג און וועט אַזוי געשעהן אויך אין דער צוקונפט טאָג-טעגליך. יעדען טאָג ווערען דורך מיר אַ געוויסע צאָהל מתים אויפגעוועקט און זיי ווערען ווידער לע-

בעדיג — און נאָר די פאָרם ענדערט זיך. די מאַשין איז אַ מין ראָד, וואָס דרעהט זיך אָהן אויפהער: איינער פון די לעבעדיגע שטאַרבט, און איינער פון די טויטע שטעהט-אויף. עס איז דאָס געזעץ פון דעם אייביגען אויסטויש...

דער באַציאָן האָט פונאַנדערגעשפּאַרט זיין שנאָבעל און זיך געשטעלט אויף איין פוס פאַר פערוואונדערונג; דער מלאך המות האָט וויט אויפגעריסען אַלע זיינע אויגען און האָט געשטוינט.

— יענע וועלט איז אַ גרויסע, אונענדליך גרויסע וועלט, און אין איהר ליעגען די טויטע, רוהיג און צופריעדען, געניסענדיג די גרויסע אונענדליכע רוה, די רוה איז דער תּכלית פון אַלע תּכליתים. וויסען מוזט איהר אָבער, אַז די טויטע האָבען ליעב דעם טויט מיט זייער גאַנצער נשמה, זיי זענען צוגעבונדען צו איהם מיט דעם גאַנצען האַרצען, און נישט פערבייטען וועלען זיי איהם פאַר קיין שום אוצרות פון ביידע וועלטען — איהר קענט דאָך מן הסתּם אַנ'עהנליכע ערשיי־נונג ביי די לעבעדיגע, און ווי די דאָזיגע לעבעדיגע האָבען ליעב דאָס לעבען?... נאָר איין זאַך איז פאַרהאַנען ביי די טויטע, וועלכע פערביטערט זיי אַביסעל דעם טויט: די אייביגע מורא פאַר תּחית־המתים — איהר קענט דאָך מן הסתּם אַנ'עהנליכע ערשיינונג ביי די לעבעדיגע, און ווי די דאָזיגע לעבעדיגע שרעקען זיך תּמיד פאַר'ן טויט?... ווען נישט די דאָזיגע מורא דאָרט ביי די טויטע, און ווען נאָר זיי וואָלטען ביי זיך וויסען, אַז זיי קאָנען אייביג טויט זיין און וועלען קיינמאָל מעהר נישט דאַרפען אויפשטעהן, וואָלטען זיי זיין גליקליך ביז גאָר. די זעלבע ראָלע, וועלכע דער מלאך־המות שפּיעלט ביי די לעבעדיגע, שפּיעלט איך ביי די טויטע. — דער מלאך־המות געהט! — שרייען די לעבעדיגע און ציטערען מיט אַלע זייערע רמ"ח אברים. — דער תּחית־המתים־מלאך געהט! — קלאָגען דאָ די טויטע און פלאַטערען מיט אַלע זייערע שס"ה גידים. די מוטער אויף יענער וועלט היט־אָב איהר קינד ווי אַנ'אויג אין קאָפּ, אַז עס זאָל נאָר נישט לעבעדיג ווערען, און דער מאַן, וועלכער האָט ליעב זיין ווייב, היט זי אָב ווי אַנ'אוצר, אום דער פאָדים פון איהר טויט זאָל זיך נאָר נישט איבעררייסען. זעלבסטפערשטענדליך, זענען אויך דאָרט פאַר־האַן פילאָזאָפען, וועלכע בעמיהען זיך דורך פערשיעדענע חקירות צו

פערזיסען אַביסעל דאָס לעבען און דאָס לעבעדיג-װערען, אום עס זאָל נישט פאָרקומען איינעם אַזוי שרעקליך, און אַזוי זענען אויך פאַרהאַן פערשיעדענע לצים און װאוילע יונגען, װעלכע שטרענגען זיך אָן דורך לצנות און דורך גלייכװערטלעך אָבצולאַכען פונ׳ם לעבעדיג װערען, כּדי דעם עולם אַביסעל צוצוגעװעהנען צו דעם שרעקליכען געדאנק. אָבער, נאַטירליך, העלפט דאָס אַלץ נישט אינ׳ם טאָג פון צאָרן – אינ׳ם טאָג, װען דאָס לעבעדיג-װערען קומט-אָן.

...און פיעל פון די ערשיינונגען און געשעהענישען און מעשות, װעלכע איהר זעהט און געפינט אָפט ביי די לעבעדיגע, װאָס לעבען דאָ אויף דער ערד, זעהט איהר און געפינט אויך דאָרט ביי די טויטע אויף יענער װעלט. אין דעם שויס פונ׳ם טויט ליעגען זיך די טויטע, רוהיג און צופריעדען, געניסענדיג אַלדאָס גוטס, פּלוצלינג: דאָס אומגליק איז פאַרטיג: הינד שפּיעלען זיך, דער תּחית-המתים-מלאך איז דאָ אין דער שטאָדט! עפּעס האָט זיך איינער אַ טויטער געריהרט דאָרט פון זיין אָרט און האָט בעװעגט מיט אַ האַנד אָדער אַ פוס. אַלע קרובים און בעקאַנטע האַלטען אין איין ברעכען זיך די הענד: אוי, אַנ׳אומגליק איז געשעהן! אוי, ער געהט לעבעדיג װערען! אוי, נאָר איין שפּריז איז נאָך צװישען איהם און דעם לעבען! און דאָ אַרביי-טען זיי מעשים און װענדען-אָן כּל המיני מיטלען, אום דעם טויטען צו דערהאַלטען ביים טויט, און ברענגען אַראָב דאָקטוירים און אָבשפּרע-כער און געבען רפואות און קמיעות און זאַלבען און סגולות, און עס מאַכט זיך אָפט, אַז עס גילט זיי טאַקי אָב דעם טויטען אָבצוראַטעװען און איהם צוריק אַװעקצולעגען טויט. טיילמאָל אָבער איז דער גזר-דין שוין אַ פאַרטיגער, און עס העלפט דאַן קיין שום מיטעל נישט מעהר: דער טויטער שטעהט-אויף און װערט לעבעדיג. ביים לעבעדיג-װערען קומען די קלאָג-פרויען און די מליצה-שרייבער און האַלטען איהם דעם הספּד: אוי, דו אונדערבאַרימדיגעס לעבען! אוי, דו לעבען, רוצח! װי האָסטו איבערגעריסען װי אַ װעבער דעם פאָדים פונ׳ם טויט? װי איז אויפגעשטיגען דער שניטער און האָט געשניטען און האָט נישט געהאַט קיין דערבאַרמען? – דער נוסח מוז איין אודאי בעקאַנט זיין!

...זעלבסטפערשטענדליך, זענען אויך דאָרט די רייכע ביז צו אַ געװיסער מאָס אין אַ בעסערער לאַגע װי די אָרימע. די רייכע האָ-

בען ווענינסטענס די מיטלען אין דער האַנד, זיך אויסצוהיטען, ווי ווייט מעגליך, פון לעבען און פון די אַלע צרות און פורעניות, וועל־כע ברענגען צום לעבען: זיי היטען זיך ראשית פאַר דערוואַרעמונג— ביי די לעבעדיגע רופט מען די דאָזיגע קראַנקהייט „ערקעלטונג״ — זיי זיצען כסדר אין די צפון־לענדער, פאָהרען אין די היצען אַוועק אין אַזעלכע ערטער, ווי סיביר אָדער לאַפּלאַנד, האַלטען זיך דאָקטוי־רים און פראָפעסאָרען און פאָהרען ביי יעדער קלייניגקייט אַוועק אין די קאַלט־בעדער, אָדער זיי ערלויבען זיך אָפט דעם לוקסוס פון פאַסטען אַ טאָג לאַנג, פערקעהרט פון די אָרימע, וואָס זיי נעבען האָבען די פליכט יעדען טאָג אָהן אויסנאַהם צו מוזען זיך זאַט אָנ־עסען — איהר ווייסט דאָך מן הסתם דאָס אַלץ.

...נאַטירליך איז דאָס אַלץ נאָר דאַן, ווען די יאָהרען זענען שנים כתקונן, נאָרמאַלע יאָהרען. עס מאַכט זיך אָבער אויך יאָהרען, וועלכע זענען נישט נאָרמאַל, און דאַן ווערען לעבעדיג נישט נאָר איינצעלנע נפשות, נישט נאָר יחידים, נאָר גאַנצע שטעדט און קהלות קעהרען זיך אום צום לעבען. עס מאַכט זיך למשל, אַז עס הויבט אָן אומצוגעהן אַ תחית־המתים־מגפה, רחמנא־ליצלן, אַ מין תחית־המתים־כאָלערא אָדער אַ תחית־המתים־דזשומאַ, און דאַן קומט פאָר, אַז יעדען טאָג כאַפּען זיך מיטאַמאָל אויף צו תחית־המתים צעהנדליגער מתים און אין עטליכע טעג אַרום ווערען, רחמנא־ליצלן, אויפגעלעבט גאַנצע מחנות ביז אויף איינעם. נאַטירליך, אַרבייט דאַן די פּאָליציי און די סאַניטאַרע געזעל־שאַפט פון אינדערפריה ביז אין דער נאַכט מיט זייער גאַנצער קראַפט, אום דאָס אומגליק ווי ווייט מעגליך אָבצוהאַלטען: זיי לאָזען מיסט אָנפיהרען אין יעדען ווינקעלע, זיי לאָזען אויסשמירען די רינשטאָקען מיט פערשידענעם שמוץ, אָדער זיי לאָזען מיט אַבזיכט ענטשטעהן גאַנצע קולטורען מיט באַצילען, כדי דאָס לעבען נישט צו לאָזען אויפקומען.

...אָדער עס מאַכט זיך אַמאָל צווישען די טויטע אויך עפּעס אַ פערברעכער, למשל אַ רוצח, וועלכער האָט אַ מענשען מיט אַבזיכט לעבעדיג געמאַכט, דאָ קומען די ריכטער צו געהן און פעראורטיילען איהם צום לעבען. נאַטירליך זוכט זיך דער פערברעכער אַדוואָקאַטען פאַר די פערשידענע אינסטאַנצען, וועלכע בעמיהען זיך פאַר׳ן געריכט דעם שולדיגען ווי ווייט מעגליך צו פערטיידיגען, אַזוי אַז אַנשטאָט

לעבען זאָל מען איהם פערגרינגערען די שטראָף אויף אייביג פערשיקט זיין, דאַדורך וואָס מען וועט איהם פערשיקען אויף טויט-לענגליך אין איינעם פון די וואָרימע לענדער; צום גרעסטען טייל אָבער גילט זיי נישט אָב, און דער פערברעכער ווערט פעראורטיילט צום לעבען. נאַטירליך, האָבען שוין פיעל פון די נייע דורות געאַרבייט מעשים אום אין אַזאַ פרייען לאַנד, ווי דער טויט, אָבצושאַפען גענצליך די לעבענס-שטראָף, וועלכע איז, ווי זיי זאָגען, נאָר אַן איבערגעבליבע-נער רעשט פון אַ באַרבאַרישער צייט, אָבער ווי עס הערט זיך, איז אַלץ געבליבען ביים אַלטען.

...אָדער פונקט אַזוי ווי ביי די לעבעדיגע, וואָס איינער נעהמט זיך אַמאָל אַליין דאָס לעבען, מאַכט זיך ביי די טויטע, אַז איינער נעהמט זיך אַליין דעם טויט און צררייסט מיט דער אייגענער האַנד דעם פאָדים פון זיין שטאַרבען. אַמאָל מאַכט עס זיך, ווייל עס ווערט איינעם איבערדריסיג דער טויט, און אַמאָל — ווייל דער טויט האָט פאַר צופיעל לעדיג-געהן פערלוירען דעם ווערט אין זיינע אויגען. למשל, טרעפט עס זיך, אַז אַ בחור מיט אַ מיידעל שפּיעלען אַ ליעבע, און די עלטערען אָדער די קרובים דערלאָזען נישט. כאַפּען זיך די ביידע יונגעלייט אויף, נעהמען אַ רעוואָלווער, לאָדען איהם אָן מיט לעבענס-הויך און שיסען זיך דעם לעבענס-הויך אַריין גלייך אין די מיילער, און אין אַ מינוט אַרום לעבען זיי שוין ביידע...

דער באָציאַן האָט פערביסען דעם אויפגעריסענעם שנאָבעל און האָט זיך פערטראַכט, און דער מלאך-המות האָט די טויזענד אויגען האַלב צוגעדריקט און האָט זיך טיעף פערקלערט.

און גבריאל איז געשטאַנען און האָט איראָניש געשמייכעלט.

*

דאָס לעבען, זאָגט איהר, איז ליעב און זיס און ליכטיג?—האָט דער אַלטער צו אונז גערעדט—דער טויט, זאָגט איהר, איז שרעקליך און ביטער און פינסטער! ווער ווייס? ווען די טויטע וואָלטען קאָנען רעדען, וואָלטען זיי אונז זאָגען אפשר דעם היפך...

און איך האָב מיטאַמאָל אָנגעהויבען צו פערשטעהן...

צוויי העלדען

I

אמאָל איז געווען אַ העלד מיט אַ פּנים ווי אַ פלאַם-פייער, מיט מוסקולען ווי די דראָהטען, מיט הענד ווי די אייזענס — און אויסגעפילט האָט זיין האַרץ נאָר איין איינציגער געדאַנק: איינצונעהמען די גאַנצע וועלט און אַלץ אויף דער וועלט זיך צו מאַכען אונטערטעניג. ווי דאָס פייער פון גיהנום, אַזוי האָט געברענט אין זיין נשמה די תאוה צו כבוד.

און אַרויס איז דער העלד צווישען די בערג, דאָרט וואו מען גראָבט די פערשיעדענע מעטאַלען פון דער ערד, און האָט געגראָבען און געהאַקט און געזוכט. און אַראָבגעלאָזען האָט זיך דער העלד אין די טיעפע גרוב, וועלכע איז אין דער הייהל, און האָט געהאַקט און געגראָבען און געזוכט. און געפונען האָט דער העלד די אָדערען פון אייזען אין דער ערד, און ער האָט געגראָבען און געגראָבען. און די אייזען-ערד האָט ער אַרויסגעהאַקט פון דעם מאַגנעס-שטיין און פון דעם קיזעל-שטיין, און אַריינגעוואָרפען האָט ער די אייזען-ערד אין אַ קאַלך-אויווען און געברענט האָט ער זי, און אַרויסגעקומען איז דאָס אייזען. דאָ האָט ער געברענט און געברענט דאָס אייזען און האָט עס געלייטערט פון קויהלען, און אַרויסגעקומען איז דאָס ריין-אייזען. דערנאָך האָט ער געברענט און געלייטערט דאָס ריין-אייזען, און אַרויסגעקומען איז דאָס האַרטע שטאָהל.

דאָ האָט דער העלד גענומען דאָס האַרטע שטאָהל און האָט עס געבראַכט אין אַ פאַבריק אַריין, און האָט עס געקלאַפּט און געפרעסט און געהעמערט, און געמאַכט האָט ער זיך — אַ שווערד.

און גענומען האָט ער די שווערד און אָנגעגורט האָט ער זי אויף די לענדען, און אַרויס איז ער מיט איהר אין די וועלט אַריין,

אום איינצונעהמען די גאַנצע וועלט און אַלץ אויף דער וועלט זיך צו מאַכען אונטערטעניג.

אָבער וואָס ער האָט געוואָלט, איז נישט געוואָרען, די שווערד האָט נ י ש ט בעזיעגט די וועלט!

II

אַמאָל איז געווען אַ העלד מיט אויגען לייכטענדיגע ווי די זון, מיט אַ פּנים עדעל ווי אַנ'אֶבֶן־טוֹב, מיט אַ האַרץ גליהענדיג ווי אַ מזבח — און אויסגעפּילט האָט דאָסזעלביגע האַרץ נאָר איין איינציגער געדאַנק: איינצונעהמען די גאַנצע וועלט און אַלע הערצער זיך צו מאַכען אונטערטעניג. ווי דער נר־תּמיד אין בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, אַזוי האָט אין זיין האַרץ געפלאַקערט דאָס פייער פון כבוד.

און אַרויס איז דער העלד צווישען די בערג, דאָרט וואו מען גראָבט די מעטאַלען אין דער ערד, און ער האָט געגראָבען און געהאַקט און געזוכט, און געפונען האָט ער דאָס אייזען.

און געלייטערט האָט ער דאָס אייזען און אַרויסגעקומען איז דאָס האַרטע שטאָהל.

דאָ האָט ער גענומען דאָס האַרטע שטאָהל און האָט עס געבראַכט אין די פאַבריק אַריין, און האָט עס געהעמערט און געקלאַפּט, און געמאַכט האָט ער זיך — אַ שטאָהל־פעדער.

און מיט דער שטאָהל־פעדער איז דער העלד אַרויס אין די וועלט, אום איינצונעהמען די גאַנצע וועלט און אַלע הערצער זיך מאַכען אונ־טערטעניג.

און וואָס ער האָט געוואָלט, דאָס איז געוואָרען. בעזיעגט האָט די פעדער די גאַנצע וועלט!

אינהאַלט

I

דער טאַנץ 7
מיט דער אָל 16
אינ'ם באַרג סיני 22
די קופּערנע שלאַנג 35
דער סורר-ומורה 46
די סוטה. 60
די עגלה-ערופה 76
די עיר-המקלט 90
דער האָלץ-קלויבער 105
סיני 117

II

דאָס קליינע מלאָכ'ל 131
לילית 150
פּאַלמי 170

III

ווען די טויטע וואָלטען קאָנען רעדען 183
צוויי העלדען 191

2=טע רשימה פון די אַבאָנענטען אויף אַלע ווערק פון דוד פרישמאַן*)

אָטאַוואַ (קאַנאַדאַ)

מ. גאָלדבערג
ל. ס. גרינבערג
ד. גרין
מ. לאָעב
א. לעוויטין
ד. מירסקי
ד. סלאָווער
ל. עפשטיין
ק. פאָלינסקי
מ. פעלער
י. פריעדמאַן
א. קאָפּלאַן
צ. קאַפלאַן
ל. שערמאַן

אַרקאַדיאַ (קאַליפאָרניא)

מאַקס אייבראַם

אָאַקלאַנד (קאַליפאָרניא)

ק. גליוק
לואיס פראַנקפיעלד

ציוניסטישער קרייז-קאָמיטעט

ב. שטשופאַק

בערקלי (קאַליפאָרניא)

ד. עדעלשטיין

דעטראָיט (מישיגען)

פראָף. ר. ק. לינסקי
אַ. קאָמאָראָוו

דענווער (קאָלאָראַדאָ)

ע. גריימס
א. ב. הירשפיעלד
שמעון העלער
ב. חאַלעפמאַן
מ. ליטמאַן
ה. מ. קויפמאַן
מ. ס. ראַדעצקי

וואָרטשעסטער (מאַס)

קאַרל אָסטראָוו

---

*) די ערשטע רשימה איז פערעפענטליכט געוואָרען אין באַנד I. די ווייטערדיגע רשימות — אין די קומענדיגע בענדער.

וויניפעג (קאנאדא)

דאָס אידישע יתומים און קינדער-היים (אַ מתּנה פון ה׳ א. בראָנפמאַן)

טאָראָנטא (קאַנאַדא)

וו. אַגראַנאָווע
א. אַדעלבערג
מ. אייכלער
י. אַלען
ביבליאָטעק פון דער יודיש-נאַציאָנאַלער פּרויען-אָר-גאַניזאציע
א. ב. בענעט
מ. פ. גאָלדבערג
ג. גאַרבע
א. גוטמאַן
ל. גליצענשטיין
ל. געלבער
מ. געלבער
י. נ. גראַנאַטשטיין
ד. גראָסמאַן
ב. גרין
ה. גרייזמאַן
י. דזשייקאָבס
ד״ר. האָראָוויץ
י. הערמאַן
פ. הערמאנט
מאָריס וואָלף
ד. ווילסאָן
י. ווילסאָן
י. וויינראָט
ז. זעבעל
י. זעלצער
מ. ס. טיל
מאַקס מאַנזאָן (64 האַרי-סאָן-סטר.)
מאַקס מאַנזאָן (491 פּאַל-מערסטאָן-בלייד.)
י. מאָרין
מ. מיכעלזאָן
י. עפּשטיין
ד״ר פּיווניק
אַ. פריעמאַן
פעשיאַן-קלאָאַק
רעוו. קאַפּלאַן
ס. קאַפּלאַנסקי
מאקס קופער
קירשענבוים
פ. קעטעס
סעמ. קראָניק
מאקס ראָזען
מ. ראָזענשטיין
פ. ראָטענבערג
ל. ראָטענבערג
א. ראָטה
י. רובינאָוו
ס. רוגאַל
מ. רוגאל
ל. שטיינהויז
פ. שולמאַן
יאָע שוואַרץ
ל. מ. שוואַרץ

טשיקאַגאָ (אילינאָיס)

פרוי בייער
פרוי דזשייקאָבסאָן

פרופ׳ מאַרבעל
ד״ר מ. פינקעל
פרופ׳ ראַבינאָוויטש
פרופ׳ רודענס
ע. שאפּיראָ

לאָנדאָן
(אָנטאַריא-קאַנאַדא)

י. גאָלדשטיק

לאָס-אַנדזשעלעס
(קאַליפאָרניא)

ש. אַבראַמסאָן
ד״ר אָסטראָווסקי
י. אָסמאַן
ג. אַשער
ב. באַכעלעס
י. בערג
ס. בראַון
י. גאָלדבערג
ע. גאָראַל
ע. גאָרדאָן
י. גודמאַן
ל. גלאַזבאַנד
י. ווייסשטיין
ד״ר נ. זאַלצמאַן
א. טאַף
א. טיקאָ
ר. טרובין
יודישע פאָלקס-שולע
ה. לאַצאַרוס
י. לעוויט
א. מאָס
י. סוכער
ס. סירקיס
נ. ז. פּעסין
פאָלקס-ביבליאָטעק
י. פאַרבשטיין
ז. פינקעלשטיין
ד. פישער
י. פרידלאַנד
ס. קאַפּלאַן
מ. קאָפּעליאָוו
ב. קאָרן
י. קאָרנשטיין
סעמ. קאַרפּמאַן
י. קראַמער
פ. ראַבינאָוויטש
י. ראָטמאַן
ד״ר מ. מ. רובין
נ. ריווקין
פ. ריסקין
א. שאָהאַן
אהרן שאַפּיראָ
פ. שטיין

מאָנטרעאָל (קאַנאַדא)

ד״ר ע. איידלאָוו
א. באַראָן
דאָרא בליאַכער
י. בענעט
י. בערקאָוויץ
ד״ר ה. גאַרבער
ב. גאָלד
י. גוטמאַן
וו. און י. דעקעלבוים
ל. האַמער
דזשעק האָראָוויץ

ה. הירשביין
ל. חפץ
ד״ר ה. טיטעלמאַן
דוד לאַצאַרוס
י. סאָלאָמאָן
ל. סאָלאָמאָן
א. פאַטעכין
סעמ. פּאָלישוק
ה. פּאַקער
י. פּיינסטאָון
אשר פּיערס
ס. פריעדמאַן
פרוי ד. קייזערמאַן (אַ מתנה
פאר דער פאָלקס-שול פון
מ. שפּערבער)
י. ראַבינאָוויטש
א. ראָזענבלום
מאקס שערער

ניו-יאָרק

ד. איגנאטאָוו
מאַריס אייזענמאַן
י. ענטין
מ. קאַסטאָוו

סט. לואיס (מיסורי)

דוד בערנשטיין
ל. גאָלין
א. גודמאַן
אַלעקסאנז ער גודמאַן
יוליוס גלאזער (815 נ. 6-טע
סטר.)
יוליוס גלאזער 1113 לאָ-
קוסט-סטר.)

מ. דזשעק
מ. וויינטרויב
ב. זאַקס
יודישער סאציאליסטישער
פערבאנד
גוטמאַן לעווין
י. לעמבערגער
א· ניומאַן
מ. י. סלאָנים
י. פּערלמוטער
א. פּילער
סעמ. פריעדמאַן
קויפמאַן
י. קיעם
מ. ראבינאוויטש
דזשייקאב ראָגאָר
ה. רעזניקאוו

סאַן-פראַנציסקאָ
(קאַליפאָרניא)

מ· אַדלער
נ. אַלפּערט
נ. באַסקין
א. בלעכמאַן
ז. בלעכמאַן
מ. האָלצמאַן
ב. זאַקהיים
יודישער דראַמאטיש - לי-
טעראַרישער קלוב
ד״ר ה. לאַנדוואָרטה
פּ· לערנער
ה. מאַרגאלין
ס. מייערס
פרוי ה. פּאַרבמאַן

ס. פריעד
ס. פריעדמאַן
י. ציקמאַן
ה. קאַהן
וו. קאַהן
רעוו. ה. שענזאָן

סינסינאַטי (אָהיאָ)

א. בלאָק
א. גליקסבערג
נ. גראָד
ל. גרינבערג
דוד דזשייקאָבס
י. דונסקי
הרב שמואל וואָהל
בערנאַרד ר. לעווי
לואיס לעווי
לעשנער-ביבליאטעק
סעם נאַדלער
י. סאַלאַנט
ה. סימקין
לואיס קריט
סעמ. שאַפּיראָ
שענגאלד עט בערנשטיין

פּאַטאַלומאַ (קאַליפאָרניא)

מ. פּאָדוויץ
י. ריטש

פּען-גראָוו (קאַליפאָרניא)

מ. פישמאַן

פּיטסבורג (פּענסילוואַניאַ)

מאַקס אַזען
שמואל אַמדורסקי
ס. מ. גרעסער
וויל לאַנדא
האַרי ליפּמאַן
ל. לערמאַן
א. מאַרלין
ב. פּיערלמאַן
ס. פוס
ס. קאָהן
ב. קאַן
קאַרנעדזשי-ביבליאָטעק
י. ראָטבאַרט
עמיל שטיינבאַך
וו. שיף

קליוולאַנד (אָהיאָ)

א. איקאוו
י. בודין
י. בישקא
אַלפרעד בענעש
ל. מ. בערג
מאריס בעריק
סעמ. גאַרבער
סעמ. ווילקאָווסקי
דער טעמפּעל (אַ מתנה פון מר. הארוויץ)
א. טשערטאָוו
ד"ר י. מילקאָוו
י. נעשקעס
מ. און ד. סימאַן
ב. ראַבינאוויטש

Druk. „Grafia“, W.-wa, Nowolipki 7, tel. 11.87-52